STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05526

BLOYE HORIZONTN

Yeshayahu Austridan

*Permanent preservation of this book was made possible
by Meyer & Jean Steinberg
in memory of
their parents, Mr. & Mrs. Morris Steinberg & Mr. & Mrs. Jack Falkowitz*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו אוסטרי-דן

בלויע האָריזאָנטן

תשרי ה.תש"ו. מעקסיקע ד. פ.

"HORIZONTES AZULES"
YESHAYAU AUSTRI-DUN
MEXICO. D, F,
OCTUBRE 1945

דרוקעריי „די שטימע"

לחותני

הרב שמואל אליעזר דן

וועגן דיכטונג-קריטיק

ווען איך בין אָנגערעגט געוואָרן דורך יעקב פיכמאַנס „אביב בשומרון" צו שרייבן וועגן זיינע אָטעם-פאַרכאַפּנדע לידער און סאָנעטן — האָב איך אַ לענגערע צייט געשטאַמלט מיט דער פּעדער. נישט קיין קריטיק האָב איך געוואָלט שרייבן, אָבער אויך נישט קיין איבערדיכטונג אין פּראָזע פון דאָס שוין געזאָגטע אין פערזן. ס'איז מיר אויך נישט געגאַנגען וועגן דאָס שיי־נע אָדער שוואַכע אין דעם אָדער יענעם ליד, אין דער אָדער אַנדערער שורה. עס איז געווען אַ פיל טיפערער געפיל פון וועלן געפינען אַן אויסדרוק-וועג, אַ געדאַנקען-קלאַנג פאַר אַ פראַכט וואָס פלאַטערט אין די שורות פון פּאָע־מעס און לידער און זיי זענען אַזוי דורכזיכטיק, אַז ס'איז זיי כמעט ווי נישט צו זען מיט אַ פליישיקן אויג.

כ'האָב שוין פון לאַנג געהאַט ס'געפיל, אַז די קריטיק האָט געזינדיקט לגבי דיכטער און דיכטונג. מען קען נישט צושניידן טעמפּע שטיקער קוואַ־ליפיקאַציעס און קלאַסיפיקאַציעס צו אַ דיכטער און זיין געזאַנג. מען קען נישט שרייבן קריטיק וועגן פּאָעזיע אַזוי ווי וועגן פּראָזע אָדער וויסנ־שאַפטלעכע ווערק. דיכטונג איז אַ קריסטאַלין־אַטמאָספער מיט וועלכער דער דיכטער אָטעמט, אַ ספערע פון געוואַלדיקע הויכן אין וועלכע ער לעבט, אַ וועלט וואָס איז אויסגעצויבערט פון די ברוינסטע אינגעווייד־טיפענישן און

לויטערסטע נשמה־קוואלן. טאָ ווי האָט דאָ געקענט ווירקן די אַנגענומענע, טרוקענע, אנאליטישע קריטיק?

די קריטיק וועלכע איז זיך געגאנגען איר אויסגעטראָטענעם וועג אויך אין דעם קעניגרייך פון דיכטונג האָט געמוזט זיין שאבלאָן. מען קען נישט אריינפּאסן אין די ראמען פון אן ארטיקל, אָדער אפילו א גרעסערן עסיי א דערשיינונג פון דיכטער־דיכטונג. איך בין גענויגט צו גלויבן, אז דער פאקט וואָס עס ווערט אזוי פיל גערעדט וועגן דיכטער און אזוי ווייניק געלייענט זייער דיכטונג, האָט שטעקן זיינע וואָרצלען אין דער קרומער אויפפאסונג פון דיכטונג־קריטיק ביז היינט־צו־טאָג.

איך וויל דעריבער אין איינציקע זאצן, אָן ביאורים און פירושים, אי־בערגעבן מיין קרעדאָ וועגן פּאָעזיע און פּאָרשטעלונג פון דיכטונג פאר זיך און פאר צווייטן לעזער. יעדער מענטש זוכט השתפכות־הנפש און התעלות־הנשמה, מעג ער זיין דער פשוטסטער, מעג ער זיין דער געוויינלעכסטער. די פּאָעזיע דארף דעריבער געפונען דעם דרך המלך, אָדער בעסער געזאָגט, דעם דרך־הפלאים וואָס פירט צום אלגעמיינעם טיף פון „האָמאָ סאפּיענס״.

איך גלויב, אז נאָר דאָס איז דער איינציקער וועג ווי אזוי ארויסצו־פירן די בת־המלכה פון אירע פאראיינזאמטע פאלאצן אין דער גרויסער וועלט פון טאָג־טעגלעכן געברויך פארן פשוטן מענטשן.

דער גרויסער רוסישער דיכטער אלעקסאנדער בלאָק האָט געזאָגט, אז ווען יעדער מענטש וואָלט געלייענט יעדן טאָג איין ליד, וואָלט די וועלט פיל בעסער געווען. און ווער ווייס, אפשר ליגט טאקע די אנדערשקייט און ספּעציפישקייט פון יידישן גייסט און פאָלק נישט נאָר אין דעם וואָס ער האָט געשאפן אין לויף פון יארטויזנטער די הלכה און אגדה, נאָר אויך אין דער שאפונג, און וואָס וויכטיקער אין דאָס לייענען, פון דיכטונג מיט דער גע־וואלדיקער רעליגיעזער השתפכות הנפש אין תהלים און מחזורים־פיוט.

וועט איר דעריבער נישט געפונען אין די „בלויע האָריזאָנטן״ אָפּהאנד־לונגען פון אן ערודיט, נאָר פרייען פונאנדערשפּיל פון געפיל אנטקעגן דעם טיפסטן אויסדרוק און מעבטיקסטער דערהויבונג, וואָס איז דיכטונג.

איר וועט אויך נישט געפונען אין די „בלויע האָריזאָנטן״ קריטיק,

וואָס קלאַסיפיצירט נשמה׳לאַז גרויסע אויפשטורמונגען פון גאוניש׳ן דיכ־טער־גייסט, — נאָר אַ באַגייסטערטע פונאַנדערוויקלונג פון די ברייטע האָ־ריזאָנטן, כּדי דערמעגלעכן, אַז דער גייסטיקער אויפבּרויז זאָל זיך דער־שטורמען נישט נאָר מיט עכאָס, נאָר מיטן גאַנצן וועזן זיינעם, און דערגיין צו יעדן מענטש, כּדי ער זאָל זיך דאָרט קענען פונאַנדערזינגען מיטן גאַנצן אימפּעט פון זיין אינערלעכער גורל־קראַפט.

דאָס וואָס איך האָב זיך באַמיט צו דערגרייכן אין די „בלויע האָריי־זאָנטן" איז נאָר געווען פאַרטיפונג פון די ווערטן און אַנטפּלעקונג פון די וויזיאָנערישע הויכקייטן כּדי זיי מאַכן אַ ביסל צודרינגלעכער, קלאָרער, פאַרשטענדלעכער.

די דיכטונג פאַרבלייבט דאָס גרעסטע רייכטום פון דער מענטשהייט. מיר דאַרפן עפענען די אוצרות פון דאָס שיינע און אייביקע־גוטע פאַר יעדן מענטש — און דאַן וועלן מיר טאָן איינע פון די גרעסטע דינסטן פאַרן מענטש און זיין צוקונפט־גורל אין אונזער עמק־הבכא.

איז פוס־טראט
אוז אטעם־גלי
פוז יעקב פיכמאנ׳ס
„אביב בשומרוז״

„פרילינג אין שומרון"

געדענקסטו דאָס גרויכע גליק פון אחד־העם ווען ער האָט דערשפּירט א נייעם דופט פון ארץ־ישראל? ס'איז געווען דער ריח פון מיסט. פעלדער זענען אנגעזעטיקט געוואָרן מיט שפּייז, מיט מיסט, און מאָרגן וועט זיין פרוכט אונטער די הימלען פון ארץ־ישראל.

נאָך קאַרגע צוויי טויזנט יאָר איז צוריק דערגאַנגען צו ריח־געפיל פון אונזערע בעסטע זין, כלומרשט די בוד־לייענער און פּען־מענער, דער וווּנדער־ריח פון באַמיסטיקטע פעלדער.

שוין לאַנג ווי עס זענען אוועק יענע טעג. די פעלדער האָבן פרוכט געגעבן, און יידן זענען געקומען און נאָך פעלדער באַמיסטיקט. און וועלדער זענען געוואַקסן, און דערפער און שטעט זענען ווי דורך ווּנדער פון דער ערד אויסגעוואַקסן איבער איין נאַכט פון א דור.

עס הויבן אָן דערגיין צו אונזערע אַלפאַטיווע אָרגאַנען באַרוישנדע ריחות פון א בליענד פּאַטערלאַנד, ריחות פון פרוכט און ערד, פון הימלבלוי און בלום.

שטאַרקע דופטן האָט פיכמאַן אריינגעברענגט אין מיין צימער מיט זיין „אביב בשומרון". אזוי־אזוי — פרילינג אין שומרון. צוריק האָט זיך א וועלט באַנייט. און ס'איז נישט סתם א וועלט. ס'איז א יידישער יקום. א נייער אויפבלי פון א פאָלקס־פאַרמעסט.

איך טראַכט זיך: כ'דריי זיך דאָך אויך אַרום אין א וועלט פון הויכע נאַטור־וווּנדער; פאַרוואָס איז דער נשמה־ציטער אזא אָרעמער ביים בערג־

קרוין ארום מעקסיקע? פארוואס זענען די טרוימערישע גיגאנטן פון „פאָפאַקאַטעפעטל" און „איסטלאָסיהואַטל" אזוי ווייט־שטייענדע און וואַרפן נישט קיין איין פאַרנאַכט־שאָטן אויף דער יידישער נשמה?

מיינע אויגן זענען פון דער פרעמד געקומען און אויף פרעמדע פייזאזשן געפאלן. אמאל פאלט דערויף דער בליק, אמאל הענגט דערויף דאָס אויג — אָבער דער נשמה־ציטער. ער איז נישטאָ, ניט־דאַאיק, עפּעס ווי פון פרעמדן בעכער ווייִן געטרונקען.

פיכמאַן אליין וויים צו דערציילן פארוואָס איך שפּיר יאָ די ריהות פון שומרון דאָ, אין צויבער־רייכן מעקסיקע. קיין כישוף קען דעם וועג נישט פאַרשטעלן, ווייל ער, דער גרויסער זעער, האָט אנטפּלעקט באהאלטענע ערד־סודות, וואָס אונזער מאַמע ערד האָט נאָר פאַר איר זון, נאָר פאַר יעקב פיכמאַן באהאלטן.

„כי נוף הוא לכוד פלאי־ארץ כמוסים,
והוא גם חידוש העולם בבראות;"
(„ווייל א פּייזאזש, מיינט פאנגען באהאלטענע ערד־וואונדער.
און ס'איז אויך באנייאונג פון זעעוודיקער וועלט;")

פיכמאַן וויים, אז עס זענען דאָ רעטענישן „וועלכע זענען אין דיין פינסטערן בלוט באהאלטן" און נאָר פון זיי דאַרף מען שעפּן די עמערס פון פּראַכט.

א ייד אזא, אן אמתער, מיט פינסטערן בלוט פון וועלכן ער שעפּט דאָס באהאלטענע ליכט פון לאנגע דורות וואָס קיינע אומגליקן האָבן נישט גע־קענט פאַרלעשן.

געוויס וועלן מיר נישט פאַרמאַטערט ווערן אראָפּגיין מיט דיר, טייערער פיכמאַן, אין דיין וואונדערפולן גרובן. מיר וועלן גיין צוזאַמען לאנגע פינסטערע קאָרידאָרן, האלב איינגעבויגענע, קניענדע, קריכנדיק אויף אַלע פיר, אָבער פון זוכן וועלן מיר נישט אויפהערן.

אמאל איז דער ריח פון אן אָרעם בלימעלע א מעכטיקער אויפברויז

פון פארלאשענע פייזאזשן אין דיין נשמה. אמאל איז א שטילער וואלקן אין פלאמענדן פארנאכטן־הימל, אן עבא־אפקלאנג פון ווייטע יוגנט־חלומות אין וועלדער און פעלדער פון שוין אומגעקומענע וועלטן. מיר ווארטן אויף זייער אנטפלעקונג, ווי אויפן אינערלעכן קול פון גאט, וואס פאנגט אן, מיט איין אויפפלאם, צו ברענען אין די ביינער.

ווילן מיר מיטגיין מיט דיר און צונויפנעמען און זאמלען, און זינגען אויב עס וועט זיך נאר לאזן זינגען אין גרויליקן טאל פון יידישן אומקום. ווייל עס ווארפט זיך נישט אוועק דער „שלכת" אזוי גרינג, טייערער פיכמאן. היינט, אלץ וואס איז אונז נאך פארבליבן איז נאר לעצטע בלעטער, פארגעלבטע, פארוועלקטע פון אן אמאליקער גרויסער יידישער גרינקייט, וואס האט אונזער וועלט פארשמעקט מיט וווּנדער.

נאר לאמיר זיך דערמאנען יענע זומערן, די ברענענדע, די ליכטיקע. אפשר וועלן, צוליב דער גאלדענער ערד, אויך די הימלען ליכטיקער ווערן איבער אונזערע קעפ...

אונטער דער חופּה פון דער נאַכט אין שומרון.

יעקב פיכמאַן איז אריין אין שומרון מיט דער דופטיקער נאַכט וואָס אראָפּ איז אין שטילער טונקלקייט אויף די רואיקע גערטנער. די וועלט איז איצט אַן אָפּענע. דער דיכטער איז שוין געפאַנגען פון ערד־ציטער וואָס צינדט אָן גליענדע באַגערן אין דער נשמה. אַזוי פיל אָרעמס האָבן די אַלוון און באַקסער־ביימער, אַז דאָס גאַנצע וועזן פילט זיך אומגעהאַלזט. נישטאָ נאָך דערווייל קיין זילבער־שיין פון דער לבנה, ווייל זי איז נאָך ערגעץ־ווייט, נאָר וואָס ארויפגעקומען אַ פאַררויטלטע אויפן האַלב־פינסטערן פירמאַמענט. אַלץ טונקט זיך אין וואונדער פון האַלב־שיין אין דער שיינער שומרון וואָס באַגייסטערט די נשמה פון דיכטער.

די יידישע כלה גייט ארויס איר גליק אנטקעגן מיט טרער אין אויג און אַ פאַרקלעמט האַרץ. אַ יידישע צאַפּלדיקע וועלט איז אַרום איר, און איר וועג צום גרויסן לעבנס־באַהעפט ווייזט איר אויס צו זיין אַזוי טיף־מיסטעריעז, אַזוי אויפטרייסעלנד, אַז די טרער זוכט איר אויסגוס צוליב דעם אינערלעכן אנגסט.

דער דיכטער איז אונטער די העלע גראַנאַט־הימלען פון אַנקומענדער נאַכט אין פּאַטערלאַנד, ארומגערינגלט מיט „שווערע באַקסער, אַן עדה שווייגער, וואָס וועבן זיך זייער שאָטן־געוועב, ווי אַן אָפּגעזונדערטע וועלט", גערטנער זענען באַרזייט מיט האַלב־ליכט, אַנגעזעטיקטע גרודעס פאַרנעמען

זיך צום שלאָף — אָבער ערגעץ טיף אין האַרצן ווײַמיקט אַ נר תמיד פון יידישן פּײַן. עס קוקט אויס ווי דער דיכטער וואָלט זיך געווערט, נישט גע־וואָלט צולאָזן דעם ווייטיק. דאָס איז אַן הייליקער קאַמף. זאָל אַ ייד אויך אַמאָל קענען זיך באַהעפטן אין ליטערער רייניקייט מיט דער נאַטור, זאָל אַ יידישער קינסטלער האָבן דעם גוי׳אישן מזל פון שטיין מיט אָפענע, ליכ־טיקע, גליק־פאַרגאָסענע אויגן אַקעגן דער נאַקעט־פּראַכט פון דער נאַטור און אָנקומענדער נאַכט. אָבער דאָס איז שוין גליק, צופיל גליק, מיט וועלכן דער ייד איז נאָך דערוויַיל נישט געבענטשט געוואָרן. ער קען דאָס וווּנדער מיט דער האַנט דערגרייכן, אָבער ער ציט זיך צוריק. עס איז נישט מורא. דאָס איז מער חרפּה, חרפּה פאַרן ברודער וואָס ליגט אפשר אין אַן אַנדער נאַכט, אין באַקסער־פּייזאַזשן וואָס זאָלן וואַכן אויף אים מיט מיטערלעכקייט פון אַ פאַטערלאַנד.

אָבער די וועלט אַרום איז איין גרויסע רואיקייט, און זי וויל פאַרגלעט ווערן פון גרויסער שׂרפה וואָס פלאַקערט און העלט־אָפּ פון אַלע יקום־פּיר־מאַמענטן. זוכט דער דיכטער כאָטש טרייסט, שטילן פאַרגעס, נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר דאָס האַרץ פון פאַרברענטער וועלט. אַז די וועלט וועט געטרייסט ווערן וועט ער אויך נישט פאַרגעסן ווערן אין דער אָנקומענדער רואיקייט:

„וכל שבולת־שמש רועפה
פה רוך נשכח ללב תבל שרופה".

(„און יעדע זונען־זאַנג טריפט דאָ מיט פאַרגעסענער
ווייכקייט אויף האַרץ פון פאַרברענטער וועלט")

אַזאַ שרעקלעך צוריקגעהאַלטענע יידישע תפילה נאָך אַ ביסל מנוחה. דאָס איז ס׳איינציקע וואָס דער דיכטער דערלויבט זיך. נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דער וועלט, און בעטן בעט ער אַ ביסעלע ווייכקייט, און זאָל כאָטש זיין אַ פאַרגעסענע, אַ ווייכקייט וואָס דינט שוין נישט אַנדערע יעלבע זע־נען געווינט צו עפּעס מער, צו רוישיקערער רייכקייט און טיפערער אינ־

טימיטעט מיט דער נאטור. דער ייד וויל א ווייכקייט פון א יידישער כלה אונטער דער חופה. זאל אין דער נאכט פון דיכטער שלוכצן א שטיל געוויין — עס מאכט נישט. דאס וועט די זינד פון געבעטענער ווייכקייט פארגלעטן. זאל דער דיכטער־חתן, אין פייערלעכסטן מאמענט פון גליק, געצוווּנגען זיין צו א מעכטיקן הויב פון א צעשטערישן פוס. זאל די וועלט אין איר העכסטן עקסטאז פון גליק, פארן פארנעמען זיך שלאפן אין די ווונדערלעכסטע דופטן פון אן אנגעזעטיקטער נאכט, הערן א געבראך פון א שלמות וואס קען צו איר תיקון נישט קומען. זאל די „פארגעסענע ווייכקייט" ארויפקומען מיט אירע פארשעמטע, האלב־אפגעריבענע קליידער פון אמאליקן גלאנץ — און געבן וואס זי קען, וואס עס איז איר נאך פארבליבן צו געבן פון דער אמאליקער רייך־עשירות.

עס אטעמען די גערטנער מיט נאכט שווער־באלאדענע, דער טאג ליגט ארומגערינגלט מיט גליק־סנאפעס, אויך די לבנה איז שוין רייף געווארן אין די נאכטיקע הימלען — און דער דיכטער בעט רייפן גליק וואס זאל די וועלט פארוויגן אין דער קדמוניות'דיקער נאכט ארום, און בעט אויך פאר אונז: „בענטש אונזער אויפבליענדער ערד, דו נאכט פון שומרון"!...

הארבסט-געזאנגען.

ס׳טייכט־אויף אין פיכמאנען דער וואנדער פון דער האלב־פארוואלקנ־טער וועלט אינמיטן דער ליכטיקייט פון שומרון. דער הארבסט וואס קומט אן דערשיינט נייעס פאר איב אין פרוכטיקער פריידיקייט. ס׳איז אויך נישט א וועלט פון הוילן טרויער אין אומעט. שטענדיק זענען דא זונען־שטראלן וואס רייסן זיך דורך צו דער פארבענקטער ערד. די זונגעז־ליכט, אין מיטן הארבסט. „צעזייט פריידיקע ווייכע פלעקן אויף די שטאטישע גאסן". און

„וקורנים פה אותות־ישע

בעוד שם ים נוהם קודר".

(„און עס שטראלן דא גאולה־צייכנס

ווען דארטן ברומט נאך א כמורנער ים")

ווען פיכמאן גייט צום הארבסט, זענען די אויגן ליכטיק און כאפן אויף די לעבעדיקע קלאנגען פון א וועלט וואס שטייט דעם ווינט אנטקעגן. דאס צווייגל איז ביי אים נישט געשטארבן, ס׳איז נאר רויט געווארן און לאזט זיך דערווייל פארשלעפן פון ווינט. א בוים קרעכצט אין געפייף פון

ווינט, אָבער ער לעבט־איבער די שווערע צייט ווי א נויטווענדיקייט. און אויב דער ווינט האָט א שמיץ־געטון דעם ים, האָט ער צעשפּריצט א פריידיקן רעגן אויפן פּנים פון דער קרעפטיקער וועלט.

מען שטייט פאַרוווּנדערט אנטקעגן דעם קוק אויפן אומעטנעם הארבסט. עפּעס צאַפּלדיקעס און טיף־זינגענדיקעס איז דאָ אין פיכמאנס הארבסט. עס דערמאָנט די שטילע רעגנדיקע טעג, וואָס טראָג זייער טיפן אומעט, וועקן זיי אויף טרויעריק־ליכטיקע איבערלעבענישן וועלכע גרענעצן מיט אי־נערלעכן געזאַנג. פיכמאן זאָגט שירה דער וועלט, ווייל איר אומעט איז א קרעפטיקער אָנשטויס מיט בייזע ווינטן וואָס ווילן אַלץ אָפּרוימען, אָבער קוקן אוים נישטיק אין זייער פאַרמעסט. די וועלט שפּילט זיך מיט זיי ווי מיט א פאַרדראָסיק קינד. עס טוט אַן שאָדנס, צעברעכט אמאָל א שויב אָדער א טעלער, אָבער דער פאַרנונפטיקער פאָטער שמייכלט אין זיך און וואַרט געדולדיק אז דאָס קינדס־פּנימל זאָל ווידער באַגאָסן ווערן מיט א הימלישן שמייכל.

דער הארבסט גייט אַראָפּ ווי א רבי אויף די גערטנער און פעלדער פון שומרון. אַן ערדה וואָלקנס גייען אים נאָך. „מיט זיינע טריט האָט דער הארבסט פאַרשריבן די בערג מיט א ווונדערבאַרער שריפט". פיכמאן שטייט פאַרוווּנדערט פאַר דער הארבסט־וועלט. ס'איז נישט די קאַנווענ־ציאָנעלע וועלט פון פאַמעלעכן גוסס'ן. ווייט דערפון. ווונדער אַנטפּלעקן זיך אין דעם אויסמיש פון טרויער און אויפבליענדער פרייד וואָס רייסט זיך דורך דאָ און דאָרט. דער מענטש איז גראָד א צעזונגענער:

„ואיש, שביליו אדמו, נשא בשיר,
מכף לכף נסחף, צהול כל ניע —
וכמו זלזל כמישת ימיו השיר".

(„און א מענטש, וואָס רויט זענען זיינע סטעזשקעס, טראָגט
זיך מיט געזאַנג,
געשלעפּט פון פעלז צו פעלז, צעזונגען אין יעדן באַוועג —
און ווי א צווייגל וואַרפט ער אַראָפּ זיינע פאַרוועלקטע טעג")

וואס איז הארבסט? א מעכטיקער בוים, וואס שוין מיד איז צו טראגן זיינע אפגעלעבטע בליאונגען,ווארפט ער זיי אראפ פון זיך. עס איז נישט דער טויט, עס איז די ווידערגעבורט. דאכט זיך מיילמאל, אז דער מעכטיקער בוים — פיכמאן, וואס שטייט אין הארבסט פון לעבן האט דערזען א טיפן אמת פון ווידערגעבורט. ער זעט נישט אין מענטשלעכן הארבסט עפעס טרויעריקעס וואס פאראומעטיקט דאס לעבן. א משונה'דיקע צאפלדיקייט וויברירט נאך אין קערפער. דאכט זיך, „דער גארטן איז פארלאזן", שטייט פאראיינזאמט, און „וויל אפילו נישט מען זאל זיך אין איבדערמאנען". אבער מאכט זיך פלוצים א פרימארגן און „ א משונה'דיק ליכט גייט אויף אין יעדן בלאט, אין דער פייזאזש, וואס נעכטן נאך פארפרעמד געווען, ווי אז אפן הארץ שענקט ווייבקייט — ווי ער וואלט זיך באקענט צו זיין גאנץ ארימקייט, און צו זיין ארימקייט שיינט די טרער". די וועלט פארגעסט דעם ווייטיק פון די טעג און הערט זיך שטיל צו, צו די אינערלעכע קרעפטן וואס אויבן אן וואקסן אין אים.

שטארק איז די טרייסט. גרויס איז דער טאג וואס שטייט ווי א מעכטיקער דעמב און שאקלט פון זיך אראפ ווייען, וואס קיין הילף זענען צו דער צעריסענער יידישער נשמה. א וועלט אין הארבסט און א פאלק אין הארבסט — זענען ביידע גרויסע אנזאגן אויף ווייטיקן וואס גייען אוועק און נייער בליאונג וואס קומט אן.

ערדישער באהעפט און געזאנג דעם שטורם אנטקעגן.

א געפיל פון טיפן גליק נעמט דורך דעם גאנצן יש, ווען מען אנטדעקט א נייע אויסגעזיינגטע בענקשאפט צו דער מאמע ערד. דאס גרויסע געפיל פון יידישער ווארצלדיקייט אין דער לעבנס־באנייאונג אין ארץ־ישראל מעסט זיך אויך מיט דער פערטער מאס פון די אימפאנדעראבילינו אין דעם יוצר׳ס נשמה. יעדעס דארף איז א מייל־שטיין, יעדע אויסגעבויטע הויז איז א מעכטיקער יסוד אין אונזער לאנד. אבער טייל מאל זענען דא אנדערע סימנים פאר יידישער גאולה. ווען א יידישער דיכטער, געבוירן און געוועזן שפעריש אין גלות, קומט גראד אין זיינע עלטערע יארן, צו אזא טיפער מזיגה מיט דעם ארץ־ישראל׳דיקן פייזאזש, ווען ער באהעפט זיך אזוי יאדערדיק מיט דער גאנצער קרויז־ראם פון דער נאטור, ים־כוואליע, גארטן־בוים, פעלד־גראז, סטאדע און שעפס, הימל און שטערן, בוים־צווייג, פעלז און בארג, און פליסטערנדע בענקשאפט וועלכע באהויכט דאס אלץ — איז עס דער גרעסטער נס פון דער גאולה.

די פארצייטיקע נעכט זענען אראפ פאר די אויגן פון דיכטער איבער די זעטיקע פעלדער פון שומרון. געוויס האבן פעלדער געמוזט זיין זעטיק כדי דאס קדמוניותדיקע פון אונזער לעבן אין אבות־לאנד זאל אויפגעוועקט ווערן מיט אזא טיף־איבערגעלעבטן גייסטיקן ציטער. דאס בילד איז פאר־

באַפּנד. דער ים פירט אַ מידער זיינע כוואַליעס. פונדערווייטנס ליגן ריהות־פולע גראָזן. אַ סטאַרע שעפּסן טולעט זיך צו דער וואַרעמער פינסטערקייט.

די פינסטערקייט איז שוין נישט קיין סימבאָל פון פּחד און מורא. אַ וואָלקן אין נאַכטיקן הימל איז נישט באַשאָטנט נאָר פאַרשנייט מיט לבנה־דיקע עכאָס. און ווען די ערד וועקט זיך אויף, שפּירט זי אויף איר פּנים דעם גלעט פון אַ ווינט וואָס דערציילט איר אַז די גרויסע סודות, די אותות ומופתים פון יענע צייטן, וואַנדלען דאָ אַרום, נישט ווייט, אויף פעלדער און בערג.

אַט דער אַרויסרוף פון די אַמאָליקע לעגענדאַרע טעג פון ישראל׳ס לעבן אין ארץ־ישראל, איז דער גרעסטער גייסטיקער פאַרמעסט אויף באַהעפטן זיך מיט אונזער ערד, אויף אויפכאַפּן און צוזאַמענגיסן זיך מיט יענעם נשמה־ציטער וואָס דער לעצטער אבֿרים־פויער האָט דורכגעלעבט פאַרלאָזנ־דיק זיין דאָרף, אונטער דער בייטש פון די מערדערישע אשורים. איך שפּירט, אַז פיכמאַן האַלט דעם וווּנדערלעך־הייליקן פאַדים אין האַנט. ער האָט אים געפינען אייף אַן איינזאַמען, ניט־באַטראַטענעם פעלז. און מיטן גרעסטן גליק־געפיל בינדט ער אָן יענעם קדמוניות׳דיקן פייערשן אָטעם אין זיין צעזונגענע האַרץ — און דער געזאַנג ווערט אַ ווירקלעכקייט: „עוד לא נותקה השלשלת” — נאָכניט איבערגעריסן איז די קייט.

און ס׳איז גוט איבערגעטראָגן צו ווערן, פון דעם באַהעפט־געפיל צו די „אילנות בירושלים”. יידן האָבן ביימער געפלאַנצט אין ירושלים ווו ביימער האָבן נישט געקענט וואַקסן, ווו ביימער וואַקסן קיינמאָל נישט. די ביימער פון ירושלים זענען פון פעלזן אַרויס, אין מעכטיקן קאַמף די שטיי־נערנע ווענט דורכגעבראָכן, צעשפּאַלטן פעלזן־הערצער און זיך דערשלאָגן מיט די מעכטיקע וואָרצלען צו יניקה־ערד. מיט אַלע שטורעמס האָבן זיי געקעמפט, מיט אַלע נאַכטיקע בייזע ווינטן זיך געוועךט און

„מאָז הכו שורשם בגלמי ארץ

אם כל האיתנים עמדו בקרב”



„בלויע האריזאנטן"

(„פון וועלן זיי האבן ווארצלען אין ערד־גרודעס געשלאגן
מיט אלע טיטאנען זענען זיי אויפגעשטאנען אין קאמף")

ווען מען קען ווארצלען שלאגן, דאן קען יעדער קאמף אויסגעשטאנען ווערן: דאן קען מען שטיין מיט אויפגעפראלטער העמד אקעגן ברענענדער היץ, און שפיזיקע זון־שטראלן, און דריקנדער פויסט פון פעל־יקער האנט. דער סוד איז א טיף־ערדישער אפקלאנג פון אונזער סימבאל־ישן בוים אויף די בערג פון ירושלים. ס'איז א סוד פון לעבן, א סוד פון אייביקן באהעפט מיט דאס וואס האט זיך פארוואנדלט אין דעם לעצטן גרויסן פארמעגט פון אנגעשטרענגטע יידישע ארעמס וועלכע רייסן זיך צום בערג. איינמאל אנגעכאפט זיך אין דער קוסטע, איז שוין זיכער, אז דער פוס וועט ארויף מיט טיפער פריידיקייט אויף דער מאמע־ערד. מעגן שוין שטורמען אלע גורל־אומגליקן, מעגן זיך צעשרייען צוויי־טויזנטיאריקע פאר'נייג'ען פון יידישער יכולת. ווען ווארצלען זענען דא, איז אלץ דא.

„פרוצים לחורב יום, בשחור חיקם
כבאר אצרו חוסנם, ולמודי פלא
ירונו על התהום מול סער קם".

(„אויפגעפראלטע צו דער טאג־היץ, האבן זיי אין שווארצן שויס
ווי אין א ברונעם זייער קראפט געזאמלט, און וונדער־באפליגלט
ביים תהום, נאר זיי זינגען אקעגן אויפקומענדן שטורעם".)

ווען שטורעם קומט אויף, נויטיקן זיך נאר צוויי זאכן: ווארצלען און פארזאמלטער אינערלעכער כוח. געבענטשט איז דער יידישער גורל, וואס נאך איבערגעלאזט האט אין יידישן אינגעווייד אזוי פיל מוט דורכצוברעכן פעלזן־הערצער מיט דער לעצטער שוואכער יידישער ווארצלדיקייט, וואס נאך פארבליבן איז אין אונזערע נשמות.

ס'איז א טיפער גליק־געפיל זיך קענען זאגן און איינחזרן אין שטילן פארנאכט: — ס'איז מיר גוט אזוי וואס נאך ווארצלען זענען דא, אזעלכע שטארקע, יאדערדיקע, ליבע־באצווונגענע ווארצלען. ס'איז מיר גוט אזוי, וואס יידישע ריזן־בוימער קענען שטיין אויפן תהום אנטקעגן אויפקומענדן שטורם און .. זינגען.

ווייל איז דעם פאלק וואס זיינע דיכטער האבן קיינמאל די פידלען נישט צעבראכן אקעגן אויפקומענדע שטורעמס,

אין דורשטיקן גאנג.

ווער קען וויסן וויפל ליבעס האט א דיכטער געדארפט פון הארצן ארויסרייסן, כדי באהעפטן זיך מיט דער אייניציקער, אייביק טרייער, גע־ליבטער? און יענע זענען רייך געווען מיט שענערע אויגן און ליכטיקערע פארנאכטן. יענע געליבטע האבן לויטערערע נשמות געהאט, און אין א וועלט פון בליאונג און זאנפטיקן גראז־טעפיך האבן זיי געטראטן איבער אלע וועגן.

אבער געטרייע ליבע איז אויך פעלזיקע רואיקייט, שטארקע זיכער־קייט אין דער אייביקייט וואס גייט אראפ מיט פיבערדיקן גלי. גייט ארום פיכמאן אין דער טבת־נאכט און זעט, ווידער אמאל און נאכאמאל די טרויע־ריקע רואיקייט פון א וועלט וואס שטייט אויף פון הונדערטער פארגעסענע חלומות. א וואלקן־קייט ליגט אויפן ים פארטרויערט, פארטראכט. דאכט זיך — א פארכישופטער פאלאץ הענגט אין דער ווייטנס. אלץ ארום איז שטיל. פעלדער זענען שטום. ערגעץ־ווו וועבט א פארגעסענע סיקאמארע איר כוד. א וועלט שטייט א פארפרעגטע, און טרויערט, נישט וויסנדיק גענוי אויף וואס. איז עס א מוטער־טרויער וואס ווארט אפ געבורט־ווייען? איז עס אן אויפגעוועקטע וועלט וועלכע איז שוין פון לאנג אפגעוויינט פון

ווירקלעכקייטן אויף דער וואָר? איז דאָס לאַנד דערשראָקן אקעגן דעם נייעם לעבנס־שטורם וואָס אריין איז מיט קראַפט אויף דער שומרונער ערד?

פיכמאַן לייגט צו דעם פינגער צו די ליפּן מיט א פאָטערלעכן ש..ש..ש.. און בויגט צו ס׳אויער צו דער ערד. אין דער שטומקייט פון די גראָזן טריפט א געזאַנג. און א גייער איז ארויס גליקלעך־דערשיטערט דעם נאַכט־פּאַלאַץ אנטקעגן, ווי ער וואָלט איז שטוב־אריין געגאַנגען. א וואַנדערער איז ארויף אויף דער ארץ־ישׂראל ערד און גייט אין די אָרעמס פון פאַרנאַכט ווי צו א מוטער וואָס וואַרט מיט אזוי פיל טרויער און האַרץ־ציטער אויף איר ווייט־פאַרוואָגלטן זון. א שטילער טרויער וויגט דאָס האַרץ, און א גליקלעכע טרער שטופּט זיך צום אויג. ווען איינער קומט אָן צו די טויערן פון הויף באַהילט אין טלית פון פאַרנאַכט, און זון בליט אויף זיין פּנים, און וואָלקן זעגען א סכך אים, און גראָזן זינגען אים צופוסנס — יוי זאָל ער נישט געדענקען די ערשטע ליבע פון אַלט־פאַרטונקלטע און איצט אויפגעבליטע פּייזאַזשן?

ווו מען גיט דעם אויג א ווענד טייכן אויף אנטקעגן אלטע באַקאַנטע סילועטן פון אמאָליקע, ווייניקע צייטן. א שטיל ווינטל גייט אַראָפּ פון באַרג תּבור און ברענגט דעם ווייכן אָטעם פון א טיפער שטילקייט. א סודות׳פולער קוק, א ביסל א קאַלטער, א זייטיקער. און דאָך איז ער ווי א געטלעכער געוויקס וואָס פאַרפלאַנצט איז אויף דער גרענעץ פון דער וועלט. און ווען די זון פאַרגייט אויפן גייער, איז דער תּבור ווי א געצעלט פאַר זיינע אויגן, וואָס האַלט הויך־אויפגעהויבן אַן איינזאַמען קאָפּ, אונטער די הימלען פון פאַרנאַכט:

„במקלט רם, עם כוכבי ליל נגיע

עד שעריו, — על נודדי עולם

סוכך צלך אלם וכה ירגיע”.

(„ווי צו א הויכן מקלט, מיט די נאַכט־שטערן וועלן מיר

צו זיינע טויערן דערגייען, — און די וועלט־וואַנדערער

באשיצט דיין שטומער שאָטן, אזא בארואיקנדער".)

קיינער דערגייט נישט צום לאַנד פון דער גאולה א פריידיקער און מוטיקער. דאָס שווערע געפיל פון א וועלט־וואנדערער טראָגט יעדער איינער פון אונז טיף אין הארצן. ווען דו וועסט פארגיין אין דיין אייגן לאַנד, וועסטו זיכער האָבן דעם זעלבן געפיל פון שוץ און רו. ווען נאָכאמאָל וועלן שטיין דיינע פיס אונטער די פארנאכטיקע הימלען וואָס גלעטן דעם אלטן קאָפּ פון תבור. ער איז נאָך דאָ דער תבור. אָט שטייט ער ווי אן אויפגעטייכטע רעאליטעט וואָס האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די דורכזיכטיק־גרינגע שאלן פון חלומות. און אזוי פיל רו וועט פארגיסן מיט גליק־געפיל דאָס הארץ. ער איז נאָך דאָ, דער תבור, דאָס לאַנד איז נאָך דאָ, און איך אויך, דער גייער, בין שוין דערגאנגען צו דער רעאליטעט וואָס פריער נאָר טרוים געווען איז.

כ'וויים נישט מיט וואָסערע פארנאכטן מיר וואָלטן געדארפט באקרוינען פיכמאנען פאר די טיפע גליק־געפילן וואָס ער וועקט אויף דורך זיינע בליענדע שורות אין פארבענקטע הערצער. און ווער וויים, צו מיר וועלן קענען אויסשפרייטן איבער זיין קאָפּ א שענערן געצעלט ווי דער פון תביר־קאָפּ אונטער די הימלען פון יזרעאל און גליל.

דורשט און טרייסט.

ווי די יידישע נשמה אזוי איז דאָס לאַנד. אַן אייביקער דורשט נאָך פריכטיקייט, נאָך פערלנגדן וואַסער־טראָפּן וואָס זאָל שטילן אַ ביסל דאָס פייער וואָס ברענט אין הארצן. די היץ זויגט אויס די לעצטע פייכקייט־קרעפטן פון דער ערד און די וועלט ליגט אַ פאַרחלשטע און קוקט מיט געפלדיקע אויגן צום ברענענדן הימל־בלוי.

פּיכמאַן איז גראָד נישט דערשראָקן פאַר דעם ברענענדן ווינט־אָטעם. ער זעט אים ווי אַ צעווילדעוועטן בחור, מיט אַ צעפּלאַשעטער טשופּרינע, וואָס ארויס איז פּלוצים זיך אַ נעם טון מיט זיינע שטעכיק־בייסיקע שטויב־ציינער צום אָדר־בלוי.

„זה יום וזה יומים הוא זורע

על תלמינו הזכים רמצו,

וכה יוסיף באין מכלים להרע,

ולב נדהם לא ינבא קצו״.

(„שוין אַ טאָג און צוויי ווי ער פאַרזייט

אויף אונזערע ריינע גרודעס זיין שטויב,
און כסדר אַן חרפּה נאָר שלעכטס טון גרייט,
און ס׳האָרץ נישט קיין סוף זעט צו אים און זיין רויב״.)

אָבער די ערד וואַרט נישט לאַנג. זי ווייס, אַז אַלץ קען נאָך געראָטעוועט ווערן. די פעלדער ליגן מיט פאַרטרוקנטע ליפּן, אָבער שוין טראָגן זיך וואָלקנס, גאַנצע עדה׳ס, פון די בערג אין טאָל אַריין. ווי געצעלט־יריעות האָבן די וואָלקנס פאַרדעקט די שוין ברעכנדע־זיך און צו דער ערד געבויגטע זאַנגען און געראַטעוועט אין זיי דעם לעצטן פּרוכטיקן אויס־דויער־קראַפט. ווער פּרוכט טראָגט אין אינגעווייד, בויגט זיך אין דרייען אונטער אַלע וויסטעניש־ווינטן, בויגט דעם קאָפּ פאַר אַלע בייזע שטורעמס, אָבער פאַלן פאַלט ער נישט. די זאַנגען שטייען, האַלטן אויס. ווינטן האָבן זיך אַ טראָג געגעבן איבער די פעלדער און די וועלט אַרומגעאָרעמט. שוין טראָגט זיך דער קדמוניות׳דיקן ליכט־מורמל פון טוי־באַפּערלטע גראָזן. אַלץ שטייט אין גרויסן אַפּוואַרט.

„חו, שעת תקומה וערבוביה שוחקת!
קול פּעמי מלקוש בעוד לא בא!
עוד לא נפל דבר, וכבר דופקת
תדוה על כל שבולת נשתרבה.״

(„אוי, אַ לאַכעדיקע געפּילדער־שעה!
נאָר טריט פון מלקוש, ער אַליין נאָכניט דאָ!
נאָך גאָרניט געשעען איז, און שוין אַ געזאַנג
טייכט אויף אין יעדער פאַרחלש׳טער זאַנג״.)

נישט נאָר ביים מענטש איז אַזוי. אויך אין דער נאַטור קען נאָר אַ

האָפענונג ארויסרייסן מעכטיקע געזאַנגען פון הארצן. ווער ווייס צי זי וועט
פאַרווירקלעכט ווערן. ווער ווייס צי דער רעגן וועט קומען, און ווען ער וועט
קומען, וועט ער נישט זיין אָפּנאַרעריש אמאָל? ער קען זיך געבן א שפּיל
מיט א פּאָר דיקע טראָפּנס, א גיס געבן מיט האלב־אָפּגעשטאָרבענעם רעגן,
און אוועקטראָגן זיינע וואָלקנס העט ווייט, נישט וויסנדיק נאָך וואָס ער
האָט זיי בכלל געברענגט. אָבער די האָפענונג האָט ברייטע פליגל. זי קען
הויך און ווייט פאַרטראָגן דעם מענטש און די שווארצע טעג קענען שטענ־
דיק האָבן זונען־שטראַלן און פענעצן בלויקייט.

אזוי ווי די פעלדער פון שומרון וואָס וואַרטן אויף רעגן, אזוי וואַרט
אויך א וועלט אויפן גרויסן באַפרוכפערנדן אָטעם, וואָס וועט א נעם טאָן
דעם יידישן גורל און פאַרפלאַנצן אים פאַר אלע אייביקייטן אין אייגענעם
איינציקן יניקה־באָדן.

אפרו...

קוקסט אויף די בערגלעך פון שומרון, און נישטאָ קיין אפרו. דער טאָג פארגייט אין א פייכטער פינסטערקייט. די שווארצע פעלדער ווערן באדעקט מיט נעפּל און ווי פון א טונעל קריכט ארויס די נאכט און נעמט איין דעם טאָל און דערנאָך אויך די בערג. די וועלט איז פארלאָזט. פון יעדער פעלז־שפּאַרונג קריכט שטיל ארויס דער טרויער און ארמט ארום דעם שאָטן פון די פעלדער. נישטאָ קיין גרינער צווייג, נישטאָ קיין אָרעמער געצעלט פאר א מידן גייער.

דער שומרון פייזאַזש שטייט נאָך אלץ אונטערן צייכן פון מדבר־דיקן טראכט. קען זיין, אז צו גרויסשטאָט געוווינטע אויגן, און גרינס־געזעטיקטע בליקן, געפונען א שיינקייט אין נאקעטער ווילדקייט. קען זיין, אז אספאלט־אויסגערוטע פיס, שפּרינגען זינגענדיק אויף פעלזן־שפּיצן און זענען גליקלעך מיט וועגן־נישט־וועגן. קען אויך זיין, אז מאטראצן־זאטע קערפּער ציען זיך אוים מיט פיבערדיקן פארגעניגן אויף הארטער שטיינערנער ערד. אבער מיר? — מיר זענען נישט קיין מאטראצן־זאטע מענטשן. אונזערע פוס זענען אויך נישט אספאלט־אויסגערוטע. צו לאנג זענען געווען די וואנדער־וועגן. פון איין מייל־שטיין צום צווייטן האָט נישט געוואַרט א מאמעס הויז, מיט ליכטיקע צימערן און א ווארעמע בעט. אונזערע אויגן זענען נישט געווען גרינס־זאַטע, און גאַרטן־דערקוויקטע. די וועלט האָט קיין פרוכט נישט

געגעבן און אויך נישט קיין שמייכל. פויסטיקע פרימאַרגנס זענען שטענ־דיק ארויס אונז אנטקעגן, און די זון פארשטעלט און דעם הימל־בלוי און פעלד און גאָרטן.

ווי קען דער מידער גייער וואָס געקומען איז צום ברעג, אנטקעגן גיין א ווילדקייט, בלייבנדיק אויך ,,דאָ אין גרינס, אין גאָרטן, אין רוים צו אָטעמען דעם גרויסן און טיפן באגער נאָך אַפּרו און באקומען אים, דעם אַפּרו....

טרייסט פיכמאַן דעם גייער און לאָזט אים נישט פאלן ביי זיך. ער איז נישט דער ערשטער, נישט דער איינציקער וואָס אהער איז פארגאנגען שוין איז א וועלט אויסגעוואקסן אין שומרון. ער בעט אים, אז כל זמן עס זענען נאָך פארבליבן ליכט־שיריים אין טאָל, זאָל ער ארויפגיין אויפן בערגל, אין דער סטעזשקע פון ווייננגערטנער. ער זאָגט צו דעם וואנדערער דאָס, וואָס ער האָט שוין אליין געזען, דאָס גליק וואָס ער אליין האָט שוין פאר זוכט. אויף די זייטן פון די בערג ווייסן־זיך רו־הייזער און בוימער רייען שטייען ביי די זייטן און ארום די ווינונגען.

געווים איז דאָס בילד נאָכנישט אינגאנצן אזוי ווי מיר וואלטן עס גע־וואָלט זען. דאָס אויסגעבענקטע ווערט קיינמאָל נישט רעאליזירט אין דער פולער פראכט פון דער מענטשלעכער פארנאכטן־פאנטאזיע. ביים קוואל פון טאָל קניט נישט קיין זקן און א שלאנקע מיידל טראָגט נישט אויפן קאָפּ דעם קרמוניותדיקן וואסער־קריג. דאָרטן אויף דער סטעזשקע שאָקלט זיך נאָך א טונקעלער שאָטן: אן איינזאמע נזירה קערט זיך אום א חיים פון ירושלים.

נאָך פרעמד זענען די געשטאלטן אויף די וועגן. נאָכנישט אלץ איז אייגן, נאָכנישט אלץ הילכט אָפּ מיט יידישע עכאָס איבער די בערג און טאָלן פון שומרון. פרעמדע האָבן זיך פעלדער געאייגנט און אויך דאָס בילד פאַרטונקלט.

פיכמאַן איז אָבער דער גוטער וועג ווייזער. ער זאָגט צום גייער:

,,שא פעמיך, חיש לבית ההר, אורח!
שם נר עליז בעד צאלי ברוש יאדים;
משוט במדבר־יום שם נח הלב, שוכח,

ובכי הגן עד חצות ירדים לב נודדים".

(טראָג גיך אוועק דיין פוס־טראָט צום בארג־שטוב, דו גאסט!
דאָרט רויטלט־זיך א פריידיקע ליכט דורך די ציפרוס־צווייגן;
פון טאָגיקן מדבר דאָרט רוט ס'הארץ, פארגעסט.
און דער גאָרטן־געוויין ביז חצות פארוויגט ס'הארץ פון וואנ־
דערנדן.)

שוין זענען דאָ אויף די שפּיץ־בערג יידישע הייזער, וואָס זענען אָן אַפּרו פאר דעם מידן ייד וואָס געקומען איז אהער א געפּלאָגטער און טרויער־דעטרוקענער. שוין זענען דאָ ליכטיקע און פריידיקע נעכט אין צימערן, וואָס טאקע נאָך אָרעם, אָבער שוין אייגענע זענען, מיט אייגענער מי און ארבעט אויפגעבויט אויפן שטערן פון דער וויסטעניש. קען זיין, אז דער גאָרטן וויינט נאָך ביז א האלבע נאכט, אָבער דאָס איז נישט מער קיין טרויער־געוויין. דאָרט, אין דער שטילער נאכט מאטערט זיך יעדער בוים און יעדעס גרעזל אין א גיגאנטישן קאמף אויף שיקן וואָרצלען אין דער שטיינערנער ערד. מיט בלוטיקן שווייס וויינט דער גאָרטן און רייסט זיך דורך מיט א צעריסענעם לייב פון ווייבע, איידעלע וואָרצלען אין דער בראָ־פּאָוואטער, בייזער הארץ פון דער שומרונער ערד. דער גאָרטן וויינט מיט א טרער פון א מוטער אין געבורט ווייען. אזא געוויין איז פול מיט אומעט וואָס וועקט אויף טיפע וואונדער אין הארצן. אָט איז דאָס. דאָס לעבן... אזא ביטערער קאמף פאר א ביסל דערגרייכט גליק... אזא גרויסער פארמעסט פאר איין געשיקטן וואָרצל אין דער מאמע־ערד...

די וועלט ארום שלאָפט נישט. זיין וועלט, די יידישע אייגענע וועלט, איז אין שטארקן פארמעסט פאר פארזיכערן וואָרצלען. דער גאָרטן וויינט אין יצירה־קאמף. ער קען רואיק זיין, דער וואנדערער, ער קען שלאָפן. די וואָרצלען זוכן אומוועגן, קערן זיך אום, בויגן זיך, דרייען זיך, אָבער סוף־סוף שלאָגן זיי זיך דורך א וועג און פארטיפן זיך מער און מער.

דער וואנדערער קען רואיק שלאָפן. די וואָרצלען פארטיפן זיך מער און מער.

א שטראל אין דער נאכט.

אין טיפן באהעפט מיט דער וועלט זוכט די נשמה פון דיכטער א באַרואיקונג פארן אייביקן אומרו וואָס באהערשט דעם גאנצן יש פון שעפער. אומרו איז דער ערשטער סימן פון א גאָט־געבענטשן גייסט. אָבער דער אומרו איז נישט קיין אָפגעריסענע דערשיינונג. און לעבט זיך נישט אוים אין א חלל פון הוילע נשמה־ראנגלענישן. דער אומרו פון א שעפער פירט צו העכערער התמזגות, צו טיפן באהעפט מיטן יקום און דער גאנצער יצירה.

דער באהעפט וואָס פיכמאן זוכט אין זיין „אילנות בלילה", דוכט זיך צו זיין אן אוניווערסאלער באגער. נישטא אין דעם פרעכטיקן סאָנעט א וואָרט וועגן ארץ־ישראל, וועגן יידישן גורל אָדער פאָלקס־צער. עס שטייט נאָר דער דיכטער אליין, מיט זיין צעעפנטן „איך" אקעגן דער וועלט און זוכט די באַרואיקונג פון זיין אומרו.

און פונדעסטוועגן, ווייל איך ווייס, אז די בוימער זענען נישט סתם־בוימער, נאָר גרויסע איינגעוואָרצלטע איינסן אין יידישן לאַנד פון באַנייאונג, ווייל פיכמאן האָט שוין געזען בוימער קעמפן מיטן פעלז און אויסוואקסן אויף זייער שטיינערנעם שטערן, איז דער באהעפט זיינער א באַגליקטער, ווייל ער איז פארגעקומען אין זיין לאַנד, אין זיין פייזאזש, אין צוזאמענגוס פון ספעציפישן וווקס פון בוימער פארפלאַנצטע דורך יידישע הענט.

ווען מיר נעמען דאס אין אכט, ווען מיר שטעלן אוועק דעם דיכטער נישט סתם אין א נאכט און נישט סתם פאר וואקסנדע בוימער, נאר מיר געדענקען אז נאך אלץ שטייען זיינע פיס אין דער נאכט פון שומרון, אקעגן די בוימער פון שומרון, דעם יידישן שומרון — נאר דאן פארשטייען מיר דאס גרויסע גליק פון דיכטער. איצט ווערט לויטער קלאר דער געפילן־אויס־גוס און ערדישער באהעפט. ערשט איצט פארשטייען מיר פארוואס עס קען טאקע נישט זיין קיין שענערע זאך אויף דער וועלט, ווי בוימער ביינאכט, און פארוואס מיר דארפן זיך צוהערן ווי „עס ציטערט אין שאטן זייער וואקס — און הערט קיינמאל נישט אויף". שטיל שטייען ציפרוסן; דאכט זיך — שווייגן, דאכט זיך — באוועגן זיך נישט, אבער קיין איין צווייגל איז נישט בטל געווארן אין גרויסן אטעם פון וואקס אפילו אויף איין מינוט. דאכט זיך — דער בוים איז פארלאזט, איינזאם, אבער ווער עס קען זען ווייס, אז גראד שטייענדיק שטיל אין זיין איינזאמקייט, טרינקט דער בוים פון פולן בעכער טוי און וואקסט, און ווערט הויך גראד דאן, ווען די נאכט גרייט כמעט צו זיין שקיעה.

און אזוי ווי דער בוים אין דער נאכט — אזוי איז דער דיכטער אין דער נאכט. ווילסטו הערן, דעם געזאנג פון דיין נשמה, ווארט ביז דו וועסט אריין אין דער בארואיקנדער נאכט, ווארט ביז דו וועסט ווערן איינזאם, און דאן וועסטו קענען צוהערן צום טיפן ברויז פון דיין נשמה, און די וועסט שפירן ווי דו וואקסט און וואקסט. דער בעכער־טוי וועט זיין א פולער אין דיין האנט און דו וועסט טרינקען אין שטילן גליק און צוגעבן דיין נשמה פרעפטיקע, גליאיקע, שטראמען צום מארגנדיקן גרויסן פלי. דו וועסט דאן זיך באקענען מיטן טיפן אמת, אז קיינמאל וועסטו נישט רוען אין טיפן „איך" פון דיין שעפערישקייט.

„אך כל עלה בו ער וכל יונקת
לתהום, כלשד של אם, תפתח את פיה
וכל יצמח, באופל לא ירגע".

(„דאך יעדער בלעטל אין אים איז וואך און יעדעס ווארצל

צום תהום, ווי צו א מיטער־ברוכט, שטרעקט אוים זיין מויל
און אלץ וואס וואקסט, אין פינצטער ניט רוען וועט".)

און אזוי ווי פיכמאן ווייס, אז ס'איז נישטא קיין טויט און אנטשוויי־גונג אין דער נאכט, אזוי איז נישטא קיין פולע פארטריקענונג אין דער נא־טור. דאכט זיך — אז „די גאנצע שיינקייט וואס, אט נעכטן נאך, האט זי געברענט און געפלאקערט אין גראז", פלוצים איז זי אומגעקומען, און קיי־נער ווייס נישט ווען עס איז געשען. אבער דער דיכטער זעט נאך אז אין פעלד, וואס איז כמעט פארברענט פון זונען־ברי, גלעט נאך, ווי־נישט־ווי, א חן פון גרינער בליאונג. א געהיימע האנט האט אריינגעווארפן אין זיין נשמה א שטילן פלאקער פון פארבן מיט סודות'פולן ציטער.

און אזוי ווי אין דער שטילקייט פון דער נאכט, איז דאס גרויסע וווּנ־דער פון וווּכס דערזען געווארן, אזוי איז אין דער טריקעניש, אין דער פאר־ברענטסטער און געפרוווטסטער אשיקייט. נאך אלץ עפעס געבליבן אפגע־ראטעוועט, נאך איז דאס הארץ אפן אין טיפן גלויבן פאר בליאונג אין מיטן פון אומקום.

„כה שוב ללב נוסה, חדה את,
עריה כחולה, באור אפרד,
ושייר מוצל זה, לא נוגע עוד,
כרחב־ארץ יברך."

(„און נאכאמאל אזוי, דערציילסטו ס'געפרווטע הארץ ווונדער
פון בלויער נאקעטקייט אין ליכט פון דיין איש.
און דער געראטעוועטער איבערבלייב, נאכניט קיין פארטיליקטער,
ווי דעם בריטן ערד־אטעם דו בענטשסט").

נישטא קיין טויט אין דער נאכט, נישטא קיין פולער אומקום אין דער

גרעסטער מריקעניש. שטענדיק, און אין אלע צייטן, בלייבט איבער א יוינקל אין דער נשמה פון יחיד און פון כלל, וואס איז נאך בלי־פעאיק.

א גרויסע טרייסט ברענגכטו אין דיינע שטילע פערזן, טייערער פיכ־מאן, דער אויפגעטרייסלטער נשמה. דאכט זיך — ווענן בוימער רעדסטו, ווענן דיכטערס „איך" און אייגענעם נשמה־ציטער, און דא טראגסטו גאר פילע בעכערס טרייסט די פארפייניקטע יידישע נשמות אין היינטיקן גרויל פון אומקום און פונאנדערפאל.

ווייל דעם צוויבער־טרייסט האסטו געשאנקען, א לויב דיר פיכמאן. ווער עס קען געפינען דאס ריכטיקע ווארט פון טרייסט אין אן אומגליק, האט געלייגט דעם ערשטן שטיין פארן נייעם אויפבוי־דראנג אין דער נשמה פון מענטש.

טרויער אין ניסן.

אין די נעכט פון ענדע־ניסן צעגיסט זיך א גליק־ווייטיק אין הארצן. א יועלט איז אויפגעשטאנענע פון לעטארגישן שלאָף, וואָס שיעור א טויט אָנגעזאגט האָט, און איז ארוים מיט הארציקן פויגל־געצוויצער צום בלויקייט־חלל וואָס האָט אָנגעפאנגען זיך דורכרייסן צווישן די אומעטיקע ווינטער־וואָלקענס. דער דיכטער קען אין די נעכט פון סוף־ניסן נישט שלאָפן. א וווּנדער־געפיל פון געבורט וועקט אים אויף.

„אני אך אשמענה — כולי קשב
ולא אתן עוד שנת לעפעפי,
וכולי צפיה: האין זה אות
ליום, כה אביבים רבים בשרוהו!”

(„כ'הער עס נאָר און כ'ווער אינגאנצן געהאָרך
און דער שלאָף האָט שוין מיינע אויגן פארזאָגט,
און כ'בין אינגאנצן דערוואַרטונג: איז עס נישט קיין

פארן טאג, וואס אזוי פיל פרילינגען האבן אים אנגעזאגט!")

ס'הארץ הערט זיך צו אין טיפן ציטער, ווייל דער דיכטער איז נישט פארטונקען אין הויכער יצירה־פרייד. ער איז נישט ארויס צו דער וועלט זוכן די פערפעקטע פארם. די הימלישע־פאעזיע וואס בישופט אוים א געטר־לעבן געקלאנג, וואס נאר אויערן פון דערוויילטע קענען אים קום תופס־זיין. ווען פיכמאן שטייט דעם פרילינג --- אנטקעגן, ווען עס ברויזט אויף אין אים די טיפע פרייד פאר דעם טאג, „וואס אזוי פיל פרילינגען האבן אים אנגעזאגט", ווערט נישט דער טאג פארוואנדלט אין אן אויפברויז פון גליק און פארשטורנדע שמחה. ער דערקענט נישט גענוי די מיניב־פויגל אין דער געצוויצער און געזאנג, אבער עס ארט אים נישט. „אויב עס איז נאר ליבע־באהויכט" איז עם גענוג.

אבער אינמיטן פון דער ליבע־באהויכונג, אין דער אומוויסנהייט פון דערקענען די פארשידענע פויגל, דאך האט ער איין פויגל יא דערקענט.

„אכן זמרת הסנוניות מבהנת

אזני תמיד (הן מימים ימימה

בנו קנן על חלון בית־אבי)..."

(„יא, דעם שוואלבן־געזאנג דערקענט

מיין אויער שטענדיק (זיין פלעגן דאך, פון תמיד

זייער נעסט אויפן פענצטער פון טאטנס־שטוב בויען"...)

און דא אנטשטייט דער קאמף אויף דער נשמה פון דאס ביסל זכרו־נות, כדי זיי אנהאלטן אין דער פולער פרישקייט פון פרילינג־באטויעט גראז. אין יענע פרימארגנס ווייל פיכמאן נאך אפראטעווען א זכר פון „זווד צעווארימטער ערד, א שטיקל וואלד, א בארג־סטעזשקע וואס ווייסט־זיך" און פירט אוועק ווייט־ווייט פון דעם היינט צו די זכרונות פון גליקלעכן נעכטן. ער ווייל דאס אפראטעווען איידער דער טאג, מיט זיינע צייטונגען וועלן מוטנע מאכן די לויטערקייט פון יענע טעג.

דאס ליד איז נישט געשריבן געווארן אין היינטיקע טעג. ס'איז א

ליד פון פילע יאָרן צוריק וואָס פיכמאַן האָט עס אַריינגענומען אין זיין זאַמ־לונג פון „אביב בשומרון". און ס'איז גוט וואָס ער האָט עס געטון. און אויך גוט האָט ער דעם ליד אוועקגעשטעלט, נעבן דעם „אביב תרצ'ח". אין דיכטונג זענען דאָ נביאישע פאַרגעפילן און אָפּקלאַנגען וועלכע פאַרמאָגן אַן אייביקן ווערט. דער ווייטיק נאָך דער היים, נאָכן פענצטער פון טאַטן מיט זיינע שוואַלבן, אינמיטן דעם פרילינג פון ארץ־ישראל, — אוווּ נאָך קענען מיר געפינען אַ בעסערן און טיפערן אויסדרוק פאַר אונזער אומבאַ־שרייבבאַרן טרויער? דאָרטן איז די ערד געוואָרימט געוואָרן פון זון, און די זון איז אויך אונזערע געווען. דאָרטן האָבן וועגן זיך געוויגט אין די בערג און די וועגן זענען אויך אונזערע געווען. און די שוואַלבן, די אָנזאָ־גערינס פון פרילינג, האָבן אויך פאַר אונז דעם פרילינג געברענגט. און איצט האָט מען פון אונז צוגערויבט אויך דאָס לעצטע. נישטאָ קיין זכרונות מער, נישטאָ קיין שוואַלבן מער, נישטאָ מער קיין טאַטנס־שטוב אין יענע שטעט און שטעטלעך. אַלץ איז פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון אומקום און האָט אויפגעריסן אַלע פענסטער פון טרויער צו דער וועלט און צום „איך".

אין וווקס־זאַטן מאָנאַט אייר שטייט פיכמאַן אינם האַרץ פון פאַטער־לאַנד, פאַרגאַפן פון ‿אומגליק. דאָס האַרץ שרייט נאָך ישועה, נאָך הילף, נאָך נחמה. און ווי קען מען געפינען אַ טרייסט אויב נישט אין בלי אין וווקס פון אייגן לאַנד, וואָס זאָגט צו דעם אויפבוי פון אַן אייגענעם הימל־דאַך איבערן קאָפּ. איז עס געווען אַ פרייד וואָס האָט אַרומגענומען פיכ־מאַנען? ניין. „אין דאָס איז קיין גליק געווען, גאָר אַ בליאונג־ווייכקייט, אַ שאָטן וואָס טיפער געוואָרן איז, און אַ גליק וואָס געוויינט האָט. אַ וועלט איז מיטגעריסן געוואָרן מיט אויפשיינענדער ווייסקייט. און ס'האַרץ איז באַ־פוילן געוואָרן צו בענטשן. און אַ האַרץ האָט געבענטשט".

„על הפריחה אשר לא תמה,
על שפע, זה גאה ביום רעה
וישק שדותינו חן עוד לא היה:

על אהבה אשר הניבה
כל שדה־עמל רמוס, כל עץ חרוד —
על אומן ששגשג: ברוך! ברוך!
הו לבלבי, ארצי, ואביביך
אל ישבתו לעד! כרוב אבלי,
כפלים שאי פרחך! כפלים שלי!"

(,,אויף דער בליאונג וואס נישט אומגעקומען איז,
אויפן שפע, וואס געשטאלצט האט אינם שלעכטן טאג
און אונזערע פעלדער אנגעטרונקען מיט חן נאכניט געזעענעם:
אויף ליבע וואס האט בליען געמאכט
יעדן מי־פעלד צעטראטענעם, יעדן בוים פארברענטן —
אויף גלויבן וואס געבליט האט: א ברכה! א ברכה!
אוי בלי, מיין לאנד, און דיינע פרילינגען:
זאלן קיינמאל פארשטערט ווערן! אין גרוים פון מיין טרויער,
דאפלט בליאונג, דאפלט פרוכט טראג־אוים־")

אין דעם גרויסן אומקום פון אונזער לעבן, אין דער טיפער אויפ־טרייסלונג פון גאנצן פאלקס־וועזן: — אווו איז נאך דא א גרעסערע טרייסט פאר אונזער ווירקלעכקייט ווי די וואס פיכמאן טראגט אונז צו אין זיינע נביאישע שורות? זאל בליען אין אונזער היימלאנד, זאל אויפקומען א וועלט פון הוילן ווּקס, הוילער גרינקייט, הוילער פרוכטבארקייט. דאס איז די איינציקע רפואה אויף אומקום אויב מען וויל ווידער אמאל קענען אויפ־הויבן די אויגן צו דער אויפשיינענדער מארגן־זון.

מיט וויינענדן גליק, מיט טרער־דורכגעזאפטער שמחה, טאקע מיט

א ביסל צוריקגעהאלטענעם געלעכטער — אבער יידן מוזן מאכן א ברכה אויף פרוכט, און בליאונג, אין אונזער לאנד. אויב יידן וועלן דאס זיך ניט אויסלערנען, לויערט דער סוף אויף אונזער פאלק.

לאמיר אלע, אלע, נאכגיין! אין פיכמאן פוס־טראט. נאכזאגן זיין ברכה. פאר אלץ. פאר אלץ, וואס דו פאטערלאנד האסט אונז געגעבן: א ברכה! א ברכה!

ביים שוועל פונם סוד.

די פראכט פון יעקב פיכמאנס געזאנג גיסט זיך אויס ווייט איבער די ברעגן פון דער נשמה אין די „אוונט־סאָנעטן", וועלכע זענען זיבן אין דער זאמלונג „אביב בשומרון". זיי זענען ווי זיבן טעג פון א מענטש־וואָר. עס זענען נישט קיין ימי־חול און אויך נישט קיין גאנג צום שבת. אז מען וויל, זענען אלע זיבן סאָנעטן א צוגרייטונג צו א גרויסן שבת פון דער נשמה. דער שבת ווערט אָבער פארשטויסן דאָ און דאָרט. זייער שוועל איז דער גערֵאנגל פון יידישן דיכטער ביים שוועל פונם גרויסן סוד.

דער דורכגעלעבטער טאָג איז אוועק און דער מענטש גייט אריין אין אוונט נישט מיט צער אויפן פארלוירענעם טאָג, און אויך נישט מיט ווייטיק. עס איז נאָר „ווייכקייט און פארוואונדערונג". ס'איז מער ווי „א לעצטער שטיין וואָלט אין תהום אראָפּ." קיינער ווייס נישט פון וואנען איז דער שטיין און אין וואָסארן תהום ער איז געפאלן, אָבער ס'איז גוט וואָס ער איז פארשוואונדן געוואָרן און זיך אראָפּגעקייקלט פון הארצן.

קומט אָן דער פארנאכט. א נייער שאָל האָט פארדעקט דאָס געזיכט פון מענטש. דער אוונט איז א ווייט פעלד פון נייע וואונדער וואָס האָט זיך אנטפּלעקט פארן מענטש נאָכן גרויען און מיזאמען טאָג. ס'איז נישט קיין אפּרו. ס'איז אויך נישט קיין פארגעסן־זיך. ס'איז מער א ווידערגעבורט

ישעיהו אוסטרי־דן

אין א נייע ספערע פון ליכט און שאָטנס. די שאָטנס וועלכע קומען פון אוועקגייענדן טאָג, זענען א צוויבער־דעק פאר דער אנטפּלעקונג פון אינער־לעבער ליכט. די אָוונט־קילקייט איז נאָר א שוואכער עכאָ, וואָס וועקט אויף דעם ווארעמען אָטעם פון מענטשלעכן „איך" אקעגן די ליכטער פון דער וועלט וואָס לעשן זיך אוים אומברחמנותדיק.

אָבער די פון טאָג־דערשלאָגענע בלומען דערהערן נאָר אין די אָוונטן ווידער „כיט טיפן ציטער ווי א געזאנג צעגיסט זיך אין זייערע אָדערן". דער מענטש הערט צו צום אייגענעם פוס־טראָט און ער דערשפּירט מיט איינמאָל ווי א געזאנג וואָלט זיך געטראָגן פון יעדן עכאָ פון זיינע טריט. און דאָן,

„השיר בשל כפרי, על בד נשכח;"

(„דאָס ליד ווערט רייף ווי א פרוכט אויף א פארגעסענעם צווייג")

און דאָן שווימען אויף נייע וועגן אין הימל פון דער נשמה. די וועלט ווערט אָנגעצונדן מיט געזאנגען און מיט „א גאָט־ברייטקייט, וואָס די טאָג־ליכט איר ניט געקענט האָט". אלץ ארום ווערט געלויטערט און אויס־געטאָן פון פּראָזאאישער טאָגיקייט. דער אָוונט, דאָס איז די שעה פון עלית־נשמה, פון דערשפּירן אין די טיפענישן פון „איך" דאָס גרויסע וווּנדער פון לעבן און יצירה. אין דעמערונג איז אויפגעגאנגען די וועלט. אין בין־השמשות איז ארוים פון א פארנעפּלטער און סודות'פולער טונקלקייט די יצירה מיט אלע אירע וווּנדער און ווייטיקן.

פּיכמאַן ראנגלט זיך מיטן סוד פון דער אָוונט־טונקלקייט. ער זוכט און פרעגט נאָך פּתרונים פארן אויפגעוועקטן וווּנדער אין הארצן. א טאָג א לאנגער איז קאלט־ווינטיק געווען און גאָרנישט געברענגט מיט זיך. דער אָוונט ווארפט א שיין און באמיט זיך אויסצוכישופן א פּתרון. און דער ערשטער פארזוך איז אזא גרויליקער דורכפאל. גאָרנישט נישט געפונען,

„רק דמי נוסף לשביל, עליו אדרוך,

וקל יותר לשאת עניך, תבל".

(„נאר שטילער געווארן איז אויף דער סטעזשקע וואס ב׳טרעט,

און גרינגער איז דיין פיין אויסצוטראגן, וועלט").

וויפל אומעטיקע אפהענטיקייט שרייט ארויס פון די שורות. דער גאנצער סוד האט זיך אויסגעלאזן אין א הילפלאזן קרעכץ. איז עס נישט אמאל ווייל דער יידישער דיכטער האט זיך אויסגעגליטשט אזוי נעבעכדיק ביי די טויערן פון סוד? איז עס נישט אמאל געשעען נאר ווייל ער איז א ייד? א וועלט איז ארוים מיט כישוף־צויבער געטראגן אויף די ווייכע פרעמס פון אוונט, און דער דיכטער האט פלוצים דעם מוט אנגעווירן, דעם גרויסן אטעם פארלוירן, ווייל די רויט־צעעפנטע ריטער־פאסן זענען נאך נישט פארטרוקנט געווארן אויף דער בלוטיק־געשמיסענער פלייצע. דער יידישער דיכטער ווערט צוזאמענגעבראכן אקעגן דער אויפקומענדער וועלט פון הוילער־פראכט, ווייל ער קען נישט פון איר געניסן. ער האט גארנישט, גארנישט נישט געפונען, נאר א תפלה ציטערט אויף די ליפן:

„הוי, מעט עוד בעולם ולא גואל,

ורב הסחי, נערם, כי יבוער —

לו ירוחם המעט ולא ידל!"

(„אוי, אזוי ווייניק אויף דער וועלט איז אויסגעלייזט,

און צופיל איז דער אנגעזאמלטער שמוץ, אים אויסרייניקן

צו קענען,

זאל דאס ביסל נאר געראטעוועט ווערן און נישט אויסטריקענען")

ווען דער ברייטער אטעם פון דער געטלעכקייט האט זיך א טראג גע־טאן איבערן פנים פון דיכטער און אים איינגערוימט אין אויער, אז איצט איז די צייט, אז דא איז די שעת־רצון פאר א טיפער אנטפלעקונג פון יצירה־

ווונדער, איז דער דיכטער געפאלן ביי זיך, ארומגעקוקט זיך צעטומלט און צעמישט און נישט פארשטאנען דאס ווונדער ארום.

„ווער דארף דען דאס ביסל עס זאל אפגעראטעוועט ווערן? פאר וועמען איז נויטיק די לעצטע שיריים פון רחמנות, מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט? נישטא קיין אנדער וועג ווי דער גרויסער דורשט נאך שלמות, נאך „איד״־שלמות, פאלקס־שלמות און וועלט־שלמות. א דיכטער מוז טראגן דעם פאקל פון ברענענדן גלי וואס אנטפלעקט זיך אין דער נשמה פון אויבדערוויילטע זין אין דער מענטשהייט. נישט גיין זאל מען מיט קטורת בעטן עצות קעגן קורח׳ס און זייערע עדה׳ס! דער וואס זעט בלויע הימלען איבער זיין קאפ, דער וועט שוין אויסצויבערן פון זיין קערפער די פליגל צום גרויסן פלי.

א שאד וואס פיכמאן איז שטיין־געבליבןביים שוועל פון סוד, און נישט דערטראגן דעם „נחמו נחמו עמי״ אין זיין אונטער־געזאנג צו די אויערן וואס דורשטן נאך טרייסט. טאקע פיל שבת געווען אין ליד, און מיט איינמאל אוועק איז די האפענונג אויפן צויבער אויף וועלכן מיר האבן אלע געווארט מיט טיפן ציטער. און ס׳איז א שאד, א גרויסער שאד...

אין דער נעץ פון שקיעה

עס זענען דא מאמענטן, ווען אויך פליגל, און מעגן זיי זיין מעכטיקע, ווערן מיד פון אייביקן פארמעסט צוצוקומען צו די טיפע לאזורן פון דעם מענטשלעכן באגער. עס קען אמאל זיין א רעזולטאט פון א דעפרעסיע־מאמענט, און אמאל גאר א פראזאאישער רעזולטאט פון לאנגע יארן וואס שווערן אויף דער שוין־בויגנדער־זיך פלייצע.

און עס בלייבט א רעטעניש. איז דען נישט פיכמאן אין זיין פולער נשמה־ווארימקייט און יצירה־רייפקייט אין אלע זיינע לידער פון „אביב בשומרון”? איז נישט די טעמאטיק אזא ריין־מענטשלעכע, אזא אויסגעצויבערטע פון די ריינסטע טיפענישן פון מענטשלעכן געפיל? פארוואס זענען גראד די זיבן פארנאכט־סאנעטן אין אזא פונאנדערגאנג מיטן גאנצן אטעם פון אלע אנדערע לידער אין דער זאמלונג? פארוואס איז אראפ אזא טיפע אפהענטיקייט אויף די צארטע שורות, וואס האבן דא נישט לאנג אזוי פיל וואנדער דערציילט אונזערע שטוינענדע אויערן?

ווייזט־אויס, אז פיכמאן האט די פארנאכט־סאנעטן געשריבן אין גאר אנדערע פארנאכטן און אין אנדערע נעכט. עס זענען נישט געווען די נעכט ווען אלץ ארום האט געקעמפט פאר נייער בליאונג, פאר טיפער פארווארצלונג. אן אומבאשרייבלעכער אומעט האט זיך אויסגעשפרייט מיט א תכריכים־ווייסקייט אויף די פארנאכט־געזאנגען. און דער געזאנג איז אין

זיי אזא פרעמדער. עס איז מער געקרעכץ ווי געזאנג. גאטס־הסדים זעט פיכמאן אין א שיריים־איבערבלייב אין הארצן געראטעוועטע פון צייט־געלויף. דאס זאל עס זיין די איינציקע ברכה וואס דער דורכגייענדער טאג טיילט אונז צו? טרעטן מאקע אזוי בחבוביןג'דיק פיס אויף זכרונות, און קיקן זיך גארניט אום, און זעען גארניט? איז דען אמת אז

„כה פאר־דרכים שוקע לאין מזכרת,

ולא יעגם לו לבּ אדם עצל.”

(„אזוי זינקט דער וועגן־פראכט אן אן אנדענק

און נישט טרויערט נאך איר ס'פויל מענטשן־הארץ”).

איז עס דען אמת? פארוואס מיינט פיכמאן אז עס זענען געווען אמאל טייערע טעג, אדער ווי ער דריקט זיך אוים, „א טייערקייט אין די טעג” וואס איז פארלאזן געווארן אויף הפקר? זענען מיר טאקע אמאל אזוי בלינד געווען צו אונזערע טעג פון גליק און רואיקייט? איז טאקע אונזער הארץ געווען אזוי הארט און הערמעטיש־פארשלאסן צום רוף פון שיינע זונען־אונטערגאנגען? איז דער מענטש נישט געפאנגען געווארן אין זיין יוגנט צו גרויסע אידעאלן און צו פארגעטערטע פארמען און געשטאלטן אין דער נאטור? איז דען אונזער יונג הארץ פרעמד געווען דער געטלעכן אטעם־הויך פון דער באצויבערנדער ליבע?

דאכט זיך, אז קיין דיכטער וועט דאס נישט פרווון פארלייקענען. און דאך באהאלט זיך פיכמאן אין דער אומעט־נעץ וואס ער אליין וועבט ארום זיך, זיינע געדאנקען און געפילן. ער בענקט נאכן טרויער פון זיין גאנצן „איך”. ער פארשליסט זיך אין באגער פון ראטעווען דאס וואס איז קיינמאל צוגערויבט געווארן פון מענטש. די אמאליקע טאג־גליקן דארפן נישט געפאנגען ווערן „אין דער אונט־נעץ איינס צו איינס”. דאס איז שוין מער אומגלויבן אין מארגן און ווילן זיך אליין צו פייניקן.

פארוואס וויל פיכמאן זען אין דער איינער וואס האט זיינע טעג מיט „דיוואנען־שטילקייט אויסגעבעט” און צו וועלפער זיין „ווארעם בליט האט

פון יעדער ווייטקייט צו איר געשריגן" דעם אונטערגאנג פון הארבסט? ווער צווינגט אים אריינברענגען אין זכרונות פון נעכטן־גליק די היינטיקע פארוועלקונג פון יענעם פראכט. וויל מען פארבלייבן אין קעניגרייך פון א געוועזענעם גליק, לאמיר אים נעמען, זען, אפשפירן און באזינגען אזוי ווי ער איז דאן געווען. צו וואס ארויפברענגען די אלטקייט, און טרויערן אויף איר היינטיקן געשטאלט וואס שוין מיד איז, אן חן און מיט אויגן וועלכע זענען מיט שאטנס־פארנעפלט?

גערויס, פיכמאן כאפט זיך אויף פון זיין טרויער וויזיע. ער דערציילט קלאר אז

„אד כה ימלאו חיי מדי אראה
שקופה בדמי זרחה, וכמו יקר
הלב רז לא ידע, יגאה, ירון; —"
(„אבער אזוי פיל ווערט מיין לעבן ווען כ'זע איר
דורכזיכטיק אין שטילן אויפשיין, און ס'הארץ ווי ס'וואלט
געשפרודלט
מיט א ווייבקייט וואס שוין לאנג פארגעסן האט, שטאלץ, צעזינגען")

אבער פיכמאן איז פארבליבן משונה'דיק פארשלאסן אין זיך. ער איז איז א שקיעה־שטימונג. ווען עס ווערט פארגאסן דער קוואל פון לעבן מיט מדבר־זאמדן, וויל מען נאר אין זיך געדענקען און ראטעווען שיריים אין דאנקען פאר יעדן ארימן פונק פון געוועזענעם גליק. מען איז מוחל צוזאגן און לעבנס־רופן, ווייל דער גלויבן איז אוועק פון די ארדען. דאס בלוט האט אנגעהויבן שווימען אין אייגענעם ריטם, דעם ריטם פון כאנונג נאך אייגענער באפרייאונג. און שוין געזאגט האט א דיכטער, אז דער געזאנג פון בלוט נאך אייגענער באפרייאונג מיינט א הימן צום טויט, א הימן צו דער דורכברעכונג פון די לעבנס־ווענט צו דער אומענדלעכקייט.

פיכמאן הּעט אין זיין שטילן סאָנעט נאָר דאָס ביסל „אומט־ווייכקייט פארן הארץ" און דאָס דארה׳ עב זיין פאַר איב די „ליצטע באלוינונג". מיר ווילן נישט זיך פונאנדערגיין מיטן דיכטער, אָבער עס ווייזט אונז אוים קלאָר, אז גראָד דאָ, אין איצטיקער שטימונג, דארף ער אונז נייטם. אין דער מדרגה פון „לעצטער באלוינונג", איז יעדער איינער פון דער ארומיקער וועלט, אז איבעריקער באגלייטער. קומט טאקע אינסטינקטיוו אונזער צוריקהאלט. פון דאנען אָן ביז צו דער לעצטער נאכט־ווייכקייט וואָס זאָגט אָן אומפארמיידלעכע שקיעה, וואָס פון איר איז שוין קיין צוריקוועג נישטאָ, פון דאנען אָן, גייען מיר נישט ווייטער מיט. דאָ בלייבן מיר שטיין. ווייל ס׳איז געפערלעך איבערשטרייטן דעם גרענעץ אָוו מען זעט בחוש, אז דער טאָג, אונזער איינציקער טאָג, הויבט אָן פארגיין אומברחמנותדיק.



איבער די וואלקן פון טרויער.

נאך אין פינפטן סאָנעט פון די „סוניטות־ערב“, קלינגען די ווייטיק־עכאָס וואָס מיר האָבן געהערט אין די פאַבריקע אומעט־געזאַנגען. אָט הערט שוין פיכמאַן די עכאָס פון די צוריקקומענדע טעג, ער הערט שוין ווי עכאָס דערנענטערן־און־פאַרפלעכטן זיך איינער אין צווייטן. דאַכט זיך, מיר שטייען אויפן שוועל פון געזאַנג וואָס דער עכאָס־געוועב וועט באַלד אונז שענקען. ליכט־שטראַלן רייסן זיך דורך די שווערע וואָלקנס פון דער שטילקייט. און אָט וועלן מיר זען פאַר זיך א גרויסע שיין וואָס וועט אנטפּלעקן ווייטערע וואונדער פון נאַטור און מענטש אויף די אויפּסניי־שוויס־באַגאַסענע גרודעס פון שומרון.

„הקשב! כבת עופות דמומה תרחף
עלי שדות אדמו בלב מרחב.
במצח חשביל קרנה חלמה שצוחה.“

„הער־צו ווי א פארשטילטע ערה פון פויגל שוועבט־עס
איבער פעלדער וואס רויטלען זיך אינם האריז פון ווייטקייטן.

ביים וועג־ראנד זיך צעשטראלט האָט א פארגעסן שטיק פעלד״).

פיכמאן האָט צוריק אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און האָט א קוק געטאָן „אינם הארץ פון ווייטקייטן״. שוין זענען שטיקער פעלדער מיט שטראלן באגליקט געוואָרן. און מיר פרייען זיך מיט אים וואָס ער איז ארויס פון די פינסטערע נעכט וואָס זאָגן נאָר אָן פיין און הילפלאָזן אור־מעט. אָבער די שווערע שאָטנס טראָגן זיך קיינמאָל נישט אוועק מיט איין אָטעם־הויך. דער גערענגל פאַר א ביסל ליכטיקייט אין דער יידישער נשמה איז שטענדיק א שווערער און פול מיט אבני־נגף. פאלט טאקע ווידער באלד אריין אונזער דיכטער אין דער מעלאנכאָליע פון אומגעקומענע וועלטן וואָס וועלן קיינמאָל מער צוריק נישט קומען.

„אך מישהו הלך ולא ישוב.
ועל צלו נדרוך. וכה כאוב
הקסם בלעדיו עם חשכה״.

(„אָבער אימעצער איז אוועק און וועט שוין צוריק נישט קומען.
און מיר טרעטן אויף זיין שאָטן. און פול אזוי מיט ווייטיק
איז דאָס וואונדער אָן אים, ביים אָנקום פון דער נאכט״).

אין דעם אומעט אָבער, ווילט זיך שוין נעמען פיכמאנ׳ען אונטערן אָרעם און מיטגיין מיט אים. איר שפירט אז ער וועט אייך דאנקבאַר זיין פאַר דאָס ביסל וואַרעמע נאָנטקייט וואָס איר וועט שענקען. אין יעדן איי־נעם פון אונז זענען דאָ שטילע פאַרנאכטן ווען דער כישוף פון לעבן באַ־קומט נישט, ווייל אן איינזאמקייט פרעסט דאָס הארץ. מען וואָלט גליקלעך געווען משתף־צו־זיין אין דעם כישוף אימעצן וואָס אוועק איז און וועט שוין קיינמאָל מער צוריק נישט קומען. דאָס איז אזוי טיף־מענטשלעך. עס גייען ארום וואונדער ארום אונז. מיר שפירן עס, מיר זעען עס מיט טויזנט־אויגן אין אויגן, און ס׳באקומט נישט.

נעוויס זעט נאָר אַלץ פיכמאן אין אוונט די צוקוק־און־באטראכט־שעה.

אין אונטן זעט זיך בעסער דער חורבן פון טעג, די פארשלאסענע טירן וואס דאס הארץ גארניט באמערקט האט, ווען זי אליין האט זיי פאר ליי־בע און פראכט פארזיגלט. אבער די אונטן ברענגען שוין צוריק אויפשוור־מענדע ליכטער און פיכמאן הערט זיך שוין צו „ווי דער בליט־גערויש איז ווי ייִנגער ווײַן... און צו זיין טרויער קוקט ער, און ווי ער וואלט אן אנ־דער מענטש געווארן”.

„אשרי ידע גני ערבו עלי?
שפוני קסמיו, והתנער ופרוק,
וכנר זהוב הדלק קצה־יום הולף!”
(„ווייל איז דעם וואס האט געוווסט זיינע אונט־גערטנער
אין פארבארגנסטע וואונדער פארטוליען, און זיך אויפוויעקן
און באפרייען,
און ווי א גינגאלד־ליכט אנצינדן דעם ראנד פון
אוועקגייענדן טאג”).

פאמעלעך, אבער זיכער, באפרייט זיך פיכמאן פון דער מרה שחורה פון נישט אנגעצונדענע ליכטער, פון קיינמאל נישט דערזעענע שטערן אין וועלט־רוים, פון בלומען וואס האבן קיינמאל די בעכער נישט געעפנט צו די שטראלן פון דער זון.

און נאכמער. פיכמאן באפרייט זיך אפילו פון אומעט־טיול פון אונט און זינגט אויך צום טאג וואס איז נאך גרוים און נישט פארגאנגען איז.

„בעוד היום גדול ובעוד שופע
אורו במלא דליו, כבר אל נפשי
גונב חצו, ואת אשר יקרה

אַז לְבַשר קולו החרישי".

(„ווען דער טאג נאך גרויס איז און עס שפרודלט

נאך זיין ליכט מיט פולע עמערס, שוין אין מיין נשמה

זיך פארגנבעט האט דער באפעל, און דאס וואס איר געשעען וועט

גיכט־זיך מבשר־זיין, זיין שטילע שטימע")

די זיבן סאנעטן זענען געווען ווי א געוואלדיקער גערָאנגל, ס'איז ארויס א ייד א קאפעטשקע דעם מארגן אנטקעגן, געניסן פון א ליכט א נייער, וואס שוין צוויי טויזנט יאר בענקט נאך דעם יעדער ייד. און דא, מיט איינמאל, איז ארויס דער ביטערער יידישער צווייפל און האט אים אנגענומען בציצית־ראשו, און ווי געוואלט מיט קראפט פארטראגן אין די פינסטערע שטעגן פון יידישן גלות פון וועלכן פיכמאן און דאס גאנצע פאלק אין פוס־טראט פון זיינע זינגער, רייסן זיך צענדליקער דורות ארויס־צובאקומען פון דארטן. אין אזא גערָאנגל מוז מען געשטרויכלט ווערן, מוז מען זאגן זאכן, וואס ווארפן שווארצע שאטנס אויף דאס טייערסטע וואס דער מענטש פארמאגט. אבער פיכמאן האט זיך באפרייט. פיכמאן איז ווי־דער ארויס דעם שומרון אנטקעגן, און דעם טייך, און די אזיערע, און די בערג און דעם סיון אנטקעגן.

האבן, מיר אויך, מיט אים טיף אפגעאטעמט און מיר לאזן זיך ווי־דער אמאל אוועק מיט אים צו די ריינסטע קוואלן פון מענטשלעכן גליק, וואס מוז איצט קומען ווי א געטלעכער גורל־געשאנק אויך פארן יידישן פאלק אויף דער געבענטשטער ערד פון פאטערלאנד.

דער דערלייזנדער רואיקייט אנטקעגן.

גרויסע ווונדער־וועגן זענען אפן פארן אויג וואס קוקט אויף דער וועלט אין דאפלטן שפיגל פון הימל־אין־דער־הויך און הימל־אין־אזיערע. עס עפנט זיך אויף א ווייטקייט־צויבער פאר דער נשמה און עס טייכט אויף אן איבערלעבער געזאנג וואס גרענעצט מיט דער מדרגה פון „וכל עצמותי תאמרנה שירה". דער צויבער פון לעבן ליגט אין אומדערצייילבארן געפיל, אז עס איז דא א גרויסע ווייטקייט אין די טיפעניש פון די בלויקייטן וואס האט איר געשטאלט, און איז ניט זעבאר פארן פליישיקן אויג, וואס שפילט אוים איר מוזיק אין אומשפילבארע טענער פון קאלאסאל־געטלעכע קלאנגען.

ארומגיין מיט דעם ציטער אין הארצן, שטיין פאר דער אזיערע מיט דעם געפיל, איז די טיפסטע איבערלעבעניש פאר יעדן דיכטער און די העכסטע דערגרייכונג פון לעבנס־באגער. פילן די מיסטעריע פון גליק ווייל מען איז ארומגעהילט מיטן צויבער פון לעבן — דאס איז טאקע די מדרגה פון

„נהרות ימחאו כף,
יחד הרים ירננו" (תהלים צ"ח, ח')

(„טייכן פאטשן מיט די הענט,
אין כאר צעזונגען זענען בערג")

דאס גליק פון זעען זיך אליין אין א גרויסן און ווונדערלעכן קאראהאד מיט דער גאנצער נאטור אויסטאנצנדיק און אויסזינגענדיק דאס גליק פון

לעבן, דאָס גליק פון זעען אין יעדער מינוט די כישוף־אנטפּלעקונגען וואָס דאָס לעבן שענקט אויף יעדן טריט־און־שריט — דאָס הייסט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון זיין דער זינגער פון מענטשלעכן מין, פון זיין דער באַ־פרייער פון געוואַלדיקן יאוש און אומעט־געפיל וואָס דריקט אין דער היינ־טיקער שעה אויף יעדן יידישן געמיט. מען דאַרף מיט פויסטן צערייסן די שטיקער פון שוואַרצן צער־שאָל וואָס וויקלט אַרום יעדן יידישן מענטשן. דעם אומגליק אנטקעגן קען מען נישט גיין מיט שטורם פון צעשטערונג און אומגלויבן, נאָר מיטן געפיל פון זעלבסטבאַנייאונג און באַפרייאונג פון אייגענעם „איך" אנטקעגן די אַנקומענדע כוואַליעס פון לעבן.

דערפאַר האָבן מיר געשפּירט אין פיכמאַנ'ס „סוניטות ערב" די טיר־פע מורא פאַרן פולן פונאַנדערפאַל אין ים פון טרויער. די וועלט קען נישט געראַטעוועט ווערן מיט יללה־געזאַנגען. אָדער פויסטן זאָלן אויסשאַלן די טרומייט־קלאַנגען צו דער נקמה, אָדער זאָלן פינגער אויפעפענען־זיך ווי רויזן צו דער מאַרגנדיקער אויפשיינענדער האָפענונג. קיין ווייטיק־געזאַנ־גען טאָרן מיר נישט אַריינגעמען אין אונזער נשמה. דאָס וואָס מיר ווילן זאָפן איז גלויבן, און גלויבן, און נאָבאַמאָל גלויבן. נקמה גיט גלויבן, און דער אַרויפקוק צום מאָרגן גיט גלויבן. פאַרשידן זענען טאַקע ביידע געפילן, אָבער ביידע זענען אַ וועג צום לעבן, אַ וועג וואָס פירט צום איבערבורך פון דער עקזיסטירנדער ווירקלעכקייט.

איז אונז גוט און זיס־גאַלדיק אויף דער נשמה, וואָס פיכמאַן איז צוריקגעקומען פון זיין יאוש־צוזאַמענבורך און איז אַרויס אַ געלייטערטער אנטקעגן דער רואיקייט פון די אַזיערעם און די בערג אין שומרון.

אין אונזער פּאַטערלאַנד איז דער געזאַנג פון נקמה אַן איבעריקער. דאָרט דאַרף די ליבע זיך צעזינגען אנטקעגן אַזוי פיל אויסראָטונג און אומ־קום. די מיליאָנען קדושים זענען ווי תהומות צו אונזערע פיס. ווען אָרץ־ישראל און אירע זין אַריינקוקן אין דעם שרעקלעכן תהום, מוז זיך די קאָפּ פאַרמישן און דער אַראָפּפאַל איז אַ שווינדערלער־זיכערער.

בענטשן מיר אין האַרצן פיכמאַנען וואָס ער גייט אַרויס דער רואיִ־קייט אנטקעגן אומגעהילט מיט אַזוי פיל ליבע צו יעדן גרעזל און יעדן פויגל אין דער ליימערקייט פון די שומרון־הימלען.

„אל יאור אליל, ימים רבים עוזב
בדד אל הרהוריו הרוננים,
יש עם הערב כי ישקוט־יזהב,
כתי עופות יבואו אלמונים".

(„צום אלול־טייך, וואס שוין לאנגע טעג פארלאזן איז
אן איינזאמער צו זיינע זינגענדיקע מחשבות,
מאכט־זיך, פארנאכט־צו, ווען ער איז גאלדיק־שווייגנדיק,
אומבאקאנטע עדה'ס פויגל קומען אן פליענדיק")

די פויגל זענען ביי פיכמאנען ווי א גרויסער צוריקקער פון א טרויער־וועג. זיי לאזן זיך אראפ ווי צוריקקומענדע פארלוירענע קינדער אויף די ברעגן פון דער אזיערע און דער גליק־שמייכל צעגיסט זיך אויפן פנים:

„ראה, כולם לך באו כתומם!"
(„זע, ווי נישט־מיינענדיק זענען דיר אלע צוריקגעקומען!")

און דער טייך ליגט גליקלעך־רואיק און הערט צו, צו די טיפענישן פון זיינע בארואיקטע איינגעווייד‎ן און איז איין גאלד פארטוליעט און באצירט

פיכמאן פירט זיינע אויגן איבער אלע ווונדער ארום. ער איז איצט אן אנדער מענטש געווארן, אדער בעסער געזאגט, ער איז צוריק דער זעל־בער מענטש געווארן. די אזיערע ליגט נישט אין א חלל. ארום דער אזיע־רע זענען דא בערג. און אין די בערג איז דא רואיקייט, גרויסע אין אומ־באשרייבלעכע רואיקייט. וואלקנס ליגן איבער די בערג, ווי א שיפן־פלא־טע וואלט פאראנקערט אין א הימלישן פארט. אלץ איז איין גרויסע רואי־קייט, איין גרויסער געפיל פון זיכערקייט. א שטילע אדר־ערד אטעמט מור־טערלעך־ווייך. אבער פון די בערג קוקן אראפ וונדער־שאטנס צו אונז:

„שם רוך אחר לופף. ושם צוהלת
עריה. וצפיה כל גיא מלא.
ויום סגול דועך לאט. והלך
לקראת ערבו ירון במעלה"

(„דארט גאר אן אנדער ווייכקייט טוליעט. און דארט רוישט
א נאקעטקייט. און מיט אפּוואַרטונג איז דער גאנצער טאל
איבערפילט.

און א וויאָלעט־טאָג צאנקט אינדערשטיל. און א גייער
אנטקעגן זיין אוונט גייט ארויף צעזונגען")

שוין טונקט נישט פיכמאן אין א טרויער־אוונט. שוין נישט געשטאָרבן זענען טעג. שוין נישט ליגן מער חורבות ארום־און־ארום. דער טאָג איז וויאָלעט־באצירט. ער שטאַרבט נישט נאר צאנקט אינדערשטיל. און אנט־קעגן דעם אוונט גייט ארויף דער גייער א צעזונגענער. פיכמאן האָט צו־ריק געפונען דעם גליק־אויסדרוק פון גייער איבער די וועגן און בערג־סטעזשקעס פון פּאַטערלאַנד. די וועלט איז אין איר גאנצער מוטער־ווייב־קייט צעעפנט פאַרן מענטש. עס איז אן אנדער וועלט.

„אך כה שקטה תבל זו מעוטרת
וכה שגבה במשבצות עניה!"

(„און אזוי שטיל איז די וועלט די באקרוינטע
און אזוי מעכטיק איז זי אין איר ארעמקייט־צירונג!!")

דאָס איז דער טיפסטער קוק פון א ייד אויף דער וועלט אין היינ־טיקן דערנער־טאָג. ווען די וועלט דערשיינט פאַר אונז אין איר ארעמקייט, ווען זי איז אונז ארוים אנטקעגן מיט האַלב־לידיקע עמערס פון האָפענונג

— דאָך איז די מעכטיק און שיין און פאַרגאַפּן מיט אומבאַשרייבלעכער פּראַכט.

דאָ ליגט דער טיפער סוד פון לעבן פאַר יעדן פאָלק. לאָמיר נעמען די בעכערס וועלכע זענען פאַר אונז צוגעגרייט געוואָרן. קיין אַנדערע כוסות זענען פאַר אונז נישטאָ. און ווען דאָס פאָלק ליגט אין טיפע ווייען פון אומקום, לאָמיר עס גלייך באַטראַכטן ווי גרויסע ווייען פון ווידערגעבורט. און ווען דאָס לאַנד, וווּהין מיר גייען, ליגט פאַר אונז מיט איר אָרעמקייט און צעקנייטשטקייט — לאָמיר זען אין איר דעם גרויסן און טיפן אמת פון פיכמאַנען אַז „אַזוי מעכטיק איז זי אין איר אָרעמקייט־צירונג!"

און לאָמיר אַלע זיין ווי פיכמאַנס גייער:

„בעין ההלך אש כוכב יוקדת

מעל לצור."

(„אינם אויג פון גייער ברענט אַ שטערן־פייער

איבערן פעלז.")

נאָר די וועלכע וועלן גיין מיט אַ פייער פון שטערן אין זייערע אויגן. נאָר די וועלן זוכה זיין איבערגיין דורך אַלע תהומות פון ווייטיק און צער און דערגיין צום קוואַל פון לעבן וואָס איז די דערלייזנדע רואיקייט און די זיכערקייט אַז דער מאָרגן קומט אויף און עס לוינט זיך יעדער ביטער קאַמף כדי דעם מאָרגן צו דערגרייכן און דערלעבן.

גאולה-פּיזאושן.

מיט דער מאמע־ערד פילט דער דיכטער א טיפן באהעפט, א געמלע־בע מזינה. שטייענדיק ארומגערינגלט מיט די וווּנדער פון דער וועלט אין א סיון־טאָג, שפּירט דער דיכטער ווי ער וואָלט אליין געוועזן א פלאַנץ וואָס איז טיף פאַראנקערט אין שטורמישן בליאונג־ים ארום־און־ארום. ער איז א וואָרצלדיקער „איינס" פון דער נאַטור. איז נישט קיין וווּנדער וואָס

„עולם, כמו לב שנצרב, ברננה
יקר נוכח ליל כל בשמו ראשונה".

(„די וועלט, ווי אַן אָפּגעברים הארץ, מיט געזאַנג
טריפט דער נאַכט אנטקעגן איר גאַנצן פּערפום־פאַרלאַנג")

עס איז נאָך דאָ טיף אין הארצן א ווייטיק פון וועלכן דער דיכטער וויל אויסגעלייזט ווערן. ער ווייס, אז דער ווייטיק איז דער וועג וואָס פירט צו אָפּהענטיקייט. מיר שפּירן די נאָטע פון אומעט אין יעדן פראַכט־געזאַנג צום וואָרצלדיקן־בוים און גאוה'דיקן פעלז. נאָך אלץ איז די יידישע וועלט ארומגערינגלט מיט פיינט, און ווער זאָל עס דען שפּירן דער ערשטער, אויב נישט דער דיכטער, דער וואָס איז דאָס הארץ און געפיל פון פאָלקס־געניום.

„בעשב צונן נמתי. מן הסלע
אזני קלטו כמלמול קדם חי, —

ואלפי מיל סביב בנשימת־להט
ארב מדבר אויב לזיו פרחי״.
(,,אין קילן גראָז האָב איך געדרימלט. פון פעלז
האָבן מיינע אויערן אויפגעכאַפּט ווי א לעבעדיקן פּאַרציייטן־
געמורמל, —
און טויזנט מייל אַרום מיט ברענענדן אָטעם
האָט א פיינטלעכער מדבר צו מיין בלומען־פּראַכט געלאַקערט״)

אפילו אויף אייגענער ערד, ווייט פון דער וועלט און פון נייעס־געווי־טער, קען דער דיכטער זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון שרעקלעכן געפיל, אַז דער ייד איז קיינמאָל נישט זיכער, אַז א שרעקלעכער מדבר לאַקערט אויף דאָס ביסל בלומיקייט וואָס מיר האָבן שוין איינגעפלאַנצט אין אונזער פאַ־טערלאַנד־ווירקלעכקייט. ער מוז אָפּוואַרטן לאַנגע מעת־לעת׳ן פון אומרו. אַרומגעגאַרטלט מיט א שניר פון פראַגע־צייכנס, ביז עס קומט דער טאָג, און דאָס איז גראָד אַן אלול־טאָג, אין וועלכן עס בליט־אויף די באַרואיקונג און א דערלייזנדער אָטעם־הויך גלעט די נשמה.

,,מאחורי עולם קודח
אלול נוגה, ולב אכל
יקשב, מכמישתו נגאל״.
(,,ווייט אונטער וועלט פיבערנדיקער
איז אלול צעזונגען, און ס׳פאַרברענטע האַרץ
הערט־צו ווי זי ווערט פון פאַרוועלקונג אויסגעלייזט״)

אין דעם טיפן באַגער נאָך בליאונג און דערלייזונג, מוז דער דיכטער אוועקגיין פון דער הוילער נאַטור און מאַטעריאַליזירן די גאולה. אפילו א

דיכטער קען נישט בלייבן אין אפגעריסענע פייזאזשן און אייכזינגען נאך ועטרוימטע, אבסטראקטע גאולה־קלאנגען. ווי פון זיך אליין שוועבט אויף פאר די אויגן די אלטע לעגענדע וואס דערציילט, אז „וטבריה עמוקה מכולן... ומשם עתידין ליגאל". די סיון־נעכט און די אלול־טעג ווערן איבערגע־לאזן צו זייער גלעטיקער בליאונג, און דער דיכטער גייט אראפ צו די ברעגן פון כנרת און טרעט אריין אין „פארגעסענעם קעניגרייך" פון טבריה.

טיף זענען די סודות פון טבריה. דער טרויער וואס איז אויף איר אויסגעגאסן איז ווי א פארכישופטער, און פאנגט דעריבער „יעדן זינגער און נזיר". „לאנגע זומער־שיינען" הערשן אין טבריה. אין טיפער שטיל־קייט ליגט איר דער ים צופוסנס. די בערג ארום שטורמען נישט מיט זייער אטעם־ברויז אין דער מלכות'דיקער טבריה. און דער גייער איז פארוווּנ־דערט און קען נישט אויסליינען דעם וואונדער־אות וואס איז מיט גורל־האנט פארשריבן איבער טבריה.

אבער ס'מאכט זיך אמאל נעכט, ווען טבריה „טייכט־אויף גילדיק־פארטראכט", און לבנה־שיין, ים און בערג פארוויגן און טוליען איר אין איר מאיעסטעטישער איינזאמקייט. דאן בליט אויף אין טבריה עפעס נביאישעס, און א געוואלדיקע פרוכטבארקייט טראגט־זיך „פון דער ווייסקייט פון דיי־נע (טבריה'ס) הייזער". דאן גייט ארום דער גייער גליקלעך־צעטומלט און הערט צו מיט צעזונגענע און גליאיקע אויגן צו דער וואונדער־סימפאניע וואס טראגט זיך פון אלע זייטן פון האריזאנט.

„ותביט כה וכה ושאל:
היש כי עולם כבר נגאל?"

(„און ער קוקט זיך ארום און פרעגט:
איז שוין טאקע אויסגעלייזט געווארן די וועלט?")

און פיכמאן זעט דאס גרעסטע וואונדער פון אויפלעבונג אין דער גאולה'דיקער טבריה. „נישטא קיין ערד־גרודע וואס האט נישט פרוכט אויס־געטראגן, און נישטא קיין חורבה'דיקע וואנט וואס דער שימל לייכט נישט

ישעיהו אוסטרי־דן

אין איר, און נישטאָ קיין פעלז וואָס האָט נישט מיט קיין גראָז געגרינט
און נישטאָ קיין בוים וואָס זאָל קיין געזאַנג נישט טראָגן״

„ושכח איש ביתו ורעיו,
ושכח הימים שכאב,
ואושר כי עבר בתוכך
ואבד בלבו ופרחך,
והקשיב בלבו שלום תבל
כלשד בנצן מחלחל,
ולחש אל נפשו וברכך:
אכן הגאולה בך תחל!״

(„און אַ מענטש פאַרגעסט זיין שטוב און פריינט,
און ער פאַרגעסט די טעג וואָס ער האָט געוויינט,
און באַגליקט ווייל ער איז דורך דיר דורכגעגאַנגען
און טראָגט דיין בליאונג און דיינע בלומען אין הארצן,
און ער הערט־צו אין זיין בלוט צום וועלט־פרידן
ווי צום זאַפט וואָס ציטערט אויף בליענדן צווייג,
און צו זיך אַליין וועט ער דאָן מורמלען און דיך בענטשן:
ס׳איז אמת, די גאולה וועט פון דיר אָנפאַנגען!״)

מיר שטייען פאַרן טיפסטן יידישן ציטער אין לויף פון אונזער גע־
ראַנגל־געשיכטע, דעם ציטער פון גאולה. עס צעווינגט זיך יעדעם האַרץ און
דער שטיל מיט אַ תפילה, אַז זאָל עס שוין איצט קומען, זאָל זיך שוין אָנ־

ע

פאנגען די גאולה פון יענע ברעגן פון כנרת, אדער פון ירדן, צי פון די בערג פון יהודה און שומרון. די יידישע פיס זענען שוין פארמאטערט פון אזוי פיל אנטלויף. די יידישע הענט זענען שוין מידע פון אזוי פיל חורבן. און אלע, אלע יידן מורמלען היינט צו זיך אליין אין דער שטיל און בענטשן דאס לאנד פון אונזערע אבות: — זאל עס שוין זיין אמת! זאל שוין די גאולה אנפאנגען אין דיר...



ים-אידיליעס

ווי פיכמאן אליין גיט איבער אין דער קורצער באמערקונג צו זיין זאמלונג לידער „אָביב בשומרון”, זענען די ים־אידיליעס אריינגענומען געוואָרן דאָ „צוליב דעם טיפן פארבאנד פון דיכטער (פיכמאן) צו דעם זשאַנר פּאָעזיע, וועלכע האָט אָנגעפאנגען וואקסן אין אים און זיך אנטוויקלען נאָך אין דער יוגנט, אין אן איבערגאנגס־פּעריאָד פון זיין לעבן, און זי איז ווייף־געוואָרן ערשט שפּעטער, ביי די ברעגן פון פּאָטערלאנד־ים”. און טראָצדעם וואָס די „ים־אידיליעס” זענען כמעט ווי אן אָפּגעזונדערטע טעמאטיק פון גאנצן בוך, לייכט אויף דאָ און דאָרט, ספּעציעל אין דער דריטער אידיליע. דער שטראַל־אָפּקלאנג פון טיפן פּאָטערלאנד־אָטעם וואָס צאפּלט אין „אָביב בשומרון”.

אין דער שילדערונג פון דער ערשטער אידיליע „דער גערטנער קאָרניי” שפּרודלט דער גליק־אויסגוס פון יעדן פערז. דער דיכטער איז פארשכורט פון אייגענעם לעבנס־גליק. דער גלויבן אין דער וועלט, גראָד אין דער וועלט וואָס איז אויסגעטאָן פון מענטש און געדאנק און איז איכשליסלעך פארליבט אין דער פילפארביקער נאטור־טוניק, איז ראשיק אונטערשטראָכן:

„אך, חייכם, אינני מתגעגע
עוד על בני־אדם ועל ראינוע;
מעודי לא ידעתי שעמום”.

(„און כ'שווער אייך, כ'בענק שוין נישט מער

נאָר מענטשן און קינאָ־פאַרווײַלונג;

כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געגודיעט״).

דאָס איז דער יוגנטלעכער, ריטערלעכער האַנט־באַוועג, וואָס וואַרפט צו די הענטשקע צו די צרות פון דער טאָג־טעגלעכקייט. עס איז נישטאָ דער זאָרג פאַרן מאָרגן און נישט די דאגה פאַר „מה יאמרו הבריות״. די טשו־פרינע איז צעפּלאָשעט און צעוואָרפן אין ווילדע לאָקן אויפן קאָפּ, און זיי נויטיקן זיך לחלוטין נישט אין א קאַם. גליאיקע אויגן נאָר גייען אַרום דער נאַטור אַנטקעגן, און ווילן אײַנזאַפּן אין זיך וואָס מער פּראַכט און וואָס מער בליאונג.

„הוי, כה — בלי רבב! רק פעם כה לפרוח

וכה להרקם בלב עולם״.

(„אוי, נאָר אַזוי — אָן א שפּרענקעלע! נאָר אַזוי איינמאָל

אויפבליען

און אַזוי זיך פאַרוועבן אינם האַרץ פון וועלט״).

דער דיכטער איז פון ים אַרויפגעקומען א געלייטערטער, און פון ים־אויס זעט ער דעם גאָרטן און די וועלט־בליאונג אין איר פולן כישוף־וואונ־דער. מען שפּירט ווי דער דיכטער איז אויסגעטאָן פון אַלע דאגות, און איז אין פולער יוגנטלעכער פאַרליבטקייט אין גרינעם טעפּיך וואָס בלומען־באַצירט ליגט ער אויסגעשפּרייט אויף גאַנץ וועלט.

און ווען דער שטורם קלאַפּט אין זײַנע פענצטער גייט ער נישט אַרויס דער נאַכט מיט ציטעריקע טריט, נאָר ער שטייט מיט פאַרוואונדערונג בײַם אויפגעפּראַלטן פענצטער און זוכט אין דער נאַכט מיט גלוסט דעם שונא, דעם איינציק געטרייען שונא:

„אוי, מה צפון לי שם בחיק הלילה,

עד

אשר ירה, הקריב, והוא תובע —
אויבי מאז, והוא הנאמן!"
(„אוי, וואס ווארט דארט אויף מיר אין שוים פון דער נאכט,
וואס אראפ איז, זיך דערנענטערט האט, און מאנט —
דאס איז מיין שונא פון אייביק, דער איינציק געטרייער!").

וואס אן אמת שפירט איר דא דעם ארויסרוף צו די מענטש־פריינט. דער יונגנטלעבער דיכטער האט זיך געווים אנגעטראפן מיט אפנארעריי און ליגנס, און גלויבט נישט מער אין פריינט. אבער ווען די נאטור קומט ווי א פיינט אים אנטקעגן מיט שטורם און דונערן, איז דער שונא אן אנ־דערער, אן אייביק געטרייער, אן אויפריכטיקער, און אויף אים ווארט דעם דיכטערס הארץ מיט אינערלעכן ציטער, אבער קיינמאל נישט מיט מורא. ס'הארץ ווערט געפאנגען פון מעכטיקן ווינט און שטארקן געוויטער. ס'איז א פארמעסט פון מענטש און נאטור. ס'איז א קאמף פון מענטש מיט בישוף. די נאטור־פראכט פארנארט מיט איר מעכטיקן אויפברויז די וואונדער זוכנדע נשמה. ס'הארץ צעזינגט זיך אין דעם גרויסן פארמעסט און גערא נגל, טראצ־דעם וואס ס'האט שיעור נישט דעם געפיל אז „אזוי אין געשריי צעזונגען איז א הארץ ווען עס גייט ארויס דעם אומקום אנטקעגן!"

פיכמאן קומט אבער אריין צוריק אין דער אטמאספער פון זיין „אביב בשומרון" אין דער דריטער אידיליע „שקט ים". די גרויסע ליבע צום אייגן לאנד, אווו ער איז אליין רייף און ווי פארגאנצט געווארן אלס דיכטער, צעגיסט זיך דא ווי א געטלעכער געזאנג. ווי שיין ער פאנגט אן זיין אידיליע:

„אמרו מה שתאמרו: טובה הארץ
על שפת ים נגב זה! לו רק ימים
מספר כאן עשיתם עמי, מובטחני,

לא דברתם לעולם עוד בגנותה".

(„זאָגט וואָס איר ווילט: גוט איז דאָס לאַנד

אויף דעם דרום׳דיקן ברעג ים! ווען איר נאָר אייניקע טעג

דאָ מיט איר פאַרבליבן וואָלט, בין איך זיכער,

אַז קיינמאָל וואָלט איר אויף איר קיין שלעכטס גערעדט").

ווי מענטש־שלעפּ־טיף זענען די וווּנדערבאַרע פערזן. אין לעבן געשעט דאָך פּונקט דאָס זעלבע. ווייל מען ווייס נישט, ווייל מען שפּירט נישט, ווייל מען האָט נישט געזען, רעדט מען אַלדאָס בייזע אויף מענטשן און זאַכן און אידעאַלן. אָבער ווען איינער וואָלט זיך אַנגענומען מיט מוט און באַטראַכטן די חלומות־ערד פון יידישן פאָלק, ווי אַנדערש וואָלט דאַן געווען נישט נאָר זיין בליק אויף זאַכן, נאָר זיין גאַנץ אייגן לעבן.

„אכן לא לחנם מעצב ליטא

חרדתי אל נוף הים: רק פה

באפר אל כל רוח קל פזרתי

נכאי ימים, שנגררו אחרי

מאז, מאז — רק כאן אחר הייתי!"

(„ווייל נישט אומזיסט בין איך פון ליטע־טרויער

צום ים־פּייזאַזש אַוועק אין ציטער: נאָר דאָ

ווי אַש צו יעדן ווינט האָב איך צעבלאָזן

ווייטיקנדע טעג, וואָס נאָך מיר זיך נאָכגעשלעפּט האָבן

תמיד, תמיד — נאָר דאָ בין איך אַן אַנדער מענטש געוואָרן!")

דאָס וואָס יעדער ייד זאָגט זיך אַמאָל טיף אין האַרצן, אַז דאָרט, אין

לאנד ווו „די צעדער־בוימער קושן די הויכע וואָלקנס" וועט אַלץ זיין אינ־דערש, דער מענטש, און דאָס לעבן, און דער זון־אויפגאנג, און די שטילע נאַכט, אז דאָרט וועט אַלץ באַקומען זיין גרויסן תיקון — דאָס זאָגט דאָ קלאָר דער דיכטער אליין. זאָל זיך קיינער נישט שעמען פאַר די שטילע טרוימען וואָס ער טראָגט אין הארצן. דאָס זענען נישט בלויז הוילע באַ־גערן. דאָס איז אַ ווירקלעכקייט וועלכע איז שוין געשען צו הונדערטער טויזנטער יידן אין יענעם לאַנד אויף די ברעגן פון מיטללענדישן ים.

ווילט איר וויסן ווי עס איז דער מענטש אין אונזער לאַנד, ווילט איר וויסן ווי איז דער ים פון וועלכן שלמה־המלך'ס שיפן זענען אָפּגעשווומען אין וואונדערלעכע לענדער, טאָ לייענט די דאָזיקע וואונדערלעכע בישוף־שורות פון יעקב פיכמאן:

„. . . . . וכה שקטה

התהום כולה, שלו חיה שוטח

הבעש"ט ז"ל מטפחתו על פני המים

בשעה זו — חיובם, לא חייתי

חושש להפליג עמו עד קצוי ים".

(„. . . . . און אזוי שטיל

איז דער תהום, אז ווען דער בעש"ט זכרונו לברכה

וואָלט איצט אויסגעשפּרייט זיין טיכל אויפן וואסער —

שווער איך אייך, אז כ'וואָלט נישט מורא געהאט

מיט אים אוועקשווימען אווו די וועלט האָט אן עק...")

די אַלטע וואונדער פון דער יידישער לעגענדע קריגן אויך דאָ זייער פולן תיקון. נאָר דאָ, ביים ארץ־ישראל ים, טייכט אויף דער ריינער וואונדער־מיין פון אזעלכע פאָלקס־גיגאנטן ווי דער בעש"ט. דאָ ווערן מיר געלייטערט פון

דער וואַלקנדיקער וועלט וואָס שיינקט אונדז גאַרנישט, און נעמט צו פון אונדז אַלץ. נאָר דאָרט, ביי יענע ברעגן וווּ מיר דערוואַרטן ווייטערע אַנט־פּלעקונגען פון נייע בעל־שם־טובֿ׳ס, נאָר דאָרטן וואַרט דער גורל מיט אַבער־נע אָרעמס אויף יידישע מענטשן וואָס קומען אַן צום לעצטן ברעג פון יידי־שער האָפענונג. און געבענטשט זאָלן זיי די אויגן פון די גייער וועלכע זעען דעם בעש״ט׳ס טיכל אויסגעשפּרייט אויף די וואַסערן פון ים־התיכון.

אויפן שוועל

,,אביב בשומרון" פארענדיקט זיך מיט צוויי מאמענטן, וועלכע זענען קעגנגעזעצטע אין זייער אינהאלט און דאך ווי זיך משלים איינער דעם צווייטן.

נח שטייט פאר דער טיפער דערשיטערונג פון טרעטן אויף אומקום־ערד ווען ער גייט ארויס פון דער תבה, און עס באקומט אים נישט די שמחה פון אייגענער רעטונג און פון באהעפטן זיך מיט א ליכטיקער און צוריק־שיינענדער וועלט. ער פארגעסט, אז ער איז געווען דער דערווײלער פאר דער רעטונג. אויך דאס איז פאר אים, אין תוך גענומען, גאר קיין טרייסט. פון די פארבארגנסטע ווינקלען פון זיין ,,יש" ליערט אויף זיין צוקונפט די שרעקלעכע פראגע: ,,ווי וועט וועלט באנייט ווערן, אז איז איר תהום זענען קינד און מאמע אין אומגליק געזונקען?"

און אין ,,מלקוש מאוהר" ווידער, ווארט די וועלט מיט טיפן ציטער אויף דעם ברכה־קוש פון געטלעכע וואסער־ליפן, וועלכע וועלן שיינקען לעבען, און פרוכטבארקייט, און וועלן געבן די מעגלעכקייט און דעם באלזאם איבערצוקומען די לעצטע געבורט־וויען פון דער מאמע־ערד.

מיר שטייען פאר תהומות פון אומקום, און דאן, טראץ די געבורט־וויען פון ביסל יידישן פרוכט, ווייסן מיר, אז דער מלקוש, — מעג ער אפילו זיין א פארשפעטיקטער, — וועט ער דאך אנקומען אין דער ריכטיקער צייט, צו ראטעווען די פרוכט, די לעצטע פרוכט פון אונזער וועזן און קיום.

כ'וויל פארענדיקן מיין אויפן־קול־לייענען־און־טראכטן פון ,,אביב בשומרון" מיט פיכמאנס פערזן, מיט זיינע אייגענע רייד און באפליגלטע שורות, כדי אזוי ארום פארמאכן מיט אים, און מיט די לעזער צוזאמען, די

לעצטע זייט און דעם שער־בלאט פון „פרילינג אין שומרון”. א פרילינג וואס האט זיך צעזונגען נאך לאנגע דורות פון הורבנדיקן שווייגן. לאמיר ארויסגיין צוזאמען מיט נח׳ן פון אונזער תבה, אין וועלכער מיר האבן זיך געראטעוועט פון פארניכטונג, און דאס שוין גארניט זייענדיק אויסדער־וויילטע צו דער רעטונג, און לאמיר טיף־דערשיטערט, טרעטן אויף לעבנס־דורכגעזאפטע ערד־גרודעס. און מיר וועלן קיין ברירה נישט האבן. מיר וועלן מוזן גיין אויף דער ערד, לעבן פון איר, זיך שטארקן און ווארטן אויפן „פארשפעטיקטן מלקוש”, וועלכער מוז דאך סוף־כל־סוף קומען און וועט דאך סוף־כל־סוף ברענגען טרייסט אונזערע פעלדער און פרוכט־אנזאג פארן טרויער־פארחושכ׳טן יידישן פאלק.

בצאת נח...

„און דאן, ווען נח איז ארויס, א דערלייזטער און געבענטשטער
פון דער תבה, און די משפחה פון לעבן־געבליבענע
(אן איבערבלייב פון א וועלט א געזונקענער, א נישטדאאיקער,
א געוועב פאר דאס קומענדע פון וואנען וועלט ווידערבליען וועט)
מיט שטורם און געזאנג אים האבן ארומגערינגלט —
האט ער שטיל זיין צעטומלט אויג געטראגן
צו דער פארשוואונדענער ווייטקייט: וואס, נאך זיך,
האט תהום איבערגעלאזן, ס׳זאל בליען?

געפרייט זיך אין אים האט ס׳הארץ זעענדיק די ערד
אזא נייע, פרילינגדיקע, דורך אזוי פיל וואסערן
געוואשענע פון דורות־שמוץ;

א מיידלשע ערד שמייכלט מיט זיסקייט
פון טאלן־פראכט, טונקלדיקע וועלדער,
צעשטראלטע בערג און וועג און סטעזשקע,
וואס נאכנישט באטראטענע פון וואנדערנדיקן פוס,
וואס נאכנישט אנטבלויזטע פארן דורשטיקן אויג;
א וועלט א באגראזטע, און א נעכטן און און געשיכטע,
א פייזאזש וואס קיין פחד־שאטנס גע'טעמ'ט האט.

איז דאן ס'הארץ פריידיק געווארן, און ער שיקט אוועק
זיינע באגלייטער צו די אנטפלעקטע ווייטן:
גייט און צעשפרייט זיך איבער בליענדער וועלט,
גייט און טרינקט פון זיין אויפגייאיבערפולטן בעכער!
א טויבן־מורמל איבער זיין קאפ ער הערט,
א ברום פון א לייב וואס א ריס זיך געטאן האט צו דער וועלט.
און אויך דער וואסערן־גערויש, וואס אזוי פיל שלעכטס
געטאן האבן,
ווי א געזאנג ער גייט אויף אין זיינע אויערן.

אבער ווען הארץ זיך געשטילט האט, דערהערט ער,
א געשריי פון א וועלט וואס אין דממה אומגעקומען איז —
א קינד־געוויין וואס פון ברוסט אפגעריסן געווארן,
א מעקעריי פון שעפסעלעד דורך וואסער־כוואליעס פארשלעפטע,
(ס'תמימות האט אין אויג מיטן טויט געלויכטן) —

און ביים שײנענדן טאָג אין זײן אױער נאָך געקלונגען האָט:
װי װעט װעלט באַנײט װערן, אַז אין איר תהום
זענען קינד און מאַמע־אײן־אומגליק געזונקען?"

בלײבט שטײן די פראַגע אומפאַרענטפערט. און ס'איז אַזוי שרעק־לעך אַרויפצוגײן אויף ערד־גרודעס פון אַזאַ װעלט, און דאָ װאָרצלען שיקן אין באָדן, און דאָ בויען און אויפשטעלן אַ נײע צוקונפט פאַר זיך און קו־מענדע דורות.

מיר פאַרבלײבן מיטן טיפן טרויער און װינדן די אויגן צום „פאַר־שפּעטיקטן מלקוש" אויף דער ארץ־ישׂראלדיקער ערד. און באַלד קומט די אַסאָציאַציע. מען האָט דאָך פּאַרט געבויט. דער שר האומה האָט דאָך אָפּגעראַטעװעט דאָס ײדישע ארץ־ישׂראל װען ס'האָט זיך גערדאַכט אַז ראָמעל־נבוזראַדן, דער שליח פון היטלער־נבוכדנאצר, װעט איבערחזרן די שרעק־לעכע אומקום־געשעעניש פון צװײ טױזנט פינף הונדערט יאָר צוריק. איז דאָך דאָ נאָכװאָס צו האָפן. איז דאָך נאָך פאַראַן אַ ערד־װינקל פאַר ײדישע פאַרמאַטערטע, פאַרפּײניקטע און שלאָפלאָזע קעפּ. איז דאָך נאָך דאָ ערד און זריעה, הימלען און רעגנס. יאָ, דער מלקוש האָט זיך פאַרשפּעטיקט אָבער ער װעט דאָך קומען. ער מוז דאָך קומען.

מלקוש מאוחר

„מען האָט שוין נישט געהאָפט אויף אַן איבעררראַשונג — ניט מענטש און ניט בוים. פּלוצים האָבן די הימלען זיך פאַרװאָלקנט, און אַ װינט איז אָנגעקומען און אויפגעציטערט די פאַרטריקנטע גראָזן, און צװײגט בױ־מער װאָס האָבן זיך אָנגעקװעלט פון דער אײער־היץ, און אײנגעבויגן גרוי־סע כריזאַנטעמעס װאָס האָבן שוין זײער בליאונג פאַרענדיקט.

„מיט אײנמאָל איז אַלץ פאַרטונקלט געװאָרן; איז טיפער געװאָרן װי געװען. דער בלעטער־געפאַל, פּאַפּיר־און־שטויב — אַלץ האָט פון פּלאַץ

אויפגעריסן, זיך פארווירבלט, אריינגעצויגן געווארן אין אן אנדער רשות... אלץ האט אויסגעדאכט זיך צו בויגן צו איין זייט־צו, אנגעצויגן זיין, צו איין זייט־צו.

„מיט איינמאל איז פארשטארקט געווארן דער ריטם פון גאנצן יקום. ווי אפגעטאן ט'זיך די פארמאטערטקייט פון דער וועלט. די פיס זענען גרינגער געווארן ווי געווען. די דורכגייער ווערן מיטגעריסן מיטן ווינט. לאבן איינער אנטקעגן דעם צווייטן צעטומלטע־געטרייסטע.

„און דאן איז אראפ דער מלקוש. דורכזיכטיקע, איינזאמע, קילע טראפן זענען געפאלן אויפן פנים. זיי האבן אויפגעהערט און ווידער געפאלן, און א ריח האט זיך געטראגן פון עפעס וואס איז שוין אמאל געווען, וואס האט אמאל די נשמה צעזונגען — אמאל, אמאל.

„א פארשפעטיקטער מלקוש!

„די תבואה אויפן פעלד איז שוין לאנג פארגעלבט. ס'איז שוין נייטיק איצט די בליאונג־צייט פאר גראזן וואס זענען וויים געווארן. דאס וואס איז פארוועלקט געווארן פאר דער צייט, וועט שוין מער די קאפ נישט אויפהויבן, וועט שוין קיין כוח האבן זיך אויפצושטעלן, וועט שוין מער קיינמאל נישט בליען.

„און פונדעסטוועגן — געבענטשט זאלסטו זיין, דו פארשפעטיקטער מלקוש, דו פארשפעטיקטע חדוה! געבענטשט זאל זיין ס'הארץ פון דער וועלט וואס האט ווידעראמאל אנגעהויבן צו קלאפן, און ווידעראמאל אויסגעבויגן צו אונז דעם בעכער!

„אבער דער וואס איז פארווארפן געווארן, ארעם און פארגעסן, ביי די זייטן פון פעלד, און זיין בליאונג זיך פארשפעטיקט האט און זיינע פריילינגען זיך פארפרעמדט האבן צו אים לאנגע־לאנגע טעג — טראג זעמיקייט צו זיינעווארצלען וואס ווארטן אויף דיר אין דורשט־אנגבטן, באלייכט זיין גרינס מיט פארשפעטיקטער לויטערקייט — און ער וועט זיך דאן אויפהויבן, זיך דערמונטערן צו נייער צמיחה וואס וואכט אויף"!

מיט וואסערן גליק־געפיל פארמאכן מיר דאס ביכל, דאס קליין ביבעלע מיט לידער פון יעקב פיכמאן: „אביב בשומרון". וויפל טרייסט פאר דער געפיינקטער נשמה. פארשפעטיקט האט די בליאונג. פארגעפענע אין

עק־פעלד פון דער מענטשהייט געווען. פארוועלקט איז דאס יידיש לעבן. די פריילינגען אזוי פארפרעמדטע און אזוי שוידערלעך פארשפעטיקטע.

אבער די וואס האבן אויסגעהאלטן, די וואס האבן געגלייבט אין וונדער, די וואס האבן געוווסט אז דער גאט־געבענטשטער רעגן, דער פארשפעטיקטער מלקוש, מוז קומען — די האבן זיך דערווארט צו נייער יידישער צמיחה!

א דאנק דיר, טייערער פיכמאן, פארן צמיחה־טרייסט אויף דער ווייטער גלות־ערד פון אצטעקן־לאנד. מיט פולע נשמה׳ס ווי בעכערס, גייען מיר ארויף דער גאולה אנטקעגן.

אינם גאַנג פֿון
יעקב גלאַטשטיינ׳ס
„געדענק-לידער״

„אמאל און היינט״

רבי נחמן מברצלב און יעקב גלאטשטיינס וויזיע

א טיפער און סודותפולער אָטעם גיט זיך א טראָג אויף אונזער געזיכט ווען מען דערעפנט די „געדענק לידער״ פון יעקב גלאַטשטיין. ווי פארגאפטע בלייבן מיר שטיין בלייך ביים טויער. א געזונטע, נישט־דאַאיקע פייערישקייט האָט זיך א טראָג געטון איבער די התלהבות־הימלען פון דער חסידישער מיסטיק ־ וועלט, עפּעם אינגאנצן נישט אזוי ווי מיר האָבן זיך איר פאָרגעשטעלט אָדער געקענט. אויב מיר האָבן געזען אין הסידישן רעוואָלט, דעם צוריקקער פון דער יידישער וועלט צו פּשוטער מענטשלעכער פרייד; אויב דאָס איז גלייכצייטיק געווען, פאר פיל פון אונז, אויך דער רעוואָלט פון דער אָרעמער, פארחושכטער יידישער מאסע, ביי וועמען מ׳האָט צוגענומען ס׳ברויט פון מויל, און אין דער זעלבער צייט, אויך דעם צוטריט צום כביכול, און נישט איבערגעלאָזט פאר זיי אפילו קיין אָרעם בוידעם־פענסטערל דורך וועלכן דורכציגיינערן זייער געוויין און טענות צום בורא־עולם. - - איז דאָ אין גלאַטשטיינס ליד א ממשותדיקע געזונטע ערדישקייט אין דער מיסטיק, א יידישע פייעריש־קייט וואָס מיר זענען צו איר נישט געוויינט געווען אין וואָר אנטפּלעקט גראָד דעם טיפן זין פון לעבנס באהעפט, וואָס דער חסידיזם, אין זיין ריינער דערשיינונג, האָט אריינגעצויבערט אין די יידישע מאסן, נאָכדעם, ווען מיר שיילן אים אויס פון זיין נסים׳דיקער קלפּה.

מען דערציילט, אז ווען א גרויסער פראנצויזישער מוזיקער האט אין די דרייסיקער יארן פון פארגאנגענעם יאהונדערט געהערט בעטהאָווענס „פינפטע סימפאָניע״, איז ער גלייך נאָך די לעצטע אקאָרדן ארויס פון קאָנצערט־זאל און געזאָגט א טיף־דערשיטערטער צו זיינע פריינט: „מ׳דארף האלטן די קאָפּ מיט ביידע הענט, כדי איר נישט פארלירן אין מעכטיקן שטורם פון גליק־קלאנגען״. ווען איך האָב געעפנט, צום וויפלטן מאָל, דאָס בוך פון גלאטשטיינען און אנגעפאנגען „דעם בראצלאוועד און זיין סופר״ האָט מיר ארומגענומען דאָסזעלבע געפיל: „האלטן די קאָפּ מיט ביידע הענט!! ס׳איז א מעכטיקער געוויטער פון גליק־קלאנגען!״ דער ארייננפיר נעמט אייך גלייך אָן בציצית ראשכם, און איר בלייבט ווי פארגאפט פאר דער מעכטיקער געשטאלט פון רבי נחמן מברצלב, וואָס דערשיינט אין אזא הייליקער ערדישקייט און אין אזא נאקעטער געדאנקען־אינטימיטעט אינם געווירבל פון זיינע אויסגעזונגענע, בעסער געזאָגט, אויסגעשאלטע, געפילן, צו וועלט און לעבן. ער איז הוילער בליי־שטורם. ווי א בלום ווען זי צעעפנט איינמאָל איר קרוין־בעכער, און זי ווערט אלע מאָל פולער, שענער, פארבן־באצירטער, אזוי איז דער בראצלאווער צעעפנט מיט הוילער ברוסט און אויפגעקוועלטער נשמה דער וועלט, דאָס לעבן אנטקעגן, און צו אלע וואונדער ארום אים, וואָס ווי א געטלעכער אָטעם וואָלט זיך פערמאנענט איבער זיי געטראָגן. ווען ס׳גליק קומט אויף, איז עס ווי אן אויסברוך פון דער נאטור. עס איז ווי א בליץ און א דונערן־קראך וואָס צעברומט זיך נאָכדעם. און נאָך א ריי בליצן און דונערן שפריצט אראָפּ א זריעה־רעגן אויף דער וועלט און אלץ ווערט יניקה, אומענדלעכע יניקה פון לעבן־גליקבעכער. אָט אזוי צעשפילט זיך ס׳גליק מיט געוויטער וואָס קלאפּט אין די לאָדנס:

„נתן, דאוואי היינט נישט טראכטן.

האָסט שוין אמאָל געזען אזא וועלט

מיט אזוי פיל לויטערע פראכטן?

ב׳וועל דיר דערלאנגען א פראסק.



אויב וועסט היינט אויסקוועטשן א געדאנק,
קראנק ביסטו היינט צו לעבן?"

ווען מען לייענט די שורות, באקומט זיך ס'געפיל, אז גלאַטשטיין איז באגליקט געוואָרן מיט וויזיע. עס דרינגט אין אייך אריין די איבערצייגונג, אז מסתמא אזוי, פונקט אזוי, מיט אָט די ווערטער, האָט א רבי נחמן מברצלב געמוזט רעדן אין זיין טיפער אינטימיטעט מיט זיין סופר, דריי־פיר תלמידים־חסידים, אָדער גאָר שמש. אָט דאָס איז דאָך גראָד די שפּראַך פון דער פארחושכטער יידישער מאסע פון היינט און פון צוויי־דריי יאָר־הונדערטער צוריק. אָט אזוי רעדט דאָך ס'פאָלק. ווען דער רבי איז געגאַנגען איינפלאַנצן נייע וועגן פון דינען דעם כביכול און זיין יצירה, די וועגן פון שמחה, הארץ, און דינען מיט ריקוד, און מיט אכילה ושתיה, און מיט הוילן ניגון, מיט הוילן געפיל־אויסגוס, מיט הדווה לשם חדווה, ווייל דאָס איז דער „אבן השתיה" פון לעבן און פון דער גאנצער יצירה — האָט ער דאָך געמוזט רעדן צו זיי מיט זייער שפּראַך, מיט דער שפּראַך פון דער מאסע. דער חסידיזם האָט געברענגט צום פאָלק אנדערע דרכים צו דינען גאָט. רבי נחמן מברצלב פארשליסט דעם געדאנק און פארמאַכט דעם ספר און לערנט און קנעלט מיט יידן, אז נישט דער ספר איז דער לייטער צום לעבנס־גליק. ער איז אפילו מוחל אין געוויסע מאָמענטן אויך דעם לייטער, וועלכן ער לאָזט איבער פאר מלאכים.

„לעב מיט אלע דיינע אברים
און אָטעם זון ווי א פליג.
לאָמיר נעמען גיין אויף קעריק,
לאָמיר אוועקטראָגן אונזער גאנץ פארמעגן,
און צעטרענצלען אונזערע רעיונות אויף די וועגן".

דאָס איז די העכסטע מדרגה פון זיך אויסטאָן פון וועלט־זאָרג וואָס ברענגט סיי־ווי מיט זיך ניט מיט קיינע לעזונגען. דאָס איז די מדרגה פון זיך

פארקערעווען און אויעקגיין מיט א סליחה־דיקן אקסל־צוק פון פראבלעמען־געוויטער וואס שטעלט נאר פראגן נישט פארענטפערנדיק קיין איינע פון זיי. זאל די זארגן־וועלט זיין און פארבלייבן אזוי ווי זי איז און לאמיר בעסער נעמען די וואונדער אזוי ווי זיי שטייען און גייען אין זייער פולער פשטות און רווישיקער נאקעטקייט. די וועלט איז פיל מיט צייבערנישטא וואס אריינצוטראכטן און נאכוואס אוועקצוטראכטן דאס פארמעגן פון גליק. זאל זיין פשטות ארום, טיפע און מענטשלעכע פשטות.

„לאמיר זינגען לידלעך —

דיי־דאנע־דיי, דיי־דאנע־דיי.

הוילע לידלעך אן ווערטער,

דיי־דאנע־דיי.״

אין דער דאזיקער תפלה נאך טיפער פשוטקייט נעמט אן יורן דער שטילער קאמף פון מענטש אויף דערהאלטן זיך אויף דער הויכקייט פון פשטות. ס׳איז א גליטשיקע הויך, ווייל אן אנהאלט, אן בערגיקייט און אן טאליקייט. עס ציט זיך נאר איין גרויסע פלאך פון אויסגעגאסענעם גליק וואס צויבער נאר מיט זיינע צופליסן און אפפליסן, וואס בילדעט די איינציקע וואריאציע אינם צייט־פארברענג אין קעניגרייך פון פשטות־גליק. דער קערפער ציט זיך שוין אויס גליקלעך אינם סאמעט־גאנג פון נייעם געפיל, אבער די קאפ לאזט נישט צורו. זי זעט בהוש א ווירקלעכקייט וואס טראגט אין זיך אזוי פיל גיפט, אזוי פיל דערנער וואס שטארצן ארום די רויז פון פשטות. רבי נחמן ווייס עס גאנץ גוט. ער שפירט טיף אפ, אז די טאגטעגלעכע גראאיקייט דראט דעם מענטש און זיין עצם קיום אויף דער וועלט, זיין גאנצן לעבנס־זין. ווייל אויב דער געדאנק פון גראאיקייט וועט פארשלינגען אלע לעבנס־קעמערלעך פון מענטש, איז צו־וואס די גאנצע יצירה, דער גאנצער גאנג איבערן קורצן צייט־אפשניט פון עטלעכע צענדליק יארן? דארף דאס גאר זיין דער זין פון לעבן? ניין! דער בראצלאווער ווייס עס גאנץ גוט אז ניין! זייט דער סופר, דער ייד, דער טאג־טעגלעכ־

הער ייד, דער איינדרוקן־איינזאפער־ייד, פאר אים און הערט זיינע העל־ע און שיינענדע רייד, און פארגעסט נישט דערביי, די פרנסה־און־משפחה דאגות און פון מידקייט זוכט ער אויך דעם זיסן דרעמל. ר' נחמן זעט פלור־צים ווי די וועלט, די וועלט וועלכע איז די איינציק בארעכטיקטע געלעבט צו ווערן, ווערט פאראטן און פארלוירן אין א נישט־דאאיקייט, — רעוואל־טירט ער:

„כ'זע, ס'איז שוין אויפגעגאנגען א כמארעלע
אויף דיין שטערן.
וועסט כאפן ביי מיר א פליק אין פרעסער
טאמער נעמסטו קלערן.
היינט וועסטו מוזן פארשליסן
דעם טראכטער הינטער שלעסער."

און גלייך נאכדעם קומט די גרויסע פארוויגונג, די גרויסע באצוי־בערונג מיט דער יצירה און מיטן טיפן ווילן אויכצוזינגען אין הולער, איינ־ציקער פשטות אלץ וואס יידישע אויפפאסונג פון וועלט און יצירה שטעלט מיט זיך פאר. אט די באנייאונג פון הלל הזקנ'ס מידה פון אויסלערנען „תורה כולה על רגל אחת", איז דער טיפסטער צייבער וואס דער חסידיזם האט אין זיך אנטהאלטן. יעדער רבי איז געווען א טיפריש־פלאי־בראשית פאר זיינע חסידים און דערמיט האט ער זיי דערנענטערט און דערגרונטעוועט צו די סודות פון יצירה און זיי צוגעפירט צום מאחורי הפרגוד פון יקומ'ישע דערלייזונגען און מיסטעריעזע אויפקלערונגען פון נישט אויפגעקלערטע יצירה־פלאיב.

„איז כאפ זשע נאר —
ווי וואונדערליך דאס איז,
איינס — אחד.

איינס און באזונדער איינס
איז אלץ אחד,
און נאכאמאל און ווידעראמאל אחד.
הער נאר ווי פשוט,
ווי אליין, ווי שיין, ווי טרויעריק־שיין,
איינס — אחד".

ס'איז געווען א געוואלדיקע און געוואגטע דערשיינונג אין יענע קאר־פאטן־בערג, ווען דער בעש"ט האט מיט איינמאל דערשפירט אין זיך דעם טיפן ווערט פון מענטש נאר ווייל ער איז א מענטש, א יצור פון גאטס ווילן, וואס האט א הארץ אויפצוקוועלן פון גרויסן נאטור־גליק ארום־און־ארום וואס האט אויגן צו זען די ווונדער־וועגן אויף די בערג, און די זונען־אויפ־גאנגען און די כישופדיקע שקיעות, און אזיערעס אין די בערג, און וועלדער און פעלדער, און לייכט־אראפפאלנדע טאלן, און שארף־אפגעהאקטע ווענט וואס פראלן־אויף תהומות צופוסנס פון די בערג־גייער. איין קלאנג איז גע־ווארן דער הויפט־מאטיוו פון גאנצן לעבנס־זין. די יצירה און דער מענטש זענען באשאפן געווארן אין איין געוואלדיקן פרייד־אויסברוך, איז דערי־בער נישטא קיין פלאץ פאר מצער־זיין די וועלט און ס'הארץ פון מענטש. עס איז דא א תפלה און יעדער איינער טראגט איר אין הארצן, עס איז דא א בורא־עולם און יעדער איינער איז מעשי־ידיו און האט א צוטריט צום רקיע השביעי. אלץ ארום איז איין גרויסער גליק פון לעבן, א כישוף־פייזאזש פון צויבער און ווונדער וועלכע קומען אן פון אלע האריזאנטן און פארנעמען זיך אין א קאראהאד, ארום דיין פשוטער, כלל נישט אויסדער־ווײלטער פערזאן. ווי נישטיק אין דעם געזעלשאפטס־לייטער דיין פערזאן זאל נישט זיין ביסטו נאך אלץ דער מלך־היצירה, דער איינס פאר וועמען די וועלט איז באשאפן געווארן און אין זכות פון וועמענס חדווה און תפלה זי האט א קיום.

„נתן, באלד פאלט צו די נאכט
לאמיר שלאפן אומגע'חלומ'ט און אומגעטראכט
ווי די פויערים-לעך.
לאמיר היינט אוועקלייגן די לייטער
און לאמיר נישט הימלעווען,
זאלן מלאכים קלעטערן
אראפ און ארויף, אראפ און ארויף".

און ס'מאכט נישט וואס דא איז פאראן אין א געוויסן זין אן איבער־געטריבענע צוגעשמידקייט צו דער ערד. איינם חסיד איז דאך געווען דאס געפיל, אז דאס ערדישע און הימלישע זענען משמשין בערבוביה. דער מענטש און דער מלאך זענען ביידע באשאפן געווארן משמש צו זיין דער יצירה מיט פרייד און גליק־געפיל. יעדער איינער אין זיינע וועלטן. די מלאכים אין דער הויך, און דער מענטש אויף דער ערד. די איבערגעטרי־בענע ערדישקייט פון רבי נחמן מברצלב, ווי גלאטשטיין שילדערט עס אונז, איז אין גייסט פון רעוואלטירטן חסידישן מאסן־מענטש. אויב עס זענען דא הימלען, זענען זיי אויך דא אויף גאטס־ערד. דאס איז אויך א טייל, אויב נישט דער שענסטער טייל, די הימלען ארויסגערעכנט, פון דער יצירה. פארוואס זאל דער מענטש קלערן וועגן לעבן אז עס איז נאר א פרוזדור צום הימלישן קיום? דאס לעבן וואס איז געגעבן געווארן איז איין עיקר, איין איינס, און דאס הימלישע לעבן איז ווידער אן עיקר, אן איינס אן אונ־פאר־זיך. נישטא קיין פרוזדור און טרקלין. דאס גאנצע לעבן איז בלויז טרקלין. דאס איז דאך דער טיפער געדאנק פון גן־עדן התחתון אין אונטער־שיד פון גן־עדן וועלכער איז דא אין די הימלען. דער איז מזכה זיינע וווי־דער נאר צדיקים און דאס ערשט נאכן טויט. דער גן־עדן התחתון איז אבער א ווירקלעכקייט וואס מען קען דערגרייכן באלד, נאךביים לעבן.

די פרוינונג פון לעבן איז נאר דער קלאנג וואס טראגט זיך פון דער

ישעיהו אוסטרי־דן

נשמה אין דער וועלט ארויס, איז נאָר ס׳געפיל פון משתתּף־זיין זיך אין מעשי בראשית פון טאָג־צו־טאָג.

„לאָמיר כאַפּן א כראַפּ און א שנאָרך
און זיך אויפכאַפּן אנטקעגן א צעפלאַמטן מזרח
מיט דעם געזאַנג —
דיי־דאַנע־דיי, דיי־דאַנע־דיי."

און באַלד דערנאָך די תּמימות׳דיקע ברויז פון א צעזונגענער, פּשו־טער נשמה:

„כ׳וועל דיר ברעכן א ביין
אויב וועסט דאָס ניגונ׳דל נישט פאַרשטיין.
טאָמער וועסטו עפּעס דערלייגן, א וואָרט אָדער אפילו אן אות,
ס׳וועט מוזן זיין אזוי פּשוט ווי דאָס —
דיי־דאַנע־דיי".

ווי קען דען רבי נחמן מברצלב פאַרנעמען א יידישקייט וואָס איז פאַרשלאָסן אונטער די אותיות־זאַוויצעס, און שורות־ריגלען, ווען די וועלט אזוי ווי זי איז, אַז א צוגעגעבענעם אות אפילו, איז אזוי פּרעבטיק און די מעשי־בראשית ליגן דיר ממש אונטערן האַנט און קענסט אין יעדער מי־נוט זיין א שותּף בבריאה צו דער חדוה פון דער בריאה. ער ווייס דאָך ווי די קאָפּ קען זייער שיין טראַכטן און אוועקטראַכטן אין משונה׳דיקע קאַל־טע ספערן און איבערלאָזן אונטער זיך דעם מענטש און זיין האַרץ פאַר־לאָדערנע אין אן אומענדלעכן קאַלטן פאַל פון לעבן אווו די נשמה מוז פאַ־מעלער צאַנקען און פאַרלוירן־גיין אין אומענדלעכן צער און אומעט.

די גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע פון חסידיזים ליגט אין די דאָ שורות און ווי א לויטערער קוואַל פליסט זי אריין אין אונזער האַרץ:

„דערימאך, זאג איך דיר נתן,
טראכטן איז ווי נאטן צו געזאנגען,
און די געזאנגען וווינען אין לב.
זע, אז ס'הארץ זאל טראכטן לוימער,
וועט ממילא דער קאפ אויפהערן צו טשאדן.”

און א ביסל ווייטער:

„נעם א ליכט און באלייכט דעם בראשית,
ברא האט באשאפן.
בראשית האט באשאפן.
גוואלט, נתן, וואס איז דא שייך צו טראכטן.
לאמיר גיין באזאמען אין רעגנס און אין שנייען,
אין זונען און אין קעלטן.
און לאמיר זינגען —
בראשית האט באשאפן וועלטן”.

אט דאס איז דאס טיפע מענטשלעכע געפיל פון אראפנידערן ביז דער גרויסער האפענונג פון לעבן, ביז די קרנות המזבח פון דער האפענונג, זיך האלטן שטארק און מעכטיק אין דעם באלוארט, פון וואנען קיינער אין דער וועלט קען אייך נישט, טאר אייך נישט, אפרייסן. דא זענט איר אין דער הייליקייטס־ספערע פון לעבן. דא זענט איר זיכער אין אייער גרויסן פרווו טועם צו זיין די וועלט. איר ווייסט זייער גוט אז דער וועג צו אייך איז כישוף'דיק פארמויערט און קיין בייז קען אייך נישט טרעפן. אבער דער קוק, דער נאקעטער קוק, טראגט אין זיך די קערנער פון יענעם בליק וואס טרעפט זיך צונויף מיט דער אייביקייט, אין איר שטומער איינלאדונג צו

דער לאנגער אומענדלעכער וואנדערונג אין הימליש־תהומיקע וועגן־נישט־וועגן. דאָס איז געווען דער יידישער פּארמעסט, בייס ראנד פון גייסטיקן מאסן־אומקום אין דעם שטיקנדן געטאָ: אין דער אומדערטרעגלעכער אַט־מאָספער פון גביריש־גבאי׳שער שטארקער האנט פון אינעווייניק און די פּאַ־מעלעכע עקאָנאָמישע גסיסה פון אויסנווייניק. די חסידישע וועלט־אויפ־פאסונג האָט צוגעפירט דעם יידן צו די קרנות־המזבח פון גרויסן גלויבן, און אים געלערנט טאָג־איין־טאָג־אויס, אז ס׳איז נאָך דאָ א גרויסער, אומ־באפלעקטער, הייליקער מזבח אויף וועלכן מען קען מקטיר זיין א נייע, אפּ־געפרישטע, תחית־המתים־אויפגעשטאנענע אמונה וואָס זאָגט: — דער בורא איז גוט, זיין יצירה איז גוט און דער מענטש איז גוט

געוויס איז דער מענטש נישט מער ווי... א מענטש. עס זענען דאָ אויך אין דער חסידישער צעוויגענער אטמאָספער מאָמענטן, ווען מען קען נישט גובר־זיין דעם גרויליקן לעבנס־פּלאָנטער פון וועלכן עס איז אַמאָל אוממעגלעך זיך צו באפרייען. דאן זעט אויך ר׳ נחמן מברצלב די וועלט, ווי זי איז ברוגז. די בוימער, די פויגל, די חיות פון וואלד, אלץ איז ברוגז און קוקט אפילו נישט אויפן מענטש וואָס קומט צו זיי. אומזיסט װעט ער זוכן טרייסט.

„און דער טרונק וואסער אין קוועלכל זאָגט מיר מיט כעס:

נחמן, מוחל, מאך איבער מיר היינט נישט קיין ברכה״.

און אז די וועלט איז אין כעס קען אויך דער מענטש נישט העלפן. אבער, ר׳ נחמן איז אנדערש. עפּעס איז ער טיף אין הארצן איבערצייגט. אז די וועלט איז נישט אין כעס אויף אים, ווייל זי איז נישט פון זיך אליין אין כעס, נאָר ווייל ער, דער מענטש, האָט איר דערצאָרנט, און די חיות אנגעכעס׳נט אויף זיך מיט זיינע מחשבות־משונות וועגן גאָט־וועלט־מענטש. און ער דערלאנגט נאָר דאן „דער גאנצער יצירה אין דער זיבעטער ריף״, ווען ער צעפילאָזאָפירט זיך שטיפעריש אין:

„גיט (זיך) אזוי א זאָג אויף קאטאָוועס:

וואס איז דען וועלט?

אן איינבילדעניש, א פארבלענדעניש,

א רגע׳דיקע פארבייאיקייט,

אן אויסגעטראכטע נישטזייאיקייט".

און עס געשעט אינגאנצן אזוי, ווי ווען דער שוין בחור׳דיקער זון, וואס האט זיך פארזינדיקט מיט עפעס „נישט־פאסיקעס" פאר דער אל־טער מוטער, גיט ער איר א הארציק־שטיפערישן קוש אין נאז, און אלע וואלקנס צעשוומען זיך פון איר שטערן און די אויגן ווערן ווידער בלוי־מילד ווי זיי זענען פון תמיד געווען ווען זיי האבן געקוקט אויפן קרעב־טיקן בוים וואס איז פון איר ארויסגעוואקסן און זיך צעבליט.

„אן אלטער בוים האט געטאן א כליפ.

ס׳האט מיר טאקע גלייך פארקלעמט ביים הארץ.

אבער ס׳איז געגאנגען א גאנג".

דער וואלד איז מארגנדיק געווארן. די פייגל האבן זיך צעצוויטשערט. די בלומען האבן זיך צעבליט. דאס קוועלכל האט שוין א ברכה געבעטן.

„א קרא האט זיך צעלאכט ווי א קינד.

און דער גאנצער ברונז האט געטאן א פארשווינד.

— — — — — — — — — —

און אט אזוי האט א ברוגז׳ע וועלט

זיך צעמארגנט, צעשטראלט און צעהעלט".

ווען דער שטיפערישער איינפאל האט געהאלפן, און די וועלט איז געווארן אזוי פריידיק, אז אפילו די קרא, דער שרעקלעך־שווארצער אומ־

קום־אנזאגער פון „קיינמאל מער" האט זיך „צעלאכט ווי א קינד". ווען די חדוה־מדרגה איז דערגאנגען צו דער אמתער אומבאשרייבלעכער יצירה־שמחה וואס דער אנזאגער האט עם אליין אויסגעבישופט פון זיינע אינגע־ווייַדן, דאן שאלט ער אויך אויף דעם אמת פארן וואלד מיט אלע זיינע איינוווינער. אזא גליק־געוויטער האט אים ארומגענומען.

„אז איך האב זיך שוין אויך
אוועקגעשטעלט אינמיטן וואלד
און מיין קול האט זיך ווי א שופר צעשאלט.
וועלט, איך שווער דיר ביי דער מארגן־שעה,
וועלט, דו ביסט דא".

* * *

נישטא קיין סתירות אין דער יצירה. דער מענטש נאר פארוואלקנט אליין מיט זיינע אייגענע מחשבות־ספקות די בלויע הימלען פון דער יצירה־פרייד. די וועלט אליין איז אייביק דא. די וועלט אליין איז אן אייביקער געזאנג צום זיין, צום געטלעכן געגום פון פשוטן, גראדיקן, נישט חכמה'־דיקן זיין. דאס איז ס'העכסטע גליק. זע ווי די וועלט איז דא, דו ביסט דא. אלץ ארום איז איין גרויסע דאאיקייט, זייאיקייט. פארגעס די קליינע כמא־רעלעך וואס גנבען זיך ארויף דא און דארט, ווי קליינע קעשענע־גנבים'לעך אויף די פירמאמענטן פון דער וועלט. זע, דורך זיי, די הימלען. זע דעם קערפער און נישט דעם שאטן. זע די פרייד און נישט דעם ספק. נאר אזוי קען מען גיין איבער דער וועלט יצירה־זאט און מיט גיגאנטיש־פארבאר־גענע כוחות פאר מענטשלעכער שאפונג און פאלקס־שאפונג. מען טאר קיינ־מאל נישט אפזונדערן פונקציעס אין דער נאטור באזונדער און אין מענטש באזונדער. אלץ מוז זיין איין גרויסע שלמות. ס'זענען נישטא צוויי לעבנס, פאר דער נשמה באזונדער, און פארן גוף באזונדער. עס איז דא נאר איין לעבן פאר צוויי דערשיינונגען. צוויי פיס פאר איין גוף. איין גאנג פאר

צוויי באגערן. א ליגן איז דער ארויסגאנג, דער אנטלויף פון דאס נשמה'־דיקע פון קערפערלעכן. נישטא קיין טמא'דיקער גוף און א קדושה'דיקע נשמה. אלץ איז איינס, איין איינס, ארד. דער גוף און די נשמה מוזן גיין באזאמען, א נישט ווערט פארשוועכט דער הייליקער מיין פון דער יצירה וואס האט באשאפן דעם העכסטן זיווג פון איר געניוס, דעם זיווג פון גוף־נשמה.

„כ'האב זיך דערהונגערט
ביז צום טעם פון ברויט מיט פוטער
און גופיק טראכטן.
כ'בין געגאנגען און מיין גוף איז געגאנגען מיט מיר,
און ס'איז נישט געווען קיין איין געדאנק,
וואס האט נישט דורכגעשטראלט מיין הויט־און־ביינער.
כ'האב געקלעטערט און מיינע פיס האבן געקלעטערט מיט מיר,
און איטלעכע מחשבה האט געגליט
מיט וואונדערלעכער וואכיקייט".

אט די „וואונדערלעכע וואכיקייט" איז א דערגרייכונג פון א הויך־פונקט אין פערמאנענטן קלעטער־גאנג פון מענטשן צו דער העכערקייט פון זיין, צו דעם העכערן מיין פון זיין. אט דאס איז די גרעסטע דערגרייכונג וואס אונזערע זיידעס און טאטעס האבן באוויזן, נעמלעך, אריינצוגיין מיט זייערע שבת'דיקע קאפאטעס אין דער וואכיקייט אריין. פרץ'עס רעוואלט אין דער פערזאניפיצירונג פון זיין ר' שלמהלע קוקט איצט אויס א ביסל א געקינסטלטער; אויך דער „כלב־בן מלך"־געדאנק פון מענדעלי דוכט זיך אונז איצט אויס, אין פוס־טראט פון גלאטשטיינס וויזיע, צו זיין א ביסל איבערגעטריבן. ווען מיר טוען אויס דעם חסידישן וועלט־באנעם פון זיין מאטעריאליזירטער־קליינלעכער פארשטעלונג, (וועלכע איז אלס סאציאלע

באשרייבונג א ריכטיקע), און מיר פאסן אויף דעם געדאנק אליין, דעם רייי־נעם געפיל וואס חסידיזם האט געשטרעבט אריינצוגיסן אין די הערצער פון פאריאוש'טן כלל־ישראל, זעען מיר, אז דער יום־טוב און דער יום־חול זענען אזוי געווען משמשין בערבוביה פונקט ווי עס וואלט טאקע געווען עפעס נשמה'דיקעס אין זייער גופיקייט, און עפעס גופיקעס אין זייער נשמהדיקייט. אין מענטשלעכן תהומיקן חושך האט שטענדיק זיך דורכגע־ריסן דער הייליקער באגער צו זען ליכט, א גרויס, אומפארלעשבאר ליכט.

,,און איך האב מיינע טונקעלע גלידער
באפוילן: יהי אור!
און מיר בײדע האבן געקראגן ליכטיקע פליגל,
איך און דער טאג,
און בײדע זענען מיר געווארן אײנס
און בײדע האבן מיר געדאוונט אויפן קול —
ווי גוט זענען דיינע געצעלטן".

ווי ווונדערלעך שיין פארבינדט זיך דער מאטיוו פון ,,מה טובו אהליך, יעקב" מיטן אלגעמיינעם חסידישן דורשט נאך לעבנס־געצעלטן. עס איז פון איין הארץ ארויסגעריסן, אט די אלטע שורה פון ברכה און דער טיפער, גאר־אלטער, מענטשלעכער באגער נאך פרייד און לעבן. עס איז אזוי טיף דער יידישער באגער וואס איז אין אזעלכע לאנגע ווינטער־דורות אויסגע־בענקט געווארן און געפונען די ערשטע אנטפלעקונג אין דער חסידישער באנייאונג, כדי אוועקצוגיין ווייטער אין לאגישן וועג פון יחיד־גאולה צו כלל־גאולה. מיט קיין יחידים־קנעכט וועט מען קיין פאלק נישט גואל־זיין. ווען דער יחיד איז ראוי אויפצונעמען משיחן דאן קומט אויך פארן פאלק דאס העכסטע גליק פון אייגענער ווידערבאנייטונג, פון אייגענער תחית־המתים. דער בעש"ט און ר' נחמן מברצלב זענען געווען די מאנדלשטעקן וואס האבן אויפגעבליט אין מדבר, דער חומש־מאטיוו פון נבואה, וואס איז

גלייכצייטיק א גאולה־מאָטיוו פון בליאונג און אויפלעבונג, פּאַסט זיך אַזוי פּרעכטיק אַריין אין דעם בראצלאַווערס געזאַנגען און וואונדער־מעשיות. אַז מען שפּירט בחוש די רינגעלעך פון דער קייט, דער אומצערייסבאַרער קייט פון ישראל סבא. אַזוי זינגען דאָך טאַקע די נייע דורות פון היינטיקער גאולה:

„עוד לא נותקה השלשלת

עוד נמשכת השלשלת!" („מסדה — יצחק למדן)

(„נאָכניט צעריסן איז די קייט,

נאָך ציט זיך די קייט!")

אָט דערפון נעמט זיך, וואָס יעקב גלאַטשטיינס געזאַנג גרענעצט מיט אַזוי פיל טיפער יידישער אייגנאַרטיקייט, וואָס אין אים הילכן אָפּ עכאָס פון אַמאָליקע צייטן, פון די צייטן פון ירושלים און שומרון.

אַזוי ווי אהרן'ס מאַנדלשטעקן וועלכער האָט פּלוצים אויפגעבליט אין מדבר, שיינט אויך אויף אין אונז דאָס גרויסע געפיל, אַז גלאַטשטיין ברענגט אונז ניט סתם א טרייסט־וואָרט, און א באַלזאַם צו דער נשמה מיט זיינע געוויטער־שורות. ווען ער טרויערט אויפן גורל פון יצר־הרע, איז עס נאָר די גרויסע מאַנונג פון דער יידישער וועלט נאָך וויניקער שמן־זית'דיקייט און מערער ערדישקייט, פון אַפּלאַזן, די וועגן פון געקיניגטלטן קיום פון משונהדיק אויסגעפיינטן באַנעמען זיך מיט דער וועלט איז מענטש, און זיין פּשוט, פּראָסט. ווייל דאָס מיינט זיין וואָרצלדיק.

איך זע נישט קיין באַלזאַם אין גלאַטשטיינס פּאָעמע „דער בראַצלאַווער און זיין סופר". דאָס איז א חשבון־הנפש מיט אַן אויפפאָדערונג. דאָס איז א טיפער און שטאַרקער מוסר־וואָרט צו דער פּאַרקרומטער, פּאַראייר־דעלט־פליכעוואַטער יידישער אינטעליגענטישקייט, וואָס נעמט דאָס לעבן, אָדער ווי אַן איבערגעטריבן־אויסגעלאַסענער „דאַנדי", אָדער ווי אַן אָפּ־געריסן־פילאָזאָפירנדער מענטשן־איינס, וואָס זוכנדיק דאָס לעבן פאַרגעסט בכלל, אַז ער אליין דאַרף גאָר פריער לעבן.

וואָס עס איז דאָ אין גלאַטשטיינס בראַצלאַווער, איז די טיפע אמונה

איז לעבן, און דער גרויסער רוף נאך לעבנס־האפענונג אין דער איצטיקער אומקום־שעה. עס איז גוט וואס גלאטשטיין האט זיך אנגעהאלטן אין די קרנות המזבח פון „מאנדלשטעקן” און פון בראצלאווער. זייער וועג איז געווען די גרויסע האפענונג וואס האט באוויזן, אז אויך אין מדבר קען מען לעבן, אז אויך דער מדבר איז א פלאך פאר אן האפנונגספולן גייער. מען דארף נאר וויסן דעם סוד פון גיין, פון פערמאנענטן פארויסגיין. און דעם סוד האט אויסגעגראבן פון אינזערע היסטארישע גייסטיקע טיפענישן דער בעש”ט און רבי נחמן מברצלב און זיי אויף דער ליכטיקער שיין געברענגט. היינט איז דאס גרויסע געווינס פארן יידישן קיום און פאר אונזער מארגן, אויפדעקן און אנהאלטן דעם טיפן געפיל פון לעבנס־גליק, און ערדישקייט, און אויך די הייליקייט אפילו פון יצר־הרע. אלץ וואס איז יצירה איז הייליקייט. אלץ וואס גיט גרויסע פליגל דעם מענטש פאר זיינע לעבנס־באגערן איז הייליק. אלץ וואס הייבט לעבן איז הייליק.

ווען מיר וועלן לערנען יומם ולילה, דעם גרויסן אמת פון נצח־החיים, וועלן מיר אנהאלטן די „יכין” און „בועז” פון נצח־ישראל. ווייל אויך דייער בראצלאווער איז נישט מער ווי א מענטש. אויך די אינערלעכע קראפט פון מענטש איז נישט מער ווי א באגרענעצטע מעגלעכקייט. וואס אלע קרעפטן דארפן אויסגענוצט ווערן כדי איר אונטערצוהאלטן ווען זי גייט צום נזבורט. מ׳דארף דאס פאלק וועקן, נישט לאזן אנטשלאפן ווערן אין דער גרויסער מודקייט וואס איז אראפ אויף ישראל.

„נתן, ביסט נעבער מיר, פ׳קלעפן זיך דיר די אויגן.

שלאפסט איין.

לאמיך נישט איבער מיט מיינע רעיונות אליין.

וואך מיט מיר. פארבלייב.

נתן,

פארשרייב”.

זאל דערדאזיקער באפעל ארויף צו דער יידישער וועלט. פארבלייב!

פארבלייב! נישטאָ נאָכוואָס צו אנטלויפן. אין אנטלויף איז נישטאָ קיין לייזונג. ס'איז נישטאָ נאָכוואָס איינצושלאָפן. אין אָפנארערישן שלאָף וועלן חלומות נישט דערקוויקן ס'הארץ אנטקעגן דער שוידערלעכערווירקלעכקייט. זאָל נאָר זיין איין גרויסער, עקשנותדיקער, ווילן פון „פ א ר ב ל יי ב!"

אויב גלאַטשטיין האָט באַלזאַם געברענגט דער נשמה, איז עס אין דעם איינציקן, אחד'יקן באפעל:

„וואך מיט מיר. פאַרבלייב.

נתן,

פארשרייב".

נישט פארגעסן וועלן די קומענדע יידישע דורות, אז אין אויפשטורם פון די שרעקלעכסטע אומקום־קרעפטן אויף אונזער פאָלק איז נישט גע־ווען אין אונז דער צוריקטריט, און נישט דאָס געפיל פון דורכפאַל, און נישט די מורא, נאָר דער גרויסער צוריקקער צו די קרנות המזבח פון יידישן אייביקן קיום, צום אייביקן, גרויסן היסטאָרישן באפעל פון ישראל סבא: „פ א ר ב ל יי ב!"

און דאָס וועט זיין דער גרויסער פארדינסט אונזערער דער יידישער געשיכטע אנטקעגן. אין די יובלות וואָס קומען אויף אונז לטובה.

איפן איינזאמען שוועל

די פּאעמען פון נאך דעם בראצלאווער־געזאנג ביז די לעצטע קלאַנ־גען פון „קליינע נאכט־מוזיק" זענען א צוריקצי צו זיך אליין. נאך איז דא „א ניגון", א שטילער עכא פון דער פאריקער גרויסער פּאעמע. אבער דער מאטעריאליזירטער מאמענט וועלכער דאַרף עס ברענגען די ישועה פאר דער עלנטקייט, קלינגט א ביסל טעמפּיק. ס'איז שווער אנצונעמען דאס ליד ווי א זיטן־בילד. דער ברייטער פלאטער פון געוואגטע פליגל טראגט זיך איבער אונזער געזיכט לייענענדיק די שורות פון „א ניגון" און דעריבער פאלן מיר אראפּ א קאפּעטשקע לבירא עמיקתא ווען מיר דערוויסן זיך ביים סוף די סיבה פון דער גרויסער עלנדקייט פון א ייד וואס איז געזעסן „איינער אליין".

אבער דאס ליד האלט אונטער מיט מוטיקע טערזן און סאמעטיקן גאנג דעם פּאמעלעכן איבערגאנג צו זיך אליין און צו דער תהיה על קנקנו של עולם. די וואנדער ארום ווערן עפּעס ווי ליבטיק דורכגעזעען. דורכגע־שפּיזט ביז זייער ווייטערדיקן נץ, פון אונזערע בשר'דיקע אויגן און ווייטער, די שבת־מלכה וועלבע,

„בוינט זיך אן און גיט איר א קוש אויפן שטערן,
דעם יידן מיט דער שווארצער באָרד
און יונגע אויגן"

דערשיינט פאר אונז אין א משונה'דיקע פליישיקייט און פארוונדערט. ס'איז נישט דער טראדיציאנעלער „קבלת־שבת" וואס קהל איז ארוים בצוותא חרא

מקבל זיין אַן אַלטע בכבודיקע פּרינצעסין־קעניגין. דאָס איז שוין אַ שטי־לער אין באַגערטער באַהעפט צווישן אַ איינזאַמע יידן מיט אַ יינגער, כאַ־קע אַ ביסל ,,שעמעוודיקער ווי אַלעמאָל" שבת־מלכה, וועלכע זוכט שוין אַרום דעם יידן אין זיין איינזאַמקייט און קושט אים מיט ליבע. דאָס איז דער אַנ־דערער, ווייטערער קוק אויף דעם שבת־וואונדער אין יידישן פאָלקס־לעבן.

און לייענען מיר באַלד דערנאָך דעם כלומרשט וויציקן, האַלב־שפּאַ־טיקן ,,דער רייזעמאַן". ווערט איר ווידעראַמאָל צוגעפירט צום שוועל פון וואַנען ס'אויג זעט שוין די פאַרבאָרגענע קאָנטורן פון מענטש און וועלט. ווען דער וויצלדיקער פערז קומט צו צום סוף־הכל, ווערט קלאָר פאַר אונז אַז מיר זעען דעם נאַקעטן אמת פון געוויסע הויך־פלוידערייען, זעלבסט־באַ־רימערייען פון מענטשן־פירער־כאַרפירער אַרום אונז.

,, אין שענקל איינער אַליין
זיצט דער רייזער איבער אַ גלעזל ווייַן
און טראַכט: וואָס־זשע וועט מאָרגן זיין?
אַלע ליגנס אויסגעלייגט,
אַלע דערציילענישן אויסדערציילט,
אַלע לענדער אויסגעטראַכט,
אַלע רייזן אויסגעראַכט,
אַ מכה געווען און אַ מכה געזאָגט,
נישט געווען און נישט געוואָגט —
דער גרייזער ווייזער רייזעמאַן".

אַט דער צוריקצי פון דעם גרייז־גרויזן אין אָוונט־פון־די־יאָרן צום חשבון־הנפש איז אַ ליבליקע שפּאַרונג וואָס ווערט געעפנט פאַר אונזער אויג זי זאָל זעען דעם משונה'דיקן געלויף פון מענטש און געשעעניש אין אַ לייַדיקייט, פון וועלכער עס איז פון אייביק אַן געווען דער העכסטער גע־

באַט פאַרן מענטש זיך צו דערווייטערן. ס׳באַקומט זיך אַ געפיל פון הינ־קעדיקער צעטאַנצטקייט אין אַ גרויסן הויזן זאַל אַווו קיין חתונה וועט נישט פאָרקומען און די קלעזמאָרים וועלן דאָרט קיינמאָל נישט אויסשפּילן זייערע פריילעך־טרויעריקע לידער־מאַרשן. מיר באַקומען די זיכערקייט אַז מיר האָבן אַ קוק געטאָן אַ ביסל ווייטער, דורכזיכטיקער, אויף וועלט און מענטש אַרום אונז. און דאָס געפיל בלייבט איבער כסדר ווי אַ באַגלייט־שירם אין האַנט, גייענדיק מיט יעקב גלאַטשטיינען ביז צום שוועל פון זיין „קליינע נאַכט־מוזיק״.

אַט פּרוווט געניע פּעסטשטעלן, פאַר זיך אַליין, פאַר טשעקאָוועס־וועגן, די זעבאַרע פלאַך פון די משונהדיק־איינזאַמע שורות פון „צו אַ שוועסטער אין ווייטעניש״. איר וועט ביים ערשטן פּרווו פון פאַרטראַכט, ביים ערשטן טונק אין געפילן־טיף, גלייך זיך אַנטרעפן מיט עפּעס וואָס איז מעבר לגבול. געדאַנקען וואָס ווערן צעלייגט ווי בלייענע פעלזן און כ׳אויג איז שרעקלעך דערדריקט פון אַזוי פיל אָנגעפּאַקטער און אָנגעקוועמטער פעלזן־מאַסע.

„דיינע דערשראָקענע צעפּלער
זענען יינגער פון דיינע אויגן,
דיינע באַקן זענען קראַנק.״

איך שטייט דערציטערט פאַר דאָס בילד פון אַ שוועסטער, וואָס איי־רע צעפּלעך זענען נאָך יונג און די אויגן זענען שוין מאַנץ געוואָרן מיט אַ צו־פריי־רייף־געוואָרענער שבל׳דיקייט. אויך זי האָט אַ יונגן קערפּער, אַ ווילן גו זיין טאַנצענדיק און שפּילעוודיק ווי די גויאישע שוועסטער. אָבער אירע „באַקן זענען קראַנק״, ווייל טויזנט־און־איין־אומזיכערקייטן האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף די יונגנט־הימלען פון אונזערע שוועסטער, און זיי זענען פאַר אונז נישט מער קיין לעבעדיקע און צאַפּלדיקע געשטאַלטן, נאָר

״... ביי מיר ביסטו אַלץ
אַ מעדאַליאָן אויפן האַלדז,
וואָס דערמאָנט״.

אזא שוידערלעכער גורל. ביים לעבן שוין מצבות געווען פאר ברידער. „די יידישע שוועסטער". עפּעס אזא משונה'דיקער נייער מאָטיוו אקעגן דעם אלטן מאָטיוו פון „די יידישע מאמע". אין פלוג פון גערדאנק־געפיל פארגעסן מיר לחלוטין צי מיר האבן נישט אמאָל געזינדיקט מיט א „סגי־נהור"־קוק אויף אונזערע שוועסטער. מיר האָבן זיי געזעען נאָר מיטן פלייש־יקן אויג־פּלאָך, און פארבאָרגן זענען פאר אונז געווען די טיפע און וואָרצלדיקע מקורות פון א געוואלדיקן קאפּיטל אין געוועב פון דער יידישער טראגעדיע אין אונ־זער צעשפּרייטונג.

דער פּאָדים רייסט זיך אונז פון אונטער די פינגער ווען מיר לעזן די לעצטע שורות פון דיכטער צו זיין שוועסטער, און מיר פארבלייבן פארפרענ־טע און פליאות'דיק פארחידושט.

„און איך, וואנדער איבער וואנדער,

בין פון דיר נישט וויים און נישט נאָנט,

נאָר באזונדער, אומגליקלעך באזונדער".

ס'ווילט זיך נישט אריינלאָזן אין אפּעראציע־חקירות מכוח דעם וואָס ווערט דאָ געמיינט און וואָס ווערט דאָ אויסגעוויטיקט. ס'איז נים קיין גענוי־באשטימטער געפיל פון בענקשאפט, טראצדעם וואָס בענקשאפט איז קיינמאָל נישט באנאַל. ס'איז אבער נישט דאָס. ס'דאכט זיך אויס, אז דער דיכטער האָט עפּעס טיפערעס, געוואלדיקערעס, אויסגעצויבערט פון זיין יצירה־וואונ־דער, דאָס פארבלייבן „אומגליקלעך באזונדער" און „נישט וויים און נישט נאָנט" איז א געוויסער וואנדער־אנטפּלעקונג אין דעם אייגענעם „איך". עס קלינגט עפּעס גורל'דיקעם אין די שורות און אין דער תמימות'דיקער פאר־חידוש'טקייט ווען די „וואנדער איבער וואנדער" וואָס ער שפּירט אין זיין נשמה, אדער בעסער געזאגט, אין זיין נשמהדיקער באוווסטזיניקייט. קען זיין אז גלאטשטיין איז דאָס מאָל געווען דער שופר־שאָל פון יידישן גורל אין דער געוואלדיק־טראגישער אנטפּלעקונג פון דער אפּגרונט־ווירקלעכקייט פון אונזער פאלקס־קיום. דער אריינקוק אין יידישן אינטימען וועזן, די תמימות־דיקע אנטפּלעקונג פון דער נאַקעטקייט פון אונזער יידישער פאַנגעטאָענקייט.

אַט דער אויסגעשריי פאַר־זיך־פאַר־מיר־און־דיר, אַז די יידישע שוועסטער איז אין תוך געווען אַן אַסיען־שוואַלב אינם פרילינג פון אונזער יוגנט — דאָס איז דער געוואַלדיקער נחשון־שפרונג־קוק איבער דער יידישער זעלבסט־איינ־בילדונג, אַז דאָס לעבן אונזערס איז געווען אַן פאַרבליבן דאָסזעלבע ווי ביי דער וועלט, אַז מיר זענען די זעלבע יוגנט, די זעלבע מענער און פרויען, די זעלבע מאַמעס און טאַטעס, און די זעלבע ברידער און שוועסטער.

ניין! נישט די זעלבע זענען מיר, נאָר אַנדערע, געוואַלדיק אַנדערע, מוראַדיק אַנדערע! מיר זענען פון אונזערע שוועסטער

„נישט ווייט און נישט נאָענט,

נאָר באַזונדער, אומגליקלעך באַזונדער".

און ווי צו די שוועסטער וואָס האָבן דעם שוידערלעכן אומעט־אומ־גליק־געפיל ארויסגעשפירט פון אונזערע בריוו אָדער האַלב־פאַרטונקלטע ווערטער אין פאַרנאַכטן פון אַ זאַלבענאַנד־שפּאַציר. די יידישע וועלט איז ראַן געוואָרן אַ צאַפּלדיקער ווייטיקן־קוואַל. וואָס קיינער האָט פון אים נישט אַוועקגעקוקט, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז קיין אַנדער קוואַל איז פאַר אונז נישטאָ.

דער מעבר לגבול קוק אויפן יידישן גורל דורך דער „יידישער שוועס־טער" איז אַ גרויסע אַנטפּלעקונג פאַר אונזערע זוכנדע פינגער אין דער שמאָק־פינצטערקייט פון דער היינטיקער יידישער וועלט.

* * *

ווער קען ווייזן אונו עס קען פאַרפירן די טראַגישע איינזאַמקייט פון אַ ייד. ווייל ווען דו זיצט אַליין, ווערן פיל ליכטער פאַרלאָשן. די טונקל־קייט וואָס צעלייגט זיך אַרום דיר און אויפן האַרצן, איז ווייט נישט קיין אָוונט־שטימונג. עפּעס אַ נאָגנדע ביז־השמשות׳דיקייט פאַרקלעמט די נשמה און ווען דו קוקסט שוין אַריין און דערגייסט צו מקורות און קוואַלן — איז דאָס וואַסער אין די ברעגן נישט פאַרבליבן, נאָר עס האָט זיך צעגאָסן איבערן גרויסן, זון־פאַרברענטן סטעפּ פון יידישן לעבן.

איז דען טאַקע ביאַליק נאָר אַ חלום געווען פאַרן יידישן פאָלק? און

דער פויגל זיינער אזוי פארשאליקט צוליב דער אימהדיקער קעלט ארום אים? זענען די אויגן באברילטע, ווייל בלינדקייט האט זיי אויפגעפרעסן, אדער איז עס גאר אפשר נאר הוילע פאזע?...

אויפן איינזאמען שוועל איז יעדער וועג א קרומער איז יעדע כטעושקע א יועג־נישט־וועג. עס העלפט נייטט גלאטשטיינען די צעבאלעוועטע פאעטישקייט אין די שפילעוודיקייט פון ווארט. דער „צפור של ביאליק" האט גאר אנדערע האריזאנטן צעפראלט פאר דער יידישער פארוואנעטער נשמה, און אלע שאליקעס האבן זיך פון די העלדזער אראפגערוקט ביים ווארימען כנען־ווינט וואס ער האט אויף זיינע פליגל פארטראגן ביז אדעס. און לעמבערג, און קראקע, און ווארשע, און ביז אלע מעבר־ליב וווינענדע יידן. דער „צפור של ביאליק" דרייט זיך נישט מער ארום אין די ווינטער־טעג פון ניו־יארק און טשיקאגא מיט א שאליקל און א פארפרעמדטן מאנאקל. ס'איז אונז קאלעמוטנע וואס גלאטשטיין האט זיך איה אזוי אויסגעהלומט אין זייז איינזאמען פארנאכט. טרויעריק איז אונז וואס גלאטשטיין האט נישט באמערקט דעם „צפורס" שטראלעדיקע ווילדקייט און ברענענדיקן פייער אין בליציקן אויג. וואס מיר מאנאקל, ווער מיר מאנאקל! וואס מיר „טשעפעזיכאפ" און ווער מיר „טשעפעזיכאפ"! א הימלישער פייער ברענט אין הארצן, א גרויסער גאולה־געוויטער לויערט ארויס פון אונטער זיינע יונג־געווארענע און שטארקע פליגלעך. גרינע פעלדער לייכטען פון זיין אויג, און ריחות פון זיסע גערטנער טראגן זיך פון זיינע פעדערן. נייע הימלען, א נייע זון, א ניי לעבן לאקערט פון יעדן באוועג זיינעם. חלומען דארף מען וועגן אזא פויגל? ער איז דאך דא אומעטום, ער קלאפט דאך אין יעדן יידישן פענסטער, שרייט דאך אויס זיין יובל צו יעדן יידישן דורכגייער אויף אלע גאסן פון דער וועלט: „זע, איך בין ווידער דא! און קוק! נישטא קיין שאליק, נישטא מער קיין מאנאקל־פרעמדקייט — א גרויסע יידישע וועלט ווארט אויף אייך דארטן ביי די ברעגן פון ירדן" — א שאד, א גרויסער שאד וואס צו גלאטשטיינען איז ער אזוי פורים'דיק נתגלה געווארן, דער „צפור של ביאליק". א שאר וואס די איינזאמקייט האט אים מעביר געווען על דעתו. און גלאטשטיין איז דען אליין נישט

„בלויע האָריזאָנטן"

„...גענערט (פון) יידישלעבן פרייד,

און דורות'דיקן טרויער"

ער זאָל מיטגעריסן ווערן מיט דער פאַר'מאַנאַקל'דיקייט פון דאָס אַמעריקאַנער־יידיש לעבן? איז דען די אַמעריקאַנער פּאָזע, נישט נאָר פון שלעכטע, נאָר אַפילו פון גאָר גוטע זין אונזערע, דאָס לעצטע און איינציקע וואָרט פון אַמעריקאַנער יידנטום? און אויב שוין יאָ דאָס גרויסע ביאַליק'ישע וואָרט — זענען עס די אויערן, די אַמעריקאַנער אויערן, די ריכטיקע עס אויפצונעמען? און אויב נישט פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום ווערט דאָס גרויסע וואונדער־וואָרט, דער געוואַלדיקער שטראָף־וואָרט געזוכט — איז וועמען, וועמענס לעבן, וויל דאָ גלאַטשטיין אויפוועקן?

„אפשר קענסטו מיר איצט איבערענטפערן

בירושה דאָס וואָרט.

עס וועט אָסור זיין א פאַרשווערעניש פון זיין נאָמען.

איך וועל א בלאָז טון דעם לעבעדיקן אָטעם

איף דעם גאַנצן גלות,

אויף דעם גאַנצן לעבן אונזערס,

וואָס איז איצט אזוי פאַראומגליקט,

פאַרדרויבט, פאַרפינצטערט און פאַרפאַליק."

מיינט אפשר גלאַטשטיין, און זאָל מיר פאַרגעבן ווערן דער געדאַנק, אז די יידן וועלכע וועלן פאַרשריבן ווערן אין דעם שרעקלעכסטן און הייליקסטן פנקס פון אונזער געשיכטע, אז זיי נאָר נויטיקן זיך עס אין דאָס גרויסע וואָרט, דאָס שטראָף־וואָרט, דאָס געוואַלדיקע מעורר־וואָרט?

א משונהדיקער געפיל פון תהיה נעמט אייך אַרום ווען איר לייענט ווייטער, עד תומה, דאָס איינזאַמקייט־ליד פון גלאַטשטיינען. ווי פאַר־

בלאנדזשעט און ווי פארטעותט זענען זיינע ביטערע געזאנג־שורות ביים שוועל פון זיין „חלום“.

„איצט וועסטו אויעק אין די ווארעמלענדער.
אין מיר וועלן בלייבן אן א ירושה־וואכט און אן פרייד.
די טאטעס אונזערע האבן געגעסן זויערע רייד,
און די ציין פון די קינדער ווערן אליק.
פארוואר, גראז איז דאס פאלק,
און די פירער זענען בהמות און שטאליק“.

דארף עס דאס גאר זיין דאס גרויסע ווארט צו אונזערע טאטעס? איז דאס דער אויסגעטרוימטער „זאג“ צו אונזערע פירער אז זיי זענען, דאס וואס גלאטשטיין רופט זיי אן? עס ווערט זייער טרויעריק אויפן הארצן, און די שפילעוודיקייט פון פערזן ראטעוועט כלל וכלל נישט, נישט דעם דיכטער און נישט זיין דיכטונג. סתם א ליד האט רעכט אויף עקסטראוואגאנצן לגבי דער ווירקלעכקייט. זאל דער בוים זיין אזוי ווי דער דיכטער וויל עס; זאל דער פייזאזש זיין אין אזעלכע אדער אנדערע פארבן; זאל דער מענטש זיין א ביסל פארנעפלטער אין זיינע באגערן אדער געפילן. כ'מאכט נישט. די וועלט ווערט נישט פארארעמט נאר גאר בארייכערט פון דעם אייגנארטיקן קוק פון א דיכטער אויף זאכן, נאטור און פייזאזש. אבער ווען א ליד איז נאנט ביי דער מכה־טריה פון דער יידישער ווירקלעכקייט, און פאנגט אן גראבלען אין איר דאן, ווען זי דארף האבן רו, און וואס וויכטיקער, גראבלען מיט ווערטער, וואס וואלטן געדארפט זיך האלטן פונדערווייטנס פון דער אפענער וונדה, ווערט טאקע זייער קאלעמוטנע אויפן הארצן. ווען מען לייענט די שורות, די לעצטע שורות, פון „חלום“. וואסארע פארפרעמדטע טאטעס גלאטשטיין זאל נישט מיינען, איז ער נישט גערעכט; וואסארע אפהענטיקע און זעלבסט־געקרוינטע פירער ער זאל נישט וועלן שטראפן, איז ער נישט גערעכט. אן אנדערן, וואלט מען עס אפשר פארגיבן. אן אנדערן קען מען נאכשאקלען מיטן קאפ. אבער דעם

דיכטער פון „נעם א פנקס און פארשרייב". דעם דיכטער פון „צום טאטן" איז שווער צו פארגעבן דאס ליד און די שורות.

און דאכטן דאכט זיך אונז בארט, און זאל דאס זיין לזכות פון דיכטער, אז די איינזאמקייט וואס טליעט אין יעדן ווינקעלע פון די לידער ביז סוף פון דער ערשטער טייל, איז אין דעם געוויסן שולדיק. א ייד טאר זיך אבער היינט נישט שפילן און פראווען התבודדות. ס'איז געפערלעך, ס'איז נישט יידישלעך אין ה' אלפים תש'ד און תש'ה לבריאת העולם. מיר שטייען איצט אויפן שוועל פון די דורות, און איין פאלשער טראט מיינט אן אומברחמנותדיקע אראפקייקלונג אין די תהומות פון וועלכע קיין פאלק איז נאך קיינמאל צוריק נישט געקומען. לאמיר זיך שטארק האלטן אין טאטע־מאמעס, און אין פירער וואס גייען ווי חלוצים פארן פאלק. דאס איז דער וועג פון דורכברוך צום ווייטערדיקן יידישן גאנג אין דער געשיכטע. קומט דער דורכברוך נישט פאר — ווו וועלן מיר הינטאן דעם געביין פון ישראל סבא?

איינזאמקייט־לידער וועלן קיינמאל נישט באווייזן צו זיין די פארלויפער און פארגייער פון דעם דורכברוך צום צוקונפט־וועג פארן פאלק.

* * *

ווען פון דער איינזאמקייט טראגט זיך אריבער בניחותא א ווארעמער בליק צו דער פארפויגלטער און פארבוימטער וועלט — איז די איינזאמקייט ווי א באלואס פאר אונזערע נשמות. יעדעס גלעטנד ווינטל און יעדעס גרינענדע־זיך פעלד איז א פענעץ לעבן פאר יעדן מענטשן. עס ווערט פריידיק אויפן הארצן ווען מען לייענט וועגן

„א פויגל פארחלומט א שלוק רעגנבלייב אין זיין ליבן האלדז".

גליקלעכע געשטאלטן פון טאטע־מאמעס פענסטער מיט יאסמינען־קעס־נעסטן טייכן־אויף אין אייער זכרון און איר ווערט דאנקבאר די טעג וואס האבן געלאזט ארויפשווימען יענע בילדער־געפילן פון די ווייטע, גן־עדן'דיקע, קינדער־יארן. עס איז אייך נעימותדיק אויף דער נשמה ווען איר דערוויסט זיך, אז

„אין די דלד אמות פון מיין בענקען,

ישעיהו אוסטרי־דאַן

שפּרייזט די רחבות פון גאַר דער וועלט,

אַרויס דורך מיר און פענסטער,

זינגט דאָס פּעטיטע וווּנדער פון מיין געצעלט".

געוויס איז דאָס „פּעטיטע" א ביסל גרילצנד אין דער מוזיקאַלישקייט פון פערזן און אין די פּאַסטאָראַלישע בילדער וואָס וויקלען זיך פאַנאַנדער פאַר אונזערע אייגן אין די ווייטערדיקע שורות. אָבער מיר פאַרגיבן עס דעם דיכטער ווי אַן אַרויסגעכאַפּט וואָרט וואָס איז מאַקע נישט אַזוי „דערצווינגען" אָבער קערט זיך דאָך אַן צום סיפור המעשה.

אָבער ווען די גאַנצע וועלט אַרום ווערט אַן אינטימער באַגער נאָך איי־גענעם לעק גליק, נאָך א „אוּנטשיין אויף א ליכטיקער וועלט", ווערט ווי פאַרדונקלט די גאַנצע יצירה אין אייערע אויגן.

דער באַגער נאָך דער וועלט קען נאָר זיין א געזונטער אומעט נאָך פאַר־גאַנגענע פּייזאַזשן פון אַמאָליקער יוגנט אָדער נאָנטערער זיסער פאַרגאַנ־גענהייט. עס קען אויך זיין א דראַנג אויפצוגעפינען די בילדער נאָך וועל־כע מ'האָט שטענדיק געחלומט און וואָס מען איז דערצידירט איינמאָל אין לעבן צו דערגרייכן. עס קען אויך זיין א בענקשאַפט נאָך א וועלט און א לעבן וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער קיינמאָל קען נישט געמאָלט זיין, צו וועלן פאַרחמידן אין אייגענעם חלום דורך אַן אייביקייט פון טויזנט יאָר, ווען דער חלום זאָגט נישט קיין סך און די קומענדע טויזנט יאָר, וועגן וועל־כע ס'האַנדלט זיך, וועלן געוויס זאָגן נאָך ווייניקער. דאָס איז ווידער אַן אָפּגעריסענע איינזאַמקייט, א צוריקהאַלט אויפן שוועל פון א באַגער וואָס איז מער אויסגעטרוימט אין דער הוילער פאַנטאַזיע און איז ווייט נישט דער גלי נאָך א מאָרגנדיקער ווירקלעכקייט וואָס שוועבט אַרויס פון יענע קינ־דער־יאָרן, פון יענער גליקלעכער, תכלית'דיקער, קינדער־וועלט. ווייל די שורות לייענען זיך מיט א ביסל ביטערניש אויף די ליפּן:

„גאָט פון אַלדי רוען,

פאַראיצטיק מיך אויף שטענדיק,

קיד

„בלויע האריזאנטן"

מיט מיין חלום און מיט מיין וואָר.
דעם לעצטן ניגון לעש אויס, פארענדיק,
און פארגליווער מיך אויף טויזנט יאָר.
און טויטערהייט וועל איך געדענקען
דעם אוונטשיין אויף א ליכטיקער וועלט.
און יאָר־איין יאָר־אויס שטארקער בענקען,
נאָך דעם פעטיטן ווינדער פון מיין געצעלט".

פארוואָס „פאראיצטיקן זיך"? פאר ווועמען איז עס נויטיק אזא געשיכטלעכער „גאנג". וואָס פאר „א גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער" איז עס, אז ערשט אין דער פארגליווערטקייט וועט מען איר קענען „מיטמאכן"? און ווער נויטיקט זיך אין אזא טרייסט פון געדענקען געוויסע ווונדער פון אונזער פארגאנגענער יוגנט און ערשטער רייפקייט, אז ווען

„....טויטערהייט וועל איך געדענקען
דעם אוונטשיין אויף א ליכטיקער וועלט"(?!)

און פארענדיקן מיטן זעלבן „פעטיטן"־גרילץ איז אויך א עקשנותדיקער אויסדריי צו דער וועלט מיט דער פלייצע, און א זאג טאָן: מעגט איר זיך טראכטן וואָס איר ווילט. איך בלייב מיט מיין אויסדריק וואָס שמעקט מיט אייזן, בליי און פעט־דיקן פארב. אזוי ווילט זיך מיר איצט זיין. דאָס איז איצט מיין געזאנג. מעג יאָ אדער נישט געפעלן ווערן דיר, אין אים, און ס'גאנצע פאָלק.

און פארוואָס איז דער געזאנג אריין נעבן די גרויסע לידער פון „נעם א פנקס און פארשרייב" איז א באאומרואיקנדע רעטעניש, פונקט ווי עס בלייבט פאר אונז א רעטעניש דער גאנג און געדאנק פון די צוועלף לידער אין דער פאָעמע: „קליינע נאכט־מוזיק".

אויך אין דער פאָעמע גייען מיר נאָך דעם זעלבן אומעטיקן איינזאמ־

קייט־גאנג וואס טראגט אין זיך זריעה פון ספקות און אפגעזונדערטקייט פון אלץ וואס איז שיין אין לעבן, גרויס, ליכטיק, אנזעעוודיק און בליענד, גע־וואלדיק בליענד.

דא ווידער, (ביז זאטקייט וועל איך עס איבערחזרן), גייט מיר נישט אין דער „קלאסיפיצירונג״ פון געפילן און איינשטעלונגען, בילדער און אויפ־פאסונגען, מיינונגען און געדאנקען. יעדער דיכטער איז פריי אויף אלע וואַ־ריאציעס פון געפיל און געדאנק. אין דער פרייהייט ליגט דער סוד פון יצירה.

וואס איך וויל אונטערצייכענען איז דער מאמענט פון איינזאמקייט־געזאנג ביים דיכטער וועלכער איז געווארן דער שאלער פון פאלקס־אויסדרוק און ווייטיק־אויסגעשריי, און מאידך אונטערשטרייכן די משונהדיקע סמיכת־הפרשיות צווישן „אין מדבר בליט א מאנדלשטעקן״ מיטן אינהאלט פון די זעלבע לידער, פון דעם געזאנג, פון דעם יחידותדיקן אוועקגיין צו א פעלז אויף וועלכן עס וועט קיינמאל גארנישט נישט קענען בליען אינם יידישן מדבר.

די פערזן אין דער פאעמע זענען נישט קיין אויסדרוק פון „קליינע נאכט מוזיק׳ נאר פון „גרויסן פינסטערקייט אומעט״. ווייל אזוי זינגט גלאטשטיין ביים שוועל פון זיין פאעמע:

„פארשאטן מיך, פארטונקל מיך. פארשווינד מיך.
איך בין צו קליין צו לעבן גרויס.
געשע ארום מיר וואס ווייניקער,
פלאטער ארום מיר סודות פון קלייניקייטן.
גיב מיר אפ מיין חלק וועלט
אויף א קליין טעלערל,
און צאפל מיך ארום מיט זונאויפגאנגען.
פארגאנגען, רעגנס, שלאף.
גיב מיר דאס קלענסטע בעמל.
כ׳בין צו קליין צו לעבן גרויס.

„בלויע האריזאנטן"

גיב אויף מיר א שטיקל בלאָז

און לעב מיר אויס".

ווי קען א יעקב גלאַטשטיין אריינזינגען אין זיין מאנדלשטעקן אזוי פיל בידנע קלייניקייטן? וואָס הייסט עס אז א דיכטער דריקט אויס זיין וואונטש אז עס זאָל געשען ארום אים וואָס ווייניקער? הייגט — אזא תפילה? הייגט — א באַגער נאָך „סודות פון קלייניקייטן"? הייגט נאָך אלץ וועלן אנטלויפן אין געטאָ פון „דאָס קלענסטע בעטל"? און פאַרוואָס זאָל עס דעם דיכטער געשען ס'גליק פון „זונענאויפגאַנגען, פאַרגאַנגען, רעגנס אין שלאָף"? ווער האָט היינט צייט צו קוקן אויף אזעלכע נאַטור־פראַכטן פון זיין אייגענעם געצעלט אויס, ווי די „תולעת בחורת"?

ווערסט נאָכנישט פארטיק מיט דיינע פראַגע־צייכנס, און אָט פאַלסטו אריין אין א פייזאזש וואָס דאַכט זיך דיר אויס צו זיין דער אָנזאָג פון צו־דיקער און די פארגלעטונג פון דער שפּיזיקייט פון דיינע פראַגע־צייכנס. עפּעס א יידישער אָטעם גיט זיך א טראָג איבער די הימלען פון אָן אָפּגע־דאַוונטן טאָג:

„ס'זענען אַנגעפלויגן די פויגל,

מיט דעם פאַרנאַכט אין זייערע

ווינגענדיקע העלדזלעך.

א חעזל ווערט פאַרגליווערט פון שרעק

און קוקלט מיט די אויגן.

ס'פעלד ליגט אָפן

אנטקעגן א רויט־צעפּאַסמעוועטן הימל.

א דאָרף־פידלער גייט אהיים,

מיט דער לאַסט פון אויסגעשפּילטע לידלעך".

ישעיהו אוסטרי־דן

עפּעס נאָגנד־יידישעס טראָגט זיך פון די פּערזן. די טרויעריקייט וואָס דער דיכטער זינגט אויס דערנאָך איז שוין ליטעריק און לבנהדיק. ווען „די נאַכט בלייבט הענגען אויף א שטיק הויז״, און „א פּענצטער ווערט זיך מיט א ביסל ליכט״, ווערט אונז רושיק־אומעטיק אויפן הארצן און א זיסע פייכקייט קומט אָן אין די אויגן. מיר האָבן דאָס געפיל, אז מיר זענען גרייט אָפּצוהיטן דעם דיכטער, אז קיינער זאָל אים נישט שטערן, אז קיינער זאָל אים נישט פאַרווערן „צו זיצן אין דער פּינצטער און טראַכטן״. דאָס איז ווי אן אָנזאָג פון די שטורעמדיקע לידער וואָס וואַרטן אויף אונז גלייך אויף דער צווייטער זייט, מעבר לישער פון דער אומעטיקייט. דאָס איז ווי א געראַנגל אין דער תּוהודיקייט פון דעם יידישן אומגליק און דאָס נישט וויסן ווי זיך אָנצושפּאַרן און פון וואַנען אָנהויבן אויפסניי גיין אין דער וועלט פון יצירה באַגלייט מיט דער אימהדיקער מחנה פון פינף מיליאָן קדושים. אָבער די באַרואיקונג, דער געפיל פון שלמות בלייבט נישט לאַנג צו גאַסט. דער צוועלפטער ליד פון דער פּאָעמע, וואָס שליסט אָפּ דעם געזאַנג וועגן מאַנדליסטעקן וואָס בליט אין מדבר, גיט אונז ווידער א קער צוריק צום שוועל פון דער איינזאַמקייט, פונוואַנען די גאַנצע יידישע אָפּהענטיקייט און יאוש קריכן אַרויס פון יעדער שורה און פּאַרלעשן ס׳רעשט פייער וואָס איז נאָך דאָך פאַרבליבן:

„געטרויט מיר טונדראַנען ביז אַחער
און עטלעכע טריט ווייטער,
כ׳גיי אַליין און וועל דיך נישט נאַרן,
כ׳וועל דיר ברענגען מיין אָפן פּנים.

— — — — — — — — —

איך בין אָנגעטרויעריקט מיט ביכער,
און אָנגעטרונקען מיט ווייַן פון ציַיטן,
און איך בין פלעגמאַטיש ווי א קאַץ

וואס לעבט אויף אלעמגרייטן.

— — — — — — — — —

פארמאך דאס פענצטער, ליבער פריינט,
און היט מיך אויס פון מינדסטן ווינטל.
און אינדערפינצטער זענען מיר צוויי.

— — — — — — — — —

לאמיר אנזאמלען דעם שלאף
און רייטן אין אן אייגענעם גארטן.
און אינדערפינצטער וועלן זיך קושן
די געמיגטן מיט די נישטגעטארטן".

איך בלייבט איבער אין דער פינצטער אליין. איינער אליין. דאכט זיך אייך, אז אפילו דער דיכטער איז מיט אייך נישט פארבליבן און איז אוועק דערשראקן פון צופיל פינצטערקייט. און איר ווייסט נישט ווו א הינטאן די אויגן. מישט איר איבער דאס בלאט און איר לייענט:

„ווערסט איבער מיר נישט געוועלטיקן,
מיין ברודער קין.
אין יעדן דור וועל איך מיט דיר דעם קאמף באנייען,
ביז ס'וועט אמאל פארמענטשט ווערן דער טרויעריקער וואלד".

בלייבט איר ווי פארגאפט, פארגאפט און פארוואונדערט. מיט וואסארן כישוף איז דער דיכטער ארויס פון יענער פינצטערקייט צו דער ליכטיקייט פונם פערז, צום רעוואלט, צום פראטעסט, צום ליד פון לעבן, פון געוואלדיקן לעבן און באנגער? ווי אזוי איז אזא וואונדער געשען?

ווילט איר מקיל־זיין און טראכט: אפשר איז עס א בלאנדזשעניש געווען אין טיפע וועלדער, מיט נישט־גוטע זיך געראנגלט — און דער זכות פון רבי נחמן מברצלב איז בייגעשטאנען. אטעמען מיר אפ פרייער, און טראגן ארויס דעם טיפן ציטער אין הארצן אנטקעגן א שטורם וואס רוקט זיך אן אפצורייניקן די הימלען פון יידישן יאוש.

אויפן טורעם פון דורות

מיט מעכטיקע פויסטן האָבן מיר זיך אָנגעקלאַמערט אָן דעם יידישן טורעם און איבערגעגעבן לדורי־דורות דעם אומגליקן־געוויטער וואָס אראפּגענידערט האָט אויפן צעביילטן יידישן גוף. נישטאָ פאַר אונז קיין צוריקטריט און נישטאָ קיין וועג אין אַנדערע וועלטן אריין. דאָס איז דער עמק־הבכא און קיין אַנדער עמק־הזוהר וועלן מיר פאַר קיין ילוד־אשה נישט אַנטדעקן אין אַנדערע וועלט־דוימען. נישטאָ וווהין צו אַנטלויפן. מיר קענען אפשר נישט מיט דער אָנמאַכט פון יידישע גלות־הענט שמידן דעם אייגענעם גורל, אָבער אַנטלויפן פון אים, איז דער לעצטער טראָט איבערן שוועל פון תהום. אין דעם גרויסן שחיטה־טאָל פון מזרח־אייראָפּע בלייבט אונז איבער דער היילקסטער אָנדענק פון א אומה'דיקע פאַרגאַנגענהייט וואָס מיר דאַרפן טראָגן ביי אונז אין הארצן, און קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מען טאָר נישט צומאַכן די טיר פון גרויסן פאַנטעאָן וואָס יעדער איינער גלויבט, אַז די געשיכטע האָט שוין אויפגעשטעלט פאַר די פינף מיליאָן קדושים, און דערנאָך זיך ווידער אַזוי אריינגיין רואיק אין גאָרטן פון לעבן. נישט דאָס איז דער וועג.

ווען מיר רעדן וועגן „קדושים", דענקען מיר נישט נאָר וועגן מאַרטירער, נאָר אויך וועגן מענטשן וועלכע זענען געווען באַטעמט מיט א געוויסן קוק אויפן לעבן, א באַהויכטן צוגאַנג צום עצם עיקר פון זיין. ביי אלע מענטשן, סיי אלס קינדער פון פאָלק ישראל. ווען מיר זאָגן „קדושים" מיינען מיר א פאַרהייליקטן „אבן־השתיה" אין אונזער עקזיסטענץ פאַר וועלכן זיי זענען אומגעקומען גייסטיק ביודעים, מעג עס זיין באַוואוסטזיניק אָדער אונטערבאַוווסטזיניק למעשה. ווען דער גרויסער כלל פאַרבלייבט, פאַרבלייבן מיר נאָך אויך אין איצטיקן דור מיטן לעבעדיקן אָטעם פון די אומגעקומע־

נע פינף מיליאָן ברידער און שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס, קרובים און קרובות. און פון אונז מוז זיך איבערטראָגן דער גרויסער לעבנס־אָטעם פאַר די דורות, וועלכע וועלן אַריינשטעלן אין דער געשיכטלעכער אייביקייט פון דער מענטשהייט און פון אונזער פאָלק דאָס פּחדים־בילד פונם גרויסן אומגליק־געוויטער, וואָס טראַגעדיאַלעם איז ער נישט געווען קיין אימיזיסטער, אַ לחלוטין נישט פאַרשטענדלעכער, אומקום. אכזריותדיק איז ער געווים געווען, אוממענטשלעכער אויך — אָבער אוועקשענקען דער אוממענטשלעכקייט און חיה'שקייט אונזערע הייליקע און אומשולדיקע אומגעקומענע, וואָלט געהייסן זיי טויטן אַ צווייט מאָל, זיי נאָכאַמאָל איבערלאָזן צו דער שענדונג פון אומקום.

מיר שטייען אויפן שוועל פון אונזער נשמה'דיקייט און זוכן דעם אויסדרוק פון דור. מיר זוכן די אַזוי באַנאַל־געוואָרפענע „צייט־לידער". מיר וואַרטען אויף די דונערן פון יידישן גליאיקן וואָרט וואָס איז אויסגעקאָוועט געוואָרן אין אַן איינזאַמען, ווייטיקדיקן יידישן מענטש, וועלכער טראָגט עס צו זיין פאָלק, זיינע יידן, וועלכע זענען פאַרמונקען אין אַזוי פיל ברויט, אין אַזוי פיל שלאָף־זעטיקייט און אין אַזוי פיל שלוה. זאָלן איבערן ברויט אַ ציטער טאָן ליפּן. זאָלן ביים שוועל פון דער אָנקומענדער נאַכט בלייבן אַמאָל אויגן לאַנג־לאַנג אָפן אין דער נאַכט אַריין. זאָל אויף דער שלוה אויפגעהאַנגען ווערן דער שלאָס פון צייט. וואָס פאַררינגלט האָט פאַר זיי, פאַר יענע ברידער, די לעצטע האָפנונג.

זאָגן מיר עס טאַקע מיטן פולן, איבערפולטן, לאָגל פון דער נשמה, אַז יעקב גלאַטשטיין האָט דורכגעדונערט מיט גרויסע טריט אין די יידישע הערצער מיט זיינע לידער, לדורות. אַלע ווונדן פון אונזערע נשמות זענען אויפגעדעקט געוואָרן. נישטאָ מער די שעמעוודיקע און אָפט פּחדנותדיקע מאַסקע,וואָס מענטשן און פאָלק האָבן ליב אָנצוטאָן אויף זייערע אומגליקן. אַלע ווונדן זענען ברייט צעפּראַלט פאַרן צעשראָקענעם יידישן אויג, און זיי מאָנען, אַז דו זאָלסט צו ליגן אויך דיין פיסטיקן געדאַנק צו זיינע ווערטער וואָס צעפּלאַקען זיך מיט בלוטיקע הענט איבערן פּנים פון פעלקער און קולטורן, פון היינט און מאָרגן, פון איצט אין דער געשיכטלעכער אייביקייט אַריין.

ווען עמיצער האָט געוואָגט דעם טויט געבן פּערמאַנענטע קראַפט אין

שטראף־כוחות — איז ער אריין אין קדשי־הקדשים פון דער ווירקלעכקייט וואס מיר וועלן מוזן פונאנדערפלאטערן פאר די אויגן פון דער וועלט און פון אונזערע קומענדע דורות.

„מיין טויט הערשט איבער דיר און איבער דיין שלעכץ.
— — — — — — — — — —
אז איך וועל זיין טויזנט מאל טויט,
וועסטו אלץ זיין טויטער,
און דיך וועט אפמעקן דער טאג
און מיר וועלן לעבעדיקע שטעלן בליענדיקע מאנומענטן".

מיר דערהויבן א טויט פון פינף מיליאן קדושים צו א גרויסן קאטעגארישן לעבנס־אימפעראטיוו, וועלכער דארף דינען אין אונזערע טעג וואס וועלן אנפאנגען, נאכן צוריקקומען צו זיך, זייער גאנג צום מארגן, פארן גרויסן שופר צו דער וועלט און דער מענטשהייט. לאמיר קיינמאל נישט ברענגען אונזערע אומגליקן צום אייז׳יקן און פאל־קאלטן טיש פון פאליטיקער. דארט זענען נישטא קיין הערצער. דארט זיצן נישט קיין נשמות אין טיפער תפלה צום לעבן. דארט זיצן קאלטע באשעפענישן וואס קענען נישט זען אונזערע פינף מיליאן צוליב זייער געוואלדיקער אנדערשקייט. זיי פארמישן אונזערע קדושים מיט אנדערע מיליאנען, מיט אנדערע טייכן בלוט און דאס איז אן הימל־שרייענדער אומגליק פארן יידישן פאלק און א דלות און סגי־נהור סימן פאר יענע גרינע טישן פון די פאליטיקער. זיי וועלן קיינמאל נישט אויפהויבן די אויגן צום הימל־פון־מענטש. זיי פארבלייבן אין די קעלערן פון די ווייגען און אין די קעלערן פון די קארטאפל. דאס לעבן פון האנט צום מויל איז דארט דער גרויסער מולך פאר וועלכן מען קניט און מען בוקט זיך. וועסטו מיין קעלער וועלן פארשמעלערן, פון מיינע סלאיען האניק וועלן לעקן, מיינע זויערע אוגערקעס וועלן פארזוכן, אזוי באפסטע איבער די ציינער. א ניין! נארנישט קומען צו יענע ארימע מענטשן פון פאליטיק מיט אונזער גרויסן און טיפן לעבנס־און־טויט־אמת. אויב טראגן — טא טראגט אים ארויף צו דער וועלט, צו די פרייע הימלען פון די פרייע

מענטשן. זיי ווארטן אויף גרויסע און טיפע אמתן. ברענגט זיי דעם גרויסן און פיינלעכן אמת — אז אונזער טויט לעבט! אז אונזער טויט איז טויזנט מאָל שטארקער ווי זייערער! אז קיינמאָל וועלן מיר נישט אויפהערן קומען מיט דעם טויט צו דער וועלט און שרייען און שאַלן און מאָנען: אונזערע קדושים רופן צו אייך איר זאָלט שוין אמאָל „פארמענטשן דעם טרויעריקן וואלד": פארמענטשן אייער חיה'שע נשמה; פארמענטשן דאָס אוממענטש־לעכע עס זאָל שוין קיינמאָל מער נישט זוכה־זיין (נאָר דאָס איז צום „נס", ליידער, „זוכה"!) צו תחית המתים. הויבט אויף די אויגן צו אנדערע הימ־לען ווי די וואָס איר האָט ביז היינט געזען. עס איז דאָ אין די פארבאָר־גענישן פון מענטש אן אנדערע שענערע וועלט, אן אנדער גרויסער און טי־פער אמת. ברייננגט אים ארויס אויף דער ליכטיקער שיין פון אייערע לעבנס. זאָל קומען א נייע וועלט און א נייער מענטש, וואָס דער לעצטער פונק פון חיה'שער טומאה'דיקייט זאָל אין אים אויף אייביק פארלאָשן ווערן. באנייט אין דעם דור דעם קאמף, אז קיינמאָל מער זאָלן מאַמעס נישט דארפן זיצן ביי ליידיקע בעטן. און באנייט דעם קאמף, אז דאָס שרעקלעכסטע, דאָס אימה'דיקסטע, דאָס וואָס זיין האָבן געדארפט זיצן ביי ליידיקע בעטן ווען מאַמעס זענען געפירט געוואָרן צו דער שחיטה — אז דאָס זאָל שוין אויך מער קיינמאָל זיך נישט איבערחזרן!

אויב מיר וועלן היינט נישט קענען באוויזן, ביי אונזער זינען־שיין אויסצומעקן די חרפה פון מענטש, ווען וועט עס קומען? ווען וועט נאָכאמאָל דער סנה נעמען ברענען מיטן אייביקן פייער פון גלויבן אין מענטש — אויב נישט היינט?

ווייל מיר שטייען אויפן שוועל פון אומגלויבן, מוזן מיר דאָס גלויבן ראטעווען. ווייל מיר שטייען אויפן שוועל פון לעצטן גרויסן אומקום־טראָט, מוזן מיר זיך פון דעם טראָט צוריקציען. נאָך א סך לעצטע ברעטער וואָג־לען ארום איבערן שטורמישן ים פון יידישן גורל, און געניטע הענט וועלן נאָך תמיד באוויזן זיי אנצוכאפן און נאָך דערהאלטן דאָס קאפעטשקע לעבן כדי עס צוצופירן צום ברעג. אויב מיר ווילן מיטנעמען מיט זיך דעם מיליאָ־נען־טויט אין אונזער ווייטערדיקן גאנג צום לעבן מוזן מיר הערן ווי

„דאָס זינגט די פרייד פון טויט וואָס האָט א מאָרגן"

„בלויע האריזאנטן"

אַט דער טויט געזאָלבט מיט מאַרגנס, וועט זיין דער הייליקער פּרוכת וועלכער וועט הענגען איבער די כרובים און לוחות־הברית פון אונזער ווייטערדיקן אַטעם אקעגן די בלויע הימלען און זיסע האָפענונגען פון מאָרגן. עס איז טאָקע א שווערע נאַכט ווען

„די נאַכט איז קיינעמס און דאָס שטיקל ערד איז קיינעמס"

אָבער שטענדיק קען מען צוהערן ווי „ס'קלאַפּט אן ערלעד האַרץ", ערגעץ ווו, נישט נאָענט אָבער אויך נישט־ווייט פון אייך. ווייל דער מענטש איז נאָך שטענדיק דאָ אין זיין גוטסקייט־תמיד'יקייט, אין זיין מענטשלעכער דאַאיקייט, ווייל נאָר פון דער מענטשלעכער גלויביקייט קען אריוס דער געזאַנג ביים גאַנג דעם טויט אנטקעגן. נאָר פון טיפער מענשטלעכער אמונה קענען „ביקסן בליצן ליכטיק" און „באַמבעס פלאַנצן געוויקסן". צום לעבן קען מען נישט ארויסגיין מיט הוילן תמימות'דיקן גלויבן, און מיט שטילן נאַאיוון באַגער אז אַלץ זאָל, בלי־נדר, זיין גוט. דאָס לעבן דאַרף מען געווינען אין ביטערן קאַמף. און דער קאַמף איז אן אַלזייטיקער. מען קעמפט מיט דער וועלט ארום, מיט מענטשן, מיט דער נאַטור, און דער שווערסטער פון אַלע קאַמפן קומט פאָר מיט זיך אליין. דעריבער דאַרף מען דאָס לעבן געווינען אין ביטערן גאַנג. דעריבער קען א ביקס זיין ליכטיק און באַמבעס קענען געוויקסן פלאַנצן:

„די נאַכט בליצט מיט ליכטיקע ביקסן.
באַמבעס פלאַנצן געוויקסן און רואינען
וואָס נישט זיי גרינען,
נאָר גייען אויף אין דערשראָקענעם רויט".

און דערפאַר קלינגט אין אונזערע אויערן ווי א דערשראָקענער אויסגעשריי דער קנאַק מיטן טויער און די „גוטע נאַכט"'דער וועלט. דער קלאַפּ מיט דער טיר איז שוין אן אָנמעכטיקער אויפברויז פון א צעווייטיקטער נשמה. דאָס איז נישט מער ווי די בידנע דערקוויקונג וואָס א צעבראָכענע פריינ־

שטימע שרייט אוים אין פאטעטיש־אומקאנטראָלירטע ווערטער אויפן בית־עולם ביים אָפענעם קבר פון זון אָדער מאן. די ארומיקע נעמען עס אויף ווי א נויטווענדיקייט, וואָס זיי מוזן מיטמאכן, אָבער זיי זענען ווייט, זייער ווייט, פון זיך אידענטיפיצירן מיט די יאוש־און־אומקום זאָגענצן וואָס די וויינענדיקע קלאָג־ווערטער פון דער פרוי שרייען אויס דעם קבר אנטקעגן. פריינט טרעפן זיך, און זאָגן זיך טאקע שטיל, אָבער דאָך זאָגן זיי זיך „גוט־מאָרגן" אָדער „גוטן־אָוונט". מען דריקט זיך די הענט און מען גיט אפילו א גוממוטיקן נויג מיטן קאָפּ. גוטע פריינט, צוקן מיט די אקסלען און גיבן עפּעס א זאָג מיט זייער פיל גלויבן און אָפּטימיזם, מכוח דעם „סוף כל האדם", און דערביי בלייבט עס. אלע צעגייען זיך און אין א קורצער שעה איז שוין גאָרנישט נישט פארבליבן פון יענע געוואלדיקע ווייטיק־אויסגע־שרייען אין דער נשמה פון די וואָס האָבן עס צוגעהערט.

אזוי לאנג ווען אונזער ליד וועט זיין א לעבנס־ליד דער וועלט אנטקעגן, זענען די פינף מיליאָן קדושים נישט אומזיסט אומגעקומען. די געשיכטע האָט איבער זיי קיין שכחה נישט גוזר געווען. אָבער ווען מיר ווילן אין אונ־זער ווייטיק פארברעכן מיט די הענט. ארויפלאָזן דעם שוים אויף די ליפּן און פון אָנמאכט אנטלויפן מיטן אויסגעשריי

„א גוטע נאכט, ברייטע וועלט,

גרויסע, שטינקענדיקע וועלט..."

וואָס האָבן מיר אויפגעטאָן? און וואָס האָבן מיר דען דא געראטעוועט פאר דער צוקונפט פון אונזער נאציאָנאלן מאָרגן?... געווים זענען דא מאמענטן ווען דער מענטש זוכט נישט קיין קלאָרן חשבון. די נשמה איז צעווייטיקט און דאָס בלוט שרייט אין די אָדערן — קומט דער אומקאָנטראָלירטער יאָ־מער. אָבער אין דער „גוטער נאכט" צו דער וועלט פון יעקב גלאטשטיין איז באהאלטן א גוט דורכגעטראכטער צוריקטריט פון דער וועלט:

„מיט דעם לאנגן כאלאט,

מיט דער פייערדיקער, געלער לאט,

מיט דעם שטאלצן מראט,
אויף מיין אייגענעם געבאט —
גיי איך צוריק אין געטא".

און וויל עס טאקע יעקב גלאטשטיין צוריקגיין? ווו פירט דען אוועק דער וועג פון „געטא" און ווייטער? ווו איז דען נאך דא א „לעבנס-געטא" מיט באלאטן, שמות און „סווארבעכ"? פאר די ערשטע דריי שורות פון דעם דערעפנטן פנקס זענען מיר געשטאנען גליקלעך פארוואונדערט. עס איז געווען אן אויסשאל פון יידישער גבורה דער שלעכטס אנטקעגן. ס'איז געווען א דערקוויקונג פאר יידישער אפהענטיקייט, א זאלבונג פון קעפ וואס האבן אמאל קרוינען געטראגן. ווי מעכטיק דאס קלינגט:

„וועסט איבער מיר נישט געוועלטיקן,
מיין ברודער קין.
אין יעדן דור וועל איך מיט דיר דעם קאמף באנייען".

אזוי פיל פשטות און אזא גליקלעכער אויסדרוק פון דאס וואס מיליאנען יידן פילן אין היינטיקן מאמענט „ואף-על-פי-כן", די אלטע — אייביקע יידישע טראַציקייט. האט דא אויפגעבליט מיט א טויזנטפאכן פארבן-שפיל פאר אונזערע אויגן. — און באלד דערנאך, אזוי געבראכן, צוזאמענגעפאלן, מיט אויפגעריסענע כעס-מורא-אויגן, אזא פיינלעכער. דורכגעפאלענער צוריקטריט. עס וואונדערט און עס טוט וויי.

ווער דארף עס שיקן דעם יידישן גורל ער זאל זיך גיין וואלגערן אין מיסט פון יענעם קאמפנדיקן לעבן? צוואס אין פאר וועמען שטויבן זיך אין געטאס? צוואס אנהויבן נייע אומגליקן און אנטאן אלט-נייע, פארזשאווערטע קייטן פון אמאל, אויפן יידישן גוף? ווו איז דא די נחמה פאר לעבעדיקע און ווו איז דא די טרייסט פאר די געפאלענע? ווער דארף עס פון גלאטשטיינען ער זאל ארויסגיין מיט מרדכי'ס זאק איבער די גאסן פון דער וועלט-שושן-הבירה און שרייען:

ישעיהו אוסטרי"דן

„ב'וואלגער זיך אין דיין מיסט,
ליב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.
כאטש אלץ איז פארוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן."

ווער דארף עס די שורות פון גלאטשטיינען? די יידישע וועלט דארף עס נישט — ווייל דאס איז אן אנזאג אויף נייע אומגליקן. די גרויסע וועלט דארף עס נישט -- ווייל דאס איז אן אנזאג אויף באנייען אלטע וואקכא־נאליעס. וווהין פירט עס דען דאס גאנצע אויסשמירן זיך מיט אלץ וואס אונזער לעבן האט אמאל געהאט? וויל זיך טאקע גלאטשטיין אריינקוועטשן מיט זיינע געזאנגען, נשמה, הויז און מלבוש אין יענע דלד אמות פון יידי־שער טורמעדיקייט?

און אמאל דאכט זיך, אז אונטער די שורות ליגט עפעס מער ווי סתם אויפברויז־געזאנג. דאכט זיך אז דא שטייט פאר אונז א וועג־ווייזער וואס האט דעם וועג פארלוירן. דא שטייט א מענטש, וואס גייט אויף א וועג וואס ער גלויבט נישט מער אז ער וועט דורך אים ערגעץ־ווו דערגיין. ווייל וועז מען שרייבט.

„וויש אפ, צעטרעט אלע געשמדטע שפורן.
חרם. וועלט, אויף דיינע טריפהנע קולטורן"

מוזן ערגעץ־ווו ליגן אין דער נשמה פארגעסענע בונטן קעגן אלטע היימען פון שוין פארברענטע וועלטן. שרייט מען נאך אוים

„שלאברע דעמאקראטיע, מיט דיינע קאלטע
סימפאטיע־קאמפרעסן"

צו דער וועלט, איז עס א געשריי וואס נאגט יעדן איינעם די נשמה, און וואס יעדער פון אונז האט עס שוין פון לאנג געוואלט ארייגפאטשן אין די רויקע פנימער פון פאליטיקער און אינטעלעקטואלן. אבער באלד דערנאך,

„א גוטע נאכט, עלעקטריש צעחוצפהטע וועלט.

צוריק צו מיין קעראכין, הלב'נעם שאטן,"

איז דאס שוין כלל נישט צום באגרייפן?!... פארוואס זעען אין אלץ וואס איז יידישע צעבראכנקייט און טעמפקייט דאס שיינע און דערהויבע־נע פאר אונזער היינט און מארגן? אווי פארפירט אונז דא דער דיכטער מיט זיין אפהענטיקן געשריי וואס פאר דער גרויסער וועלט איז ער צו טעמפ און אין יידישן לעבן צו משונהדיק? זאל דאס זיין דער אויסטייטש פון „מה טובו אוהליך, יעקב"? — עס וואונדערט. עס וואונדערט און טוט וויי.

דאס בילד וואס קומט דא ווייטער פירט אוועק אין ווייטע זכרונות. אין אן אוונט־טרוים דערוועקן זיך טאקע זייער פיל עכאס פון אמאליקן יידישן זיין. אבער די בענקשאפט וואס האט פלוצים ארומגעכאפט דעם דיכטער און וואס פארזינקט אים מיט זיין גאנצן וועזן ביז צו פארוואנדלען זיך אין א לעבנס־באגער ארייינצוגיין צוריק אין יענער פארגאנגענהייט, — דאס איז פרעמד און פארדריסיק. דעם דיכטער ווילט זיך צוריק אוועקגיין צום

„אייביקן אקטאבער, דריבנע שטערן,

צו מיינע קרומע גאסן, הויקעדיקן לאמטערן,

מיינע שמות, מיין סווארבע,

מיינע גמרות, צו די הארבע

סוגיות, צום ליכטיקן עברי־טייטש,

צום דין, צום טיפן מיין, צום חוב, צום געראבט.

וועלט, איך שפאן מיט פרייד צום שטילן געטא־ליכט".

מיר שטייען נישט נאָר פאַרפרעמדט, נאָר טאַקע מיט פאַרדרוס, נישט פאַר דאָס בילד, נאָר אַקעגן דעם ווילן פון צוריקקער. געשיכטלעכע רעמי־ניסצענצן זענען נישט קייןווירקלעכקייטן. ווער עס וועט וועלן אַנטאָן היינט אַ פראַנצויז אין דער פּאַרוק פון לואיס דעם פערצנטן, וועט ער אים אויס־דראַפּען די אויגן. די ליבשאַפט צום קאַפּיטל געשיכטע פון יענער צייט, צו דומאַס׳עס שילדערונגען זענען זייער גרויס, אָבער פון דער ליבע ביז צוריקקערן דאָס פראַנצויזישע לעבן צו יענער צייט, צו די פּאַרוקעס, לאַנגע זאָקן, קורצע הויזלעך און די נאַרישע מאַנטל־פראַקן, וואָלט געווען אַ משוגעת פאַר יעדן פאַרנונפטיקן פראַנצויז. און, מוטאַטיס מוטאַנדיס, צו אונזער דיכטער און זיין אַנטלויף צום געטאָ. מיטן טיפסטן ציטער אין האַרצן לייענען מיר וועגן יענע צייטן. איר נעמט ראָמאַנען פון דער השכלה־צייט אין האַנט מיט ליבער בענקשאַפט, און איר פאַרטונקט זיך אין דער וועלט פון ענגון מיט נשמהדיקער עליה׳דיקייט. אָבער פון דער בענקשאַפט ביז וועלן צוריק־בויען יענע פאַרגאַנגענע וועלטן אַלס אונזער מאָרגנדיקע ווירקלעכקייט — ליגט אַ מהלך ווי פון הימל ביז ערד!

אַט דער אַנטלויף פון דער וועלט איז דער שרעקלעכסטער גאַנג ביים אימה׳דיקן שיין פון די וועגן וואָס ס׳האָט אויסגעטראָטן פאַר אונז היטלער־המן! אַט דאָס האָט ער דאָך געוואָלט! אַט דאָס האָט ער דאָך געטאָן מיט אונז?

און צוואָס אָפּנאַרן זיך און די גאַנצע וועלט אַרום? צוואָס אָפּנאַרן דעם ייד און זיין פאַרפייניקטע נשמה? וויל עס אונז טאַקע איינרעדן דער דיכ־טער, אַז

„וועלט, איך שפּאַן מיט פרייד צום שטילן געטאָ־ליכט״ (?!)

איז עס דען אמת, אַז אוים טיפער שמחה איז ער פּלוצים אַוועק צום געטאָ־ליכט? און איידער עס האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער סעפּטעמבער 1939 איז געווען פינצטער אין געטאָ? האָט ערשט היטלער גאָר געדאַרפט קומען און עפענען די אויגן אויפן „ליכט״ פון געטאָ?

מיר ווילן נישט רעדן וועגן פּחדנות — נאָר וועגן פאַרלוירנקייט. אין אַ דיכטער, ווען ער איז דער וואָרט־טרעגער און נשמה־זינגער פון אַ פאָלק,

טאָר ער נישט אריינפאַלן אין א יקום ווו פארלוירנקייט איז דער אבן־השתיה פון קיום. און א דיכטער טאָר נישט אָפּנארן! א דיכטער טראָגט דעם צייכן פון גאָט אויף זיין שטערן. א דיכטער מעג אמאָל פארוואָרפן ווערן מיט שטיי־נער פון זיין אייגן פאָלק — אָבער ער טאָר קיינמאָל נישט זאָגן ליגנד דאָס פאָלק! איז נישט אמת, טויזנט מאָל נישט אמת. אז מיט פרייד גייט איועק, (אדער וויל אוועקגיין) דער דיכטער צום געטאָ־ליכט? דער דיכטער האָט געוואָלט רעאגירן — און אזוי איז גאָר ארויסגעקומען זיין וואָרט צו זיך און צו דער וועלט! איז טרויעריק וואָס דער יידישער מאָרגן קען צוריק אָנ־פאַנגען זיין אויפקום — נאָר אין געטאָ. עס איז אזוי טרויעריק, אז עס ווערט שוין אומזיניק צו ווײַנען דערויף, ווען דאָס זאָל אמת זיין, וואָלט זיך שוין געוואָלט רעדן וועגן יידישן זעלבסטמאָרד! אויב „זו הדרך" איז שוין בעסער צו בלייבן „ללא דרך"...

מיר ווילן נישט אריינפאַלן אין דער שרעקלעכער־אומגליקלעכער לאַגע פון ארמענישן פאָלק. מיר זענען נאָך גרויס, זייער גרויס! מיר זענען נאָך שטארק, זייער שטארק! מיר האָבן נאָך מאָרגנס פאר זיך, זייער שיינע מאָרגנס! מיר האָבן נאָך א לאנד, א פּרעקטיק אלמניילאנד? מיר האָבן נאָך א צוקונפט, און מיליאָנען יידן, און געוואַלדיקע ענערגיעס, און היסטאָרישע פאַטענצן — אַלץ האָבן מיר נאָך! אַלץ, וואָס גיט גלייבן אין לעבן און צו־קונפט. זאָל די יידישע וועלט ארומנעמען גראָד היינט א מזמור־פלאַקער פון אמונה און זיכערקייט, און זאָל א שפּרודל־טאָן א געוואַלדיקער ווילן צו בויען, בויען און נאָכאמאָל בויען! און בויען זאָל מען ארץ־ישראל און בויען זאָל מען אויך דעם גלות. דאָס איז דער ריכטיקער, איינציקער ריכטיקער יידישער גאַנג צום מאָרגן. מיר ווילן נישט קיין קרבנות־עליה פארן יידישן לאנד. מיר ווילן שטאָלצע יידן, געזונטע יידן, יידן וועלכע וועלן קומען נישט דערפאר ווייל קיין ברויט איז נישט געווען צו עסן ערגעץ־אנדערש, און איז אונזער לאנד איז יאָ געווען; נישט דערפאר ווייל היטלער האָט עס אזוי גע־וואָלט וועלן מיר, צעטומלטע, ווייטער פירן זיין גאַנג אין אונזער געשיכטע! ניין און ניין! נישט דאָס איז דער וועג! וואָס היטלער האָט געוואָלט פאר־טיליקן, מוזן מיר אויפבויען! ווארשע מוז צוריק אנטשטיין — נישט וויכ־טיק די גרויס און דער סאָציאַלער פארנעם פון יידישן ישוב! און דזשיקע און דזשעלנע און נאוואליפיע און קארמעליצקע און גענשע און נאַלעווקעס

— אלץ וואָס היטלער האָט געוואָלט פאַרטיליקן מוז צוריק אויפגעבויט ווערן! און ווען מיר אויך וועלן געווינען אונזער קאַמף קעגן היטלער — ווייל ביז היינט זענען מיר די איינציקע וואָס האָבן אים פאַרשפּילט, ביטער פאַרשפּילט — וועלן מיר זאָגן צו זיגערישע, צוריק אויפלעבנדע, מיט ליכטיקע אויגן קוקנדע יידן: — קומט צוריק צו אייער שטאַם, צו אייער „צור מחצבתכם"! דאָרט איז דער וועג, דער וועג וואָס פירט קיין ציון, דער וועג פון דערלייזונג און פון צעשטראָלטן יידישן „איך".

מיר וועלן פון דער וועלט נישט אוועקגיין! מיר וועלן קיינע טירן פאַרקלאַפּן! נישט דאָס איז דער וועג, טויזנט מאָל נישט דאָס! און ס'איז נישט אמת אז נאָר אין געטאָ איז געווען „דין, טיפער מיין, חוב און גערעכט" זענען שוין טאַקע אין יידישן לעבן מער נישט געקומען צום אויסדרוק די אַלע אַטריבוטן פון מענטשלעכקייט, און נישט דווקא יידישקייט? האָט זיך עס גאָר אין געטאָ אָפּגעשטעלט און דאָרט פאַרבליבן דאָס אַלץ וואָס איז „דין, טיפער מיין, חוב און גערעכט?" — און צוריק גערעדט, זענען מיר זייער ווייט פון אוועקשענקען דער וועלט אונזערע „יעזוס־מאַרקסעס"! אפשר וועט אימעצן גרילצן דער דיקטערישער כלאיים — מיר נישט. אויב יעזוס איז יאָ אַמאָל געווען — איז ער נישט געווען פון קיין פרעמדן שטאַם, נאָר פון אונזער בלוט און פלייש. ער איז זיכער געווען אַ פאַרלוירענער עטייער ביי די ברעגן פון ירדן און כנרת, און איז געווען אַ זון וואָס האָט געבלוטיקט אויפן גורל פון יידישן פאָלק! דער ישו איז נישט דער יעזוס פון זיינע אַפּאָסטאָלן! זייער יעזוס איז אַ טרוים, אַ פאַנטאַזיע פון זייער דמיון, אַ פּראָדוקט פון זייער דראַנג אַריינצוליגן אַ קאָשמאַרן־לעגענדע געוויסע אייגענע ווערטער און געדאַנקען אין מויל אַריין!

און קיינער, קיינער וועט נישט אוועקשענקען מאַרקס'ן דער וועלט און פאַרקלאַפּן אונטער דעם געשאַנק די טיר פון יידישן לעבן. ווי טיף דאַרף שוין זיין דער אַראָפּפאַל אין תהום פון יאוש און ביטערקייט אז מיר זענען ביז דאַנען דערגאַנגען. בלינד איז דער וועג פון יאוש, אז ער קען צופירן דעם יידישן געדאַנק צו די בלוטיקע און אימה'דיק־אויסגעטראָמענע וועגן פון נאַציזם.

דער וועג פירט אין דער אמתן אוועק פונקט קאַפּויער ווי גלאַטשטיין שמעלט זיך עס פאָר. ווייל אויב יאָ אויפהויבן פענער — זאָלן עס זיין פּע־

נער פון די אמאליקע קעמפער פאר יידישער גאולה! זאל עס זיין דער מיט פון די רבי עקיבא'ס און רבי שמעון בר יוחאי'ס וואס האבן אויפגעהויבן די פאן פון קאמף צענדליקער יארן נאכדעם ווי דאס הייליקסטע פון אונזער דאמאלסטדיקן קיום, דער בית־המקדש און ירושלים, מיט אלע שטעט און דערפער ארום, זענען שוין געלעגן מאד־באוואקסענע אין זייערע חורבות. זאל עס אויך זיין די טיפע מוט פון רבי יוחנן בן זכאי — ווען א טראט פארן תהום האט ער צוריק אויפגעהויבן די פאן פון לעבן, פון שאפן און פון אויסשטראלונג נישט אין געטא־אפגעשלאסנקייט פון דער וועלט, נאר גראד פארקערט, אין א געוואלדיקער אריבערשטראלונג צו דער וועלט, ווייט איבער די גרענעצן פון יהודה און שומרון און גליל, העט ווייט אוועק קיין בבל און פערסיע און קיין מצרים. אט דאס הייסט גיין אויפן געשיכטע־וועג פון ישראל־סבא. אט אזוי בויט מען אן אייגן לעבן און א ספעציפיש־יידישע צוקונפט. אין אויסשטראלונג פון יידישער ענערגיע ליגט דער מארגן און נישט אין דער דערשטיקונג אין „דלד אמות" פון א געטא. „דלד אמות" גייען נאך אן פאר א יחיד, פאר א דענקענדן פרט אין זיין אינטימער אפגעזונדערטקייט, אבער קיינמאל נישט פאר א פאלק!

און ווען דער דיכטער לאזט זיך אראפ אין טאל פון האפענונג, בלייבט ער שטיין אין דער זעלבער צעטומלטקייט ווי ער איז געשטאנען אויפן שפיץ בארג פון נקמה:

„און איך האב האפן, אז באטש ער זאמט זיך,
גייט אויף טאג־איין־טאג־אויס מיין ווארטן.
ס'וועלן נאך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונזער בוים דעם פארקווארטן.
איך דארף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פון וואגנערס געץ־מוזיק צו ניגון־ברומען.
כ'קוש דיר פארוואלקנט יידיש לעבן.

ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען״.

און דא, ווידעראמאל בלייבט איר שטיין מיט פולע ארעמס פראגע־צייכנס. — וואס פאר א האפענונג איז דאך זיך אוועקזעצן ווארטן אז עס זאל אויפגיין דאס... ווארטן? און ווען דאס „גליק״ וועט שוין קומען — וואס דאן?! אפילו א דיכטער קען נישט אפזאגן אזוי סתם זיך אין דער וועלט אריין (און עס איז אזוי שאבלאן, פריינט גלאטשטיין...)

„ס׳וועלן נאך רוישן גרינע בלעטער

אויף אונזער ביים דעם פארקווארטן״.

אויב מען ווארט היינט אויף א ווארט איז עס אויך א ווארט־וועג. ווער־טער נאך צום קלאגן זענען דא די שענסטע אין „איכה״. אבער אויך ווער־טער פון האפענונג זענען דא זייער א סך אין אנדערע טיילן פון יידישן ספר־הספרים. לאמיר זאגן, אז עס מוז נישט דער דיכטער אנפאנגען מיטן גלייכן וועג צום באדן ווי עס האט פארענדיקט „עמוס״ זיינע שווערע, זיי־ער שווערע נביאות.

„ונטעתים על אדמתם

ולא ינתשו עוד מעל אדמתם

אשר נתתי להם,

אמר ה׳ אלהיך״

(„און פארפלאנצן וועל איך זיי אויף זייער ערד

און זיי וועלן שוין נישט אויסגעריסן ווערן פון זייער ערד,

וואס איך האב זיי געגעבן,

האט געזאגט, גאט, דיין גאט״).

דער דיכטער מוז זיך אויך נישט איבערטראגן צו דער זעטיקייט־יוזיזע

און ליכט־און־האפענונג־סימפאניע פון עמוס'עס ווערטער:

„הנה ימים באים נאום ה'
ונגש הורש בקוצר,
ודורך ענבים במושך הזרע,
והטיפו ההרים עסים,
וכל הגבעות תתמוגגנה"

(„און טעג וועלן קומען, איך, גאט, שווער,
און דער אקערער וועט אנטרעפן דעם שניטער,
און דער טרויבן־פרעסער דעם קערנער־זייער,
און די בערג וועלן טריפן מיט זאפט,
און אלע בערגלעך וועלן צעגיין פון זיסקייט".)

אבער דער דיכטער מוז, טויזנט מאל מוז ער, אומקערן זיין אויג צום מארגן פון אונזער קיום (וואס מיר בוים און גרינע בלעטער!...) און זאגן, אין געוואלדיקן גלי פון עמוס, זאגן און נאכזאגן, נישט פארמאטערט ווערן צו זאגן עס דער יידישער וועלט, נישט פארמאטערט ווערן צו פלאנצן די ווערטער אין יידישע הערצער:

„ושבתי את שבות עמי ישראל,
ובנו ערים נשמות — וישבו,
ונטעו כרמים — ושתו את יינם,
ועשו גנות — ואכלו את פריהם".

(„און כ'וועל צוריקקערן די צוריקקומענדע פון מיין פאלק ישראל,

און זיי וועלן בויען פארוויסטע שטעט — און זיך באזעצן,
און וויינגערטנער וועלן זיי פלאנצן — און זייער וויין טרינקען;
און גערטנער וועלן זיי האבן — און עסן זייערע פרוכט").

אקעגן דער דיכטערישער נבואה, אקעגן דער גרויסער האפענונג, ווי ארעם און נעבעכדיק קלינגט אין אונזערע אויערן דער ווילן א קלאפ צו טאן מיט דער טיר פון דער וועלט און אריינציען זיך אין דער נייער היטלער־דירה פון געטא!...

און דער ווייטיק איז נאך גרעסער, ווייל מיר לעבן מער נישט אין א וועלט פון היילע יידישע אומקומען. א גרויסע יידישע וועלט איז אנטשטאנען, ווידער־אנטשטאנען, אויף די ברעגן פון ירדן, נחל קישון, ירקון, און אפילו שוין נישט ווייט פון נחל קדרון, אין דער וויסטעניש פון ים־המלח — און אט דאס אלץ האט טאקע דער דיכטער נישט געזען, נישט דערזען, אין זיין יאוש?!... איז דאס נישט קיין טרייסט פאר איבן? און מער נאך — איז דאס נישט קיין אבן־הפנה פאר דער יידישער אמונה אין דער צוקונפט אזוי יענע פארבליבענע און פארפייניקטע וועלן קענען ארויסגיין צו דער ליכטיקער וועלט, צו אן אייגענער יידישער וועלט, א וועלט אן מויערן ארום, א וועלט אן „דריבנע שטערן" נאר ליכטיקע זוהר־שטערן און פלאנעטן, א וועלט נישט מיט „קרומע גאסן" נאר מיט ברייטע פארגארטנטע און באשאטנטע אלייען. נישט קיין „הויקערדיקע לאמטערנעס" נאר הויכע, שלאנקע עלעקטרע־מאסטן אויף די ברייטע אלייען פון די יידישע שטעט אין זייער אייגענער ווידער־אויפגעבויטער ליכטיקער יידישער היימלאנד!

עס איז טרויעריק, וואס עס וויינט אין דיכטער די „פרייד פון קומען" צום יידישן לעבן. איז ער דען אמאל אוועק־געווען? איז ער דען אמאל פונדערווייטנס געשטאנען פון יידישן לעבן? האט ער עס דען אמאל... פארראטן?

נאר מסתמא פרייט עס דאך דעם דיכטער וואס ער שימלט זיך אריין צוריק אין דער בידנער פאנטאזיע־ווירקלעכקייט פון „געטא־ד׳־אמות" — און טאקע דאס איז שווער, זייער שווער, מוחל צו זיין גראד אזא יא־ערדיקן דיכטער ווי יעקב גלאטשטיין. — ניין, און נאכאמאל ניין! „לא זו הדרך!"

אין די אָרעמס פון אימה׳דיקן פאַרגעפּיל...

ווער פון אונז האָט אין 1938 און אין אָנפאַנג 1939 געהאַט דעם מינ־דעסטן פאַרגעפּיל פון גרויסן אומגליקן־געוויטער וואָס האָט זיך אימה׳דיק אָנגערוקט אויף אונזער קאָפּ? ווער פון אונז האָט אפילו אין 1940 זיך פאָר־געשטעלט, אַז די שרעקלעכע דראַאונגען פון די ברוינע חיות וועט דורך זיי פאַרווירקלעכט ווערן באש ובחרב, בהרג ובהנק? זייערע ווערטער זענען ווייט נישט געווען פאַרשטעלט און אויך זייערע מעשים זענען געווען מורא־דיק קלאָרע. די יאָרן 1933 ביז מיטן 1941 זענען געווען ווי א גרויסע איינ־ראַמונג פאַר דאָס שרעקלעכע בילד, וואָס האָט באַלד דערנאָך געדאַרפט אויסגעגאָסן ווערן מיט בלוט און אומקום־פאַרבן פאַר אונזערע אויגן יענע יאָרן, טראָץ קאַרגע צוויי יאָר קריג, זענען נאָך ווייט נישט געווען דער אָנ־זאָג פון דער גרויסער בלוט־באָד וואָס אַלע פעלקער פון איירָאָפּע און אויסער איר, זענען דערנאָך אין איר אַריינגעוואָרפן געוואָרן. אין טאָג ווען די חיה אין מענטש איז נאָכנישט פאַרשכורט פון מאָרד, בלייבט נאָך שטענדיק איבער אין די הערצער פון די היהשע פירער די מורא פאַרן מענטש. אָבער ווען די מלחמה אין מזרח איז איבערגעשטיגן יעדע גרענעצן פון מענטשלעכ־קייט, און די פעלקער־שחיטה האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין א בײ־ליאַנען־אומקום, האָט די חיה אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מענטשן־מאַסקע, וועלכע זי האָט בלאָז־הכי זייער שלימזלדיק געטראָגן אויפן געזיכט. און דאָן האָט דער נאַציזם געקענט מאכן דעם מוראדיקן שפרונג פון דער טעאָריע צו דער שרעקלעכסטער פראַקטיק וואָס די מענטשהייט און דאָס יידישע פאָלק האָבן ווען עס איז געהאַט צו פאַרצייכענען אין דער געשיכטע.

דער דיכטער האָט אָבער א וויברירנדע נשמה, וועלכע פילט אָפּ דאָס גוטס און דאָס שלעכטס מיטן יענעם זעקסטן חוש, מיט וועלכן נאָר די ווי־

זיע־מענער זענען געבענטשט געווארן. צי אין דעם פאל איז די וויזיאָנערן־קראפט געווען לברכה, איז א גרויסער ספק, אבער דער פאקט באשטייט — דער דיכטער האט געהאט דעם געוואלדיקן פארגעפיל פון אומגליק וואס רוקט זיך אן אויפן פאלק. די לידער „לתרצ״ט", „וועגענער", „די נאכט האט זיך צעבליט", „האסט הרוב געמאכט" „אונזער פרייד", „עס איז אונז באפאלן א הונגער" — זענען דער קלארסטער אנדייט דערויף.

מען דארף א נעם טאָן מיט א פולן אטעם די אלע לידער, און זיי ליי־ענען איינער נאכן צווייטן, און איינעם נעבן צווייטן, כדי עס זאל ארויס־שטארצן מיט דערשראקענע־אויפגעפראלטע אויגן דער טיף־שפירנדער פאר־געפיל אנטקעגן דעם גורל־באפעל וואס רוקט זיך אן קאלט און אומברחמנות־דיק. מיר בלייבן טיילמאל פארוואונדערט פארן אפענעם קוק פון דיכטער אנט־קעגן דעם יידישן היינט. גראד איצט, א טאג נאכן נצחון, און דריי־פיר יאר נאך אונזער ערגסטער און שוידערלעכסטער מפלה, דוכטן אונז זיך אוים די זאכן און ווערטער אזוי פארשטענדלעכע. אבער אין 1938 און אין 1939 זענען די געשעענישן ווייט נישט געווען קלארע און דורכזיכטיקע. קען זיין, אז דאס געפיל, אז

„כ׳ווערט אונז ארעמער דאס לעבן און קלענער די וועלט"

איז געווען פאר א סך פון אונז שוין דאן אנטאפבאר, אבער דאס געפיל אז.

„אונז איז אויך ביימאג די זון פארשטעלט"

„.....(ס׳)האט געטראפן ווי א דונער יעקבס געצעלט"

„זיי האבן אונזער גאנצן גלות אונטערגעצונדן פון אלע זייטן"

אט די געפילן און דער באוווסטזיין זענען ווייט נישט געווען קיין חלק ונחלה אפילו פון אונזערע בעסטע זין.

דעם באוווסטזיין אז.

„וועג־גייער ציען פארביי און שמוצערן אפילו נישט מיט די ליפן"

האבן מיר אלע געהאט. נישט שטענדיק איז עס געווען צוליב אייגענע צרות פון די אנדערע. הען די וועלט איז געזעסן זאטערהייט צעלייגט אויף די אייגענע טעפ פלייש און זעק מעל, איז אונזער גורל אויך נישט געווען בעד מער. דאכט זיך, אומקוקן זיך אויף אונז פאדערט נישט קיין שווערע אנ־שטרענגונג, און זאגן א גוט ווארט, און אפילו אויסמאטערן א פראטעסט פאדערט נישט קיין בודזשעטן און ארמייען. און דאך — אויך דאס האט מען געקארגט. עס ווילט זיך נישט אייניקן מיטן דיכטערס בעפיל. אז

„צו וועמען זאלן מיר אויפהייבן די אויגן,

ס'איז די וועלט איצט רשע אדער קרבן".

נישט אלע זענען געווען רשעים און זייער פיל פעלקער זענען נישט געווען קיין קרבנות גראד עפעס שרעקלעכערעס איז געשען. די זעלבע זענען אפילו קרבנות געווען, זענען אויך פארבליבן רשעים. אפילו אויפן לעצטן שמאפל פון מענטשלעכקייט איז זיי שווער געווען זיך צו דערהאלטן.

„אינזער דלות האט א גילדענע ראם,

פארגינען זיי אונז נישט דאס לעבן.

מיר וואלטן שוין אונזערע ראטשילדס אוועקגעגעבן,

אבער אפילו אונזער יידענע מיט באב

איז זיי גרוים אין די אויגן".

אין דער אמתן, איז די ווירקלעכקייט נאך שוידערלעכער געווען. נישט נאר די „יידינע מיטן באב" איז זיי געווען אומדערטרעגלעך, נאר דאס אמע־מען אליין האב זיי נישט געקענט מוחל זיין דעם יידן. פאר א טאפ לינדזן האט מען די יידישע באהאלטענע פון די היטלער־רוצחים, צו די הענט פון די מערדער איבערגעגעבן. און אמאל האט מען עס געטאן פאר עפעס וויי־ניקער ווי א לינדזן־זופ. דער סאדיזם איז אזוי שטארק געווען אין זיין מער־

דערלעכן רייץ, אז נאר דערפאר האט מען צום טויט דעם יידן געטריבן. איז ווי וועט מען אמאל קענען שענקען און פארגעבן א פאלק, וואס אליין איז עס קרבן געווען, דידאזיקע הימל־שרייענדע רציחות?!...

עס נעמט ארום א שוידער ווען מען לייענט שוין אין 1938 ביי גלאט־שטיינען, די אימה׳דיקע שורות:

„קלאגן מיר דעם קלאג פון הונגער־טויט".

מיר זענען געווונט געווען צו קלאגן דעם דלות־ליד, דעם הונגער־ליד, אבער קיינמאל, קיינמאל נישט דעם הונגער־טויט. מיר האבן געוואוסט וועגן קדמוניותדיקע טעג פון „הונגער־טויט" אויף די גאסן פון ירושלים, אויף די מויערן פון ביתר, אבער דאס זענען געווען אלטע געשיכטעס וואס זענען קיינמאל אונז נישט ארויפגעשווימען פאר די אויגן מיט זייער פולער דערדריקנדער און שוידערלעכער רעאליטעט. אפילו אין 1938 איז געווען אוממעגלעך זיך פארצושטעלן, אז באלד קומען וועט א צייט, ווען מיר וועלן אלע קלאגן דעם קלאג פון הונגער־טויט אין שטעט, שטעטלעך, קהלות און לענדער איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון דער פארבלוטיקטער און פארפייניקטער אייראפע.

דאכט זיך, אז דער דיכטער פארנעמט דערווייל דאס געשעענע. די וויגענער וועלכע קומען אן פון דער ווייט טרויעריקע, זענען נאר דער וואנדערן צייכן, דער אלטער וואנדער־אומגליק פון ישראל. בויגט זיך טאקע מיט טיפן צער אונזער קאפ. און ליפן זאגן טרויעריק: צוריקגעקומען די שווערע צייטן. ווידעראמאל דארף מען נעמען דעם וואנדער־שטעקן.

„עטלעכע קראנקע יידן קריכן פון די וועגענער אראפ
און ס׳פלאנטערט זיך א קלוג ווארט
אין יעדן פארטראכטן קאפ".

אט דאכט זיך אז מיר האבן פאר אונז דאס אלטע בילד, צו וועלכעס מיר זענען געווינט געווען נאך פון גזרות ת״ח ות״ט, פון די אכציקער יארן;

פון פאריקן יארהונדערט און פון די פאגראמען אין דער צייט פון לעצטן בירגער־קריג אין רוסלאנד. אין אונזער פאנטאזיע וועקן זיך אויף די בילדער וואס מיר האבן געזען אין אונזערע תלמידים־יארן אין די שילעה פון די פוילנס און די ליטעס אויבנאויף די דערציילונגען וועגן יידישע אומגליקן. אט איז א מאמע מיט איר קינד אויפן ארעם. טאקע דערשלאגן, פארדאגט, פאריאושט — אבער דאס קינד לעבט. דער טאטע זיצט דערנעבן. אט זענען נאך צוויי קינדער. מענער שטארצן פונדערוויטנס. האב־און־גוטס אויף די וועגענער. טרויעריק, זייער טרויעריק — אבער דאך איז א לעבן פאר אונז. טאקע אומגליקן, שאדנס — אבער דאס לעבן איז פארבליבן מיטן טיפסטן באגער ווידער זיך צו באנייען. ס'איז געווען א לעבן, וואס אויב נישט זיי, האבן מיר נאך געקענט עס וועקן, העלפן און מאנען, אז ס'זאל ווידער נעמען קוקן דער וועלט אין די אויגן אריין.

אין ס'דאכט זיך אונז, אז די וועגענער קענען נאך אפילו ערגעץ פארפארן. אט די שוידערלעכע ווערטער זאגן עס אונז כמעט ווי צו, אז נאר עפעס אין מויל אריין, און די פערד־און־וועגענער וועלן ווידעראמאל ארויס אויף די שליאכן:

„גאט, אויף דיין וואגשאל פון גוטס און פון שלעכטס
שטעל אוועק איצט א טעלער ווארעם געקעכץ,
אדער גיב באטיש א ווארף
א ביסל האבער פאר די מאגערע פערד".

זאל נאר זיין א ביסל געקעכץ, וועט מען שוין ווי עס איז דערהאלטן די נשמה. זאל נאר זיין א ביסל האבער, וועלן די מאגערע פערד ווייטער שלעפן דעם הינקענדיקן יידישן וואגן. די וועגן האבן נאך אלץ גרינע פעלדער ביי זייערע טאליעס, און זיי פירן אין ווייטע־נאנטע לענדער, אווו די הימלען וועלן נאך אלץ פינקלען מיט שטערנס און האפענונגען. דאכט זיך — אלץ ווי אין יענע בילדער, אלץ ווי אין יענע צייטן??...

אבער באלד קומט אן דער מוראדיקער אנזאג. דער דיכטער פילט אז

ישעיהו אוסטרי־דאַן

דער ראָד פון גורל האָט דאָס מאָל זיך אויסגעקערעוועט און דראָט אַרויפ־צוגיין אויפן ברוסט־קאַסטן פון פאַרפייניקטן פאָלק. און די דראָאונג איז א באַלדיקע, א ממשותדיקע, אַן אַנטאַפּבאַרע.

„א גרויזאַמע שטילקייט באַפאַלט די יידישע בערד
און איינער אין אַנדערנס אויגן דערזעט
ווי ס׳שוידערט אויף מיט שרעק א געבעט —
אַז ס׳וועט קומען דער טויט
זאָל איך נאָר נישט בלייבן דער לעבעדיקער איינער
פאַרזע מיך נישט מיט מיינע דינע ביינער".

די וואַנדערער גייען שוין נישט דאָס לעבן אַנטקעגן. דער טויט האָט שוין אויסגעשפּרייט זיין אַטעמלאָזן נעפּלען־שאַל אויף די לעבעדיקע. כלל ישראל האָט זיך שוין געגרייט אין גיהנומדיקן קעניגרייך פון דער גרייטער פּראַגנלאָזער אומענדלעכקייט. דער יחיד איז טויט־דערשראָקן פאַר דער מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן. דער שרעקלעכסטער יאוש שטשירעט אַרויס זיינע מויזן־ציינער פון יעדן לאָך און יעדעס ווינקעלע. אַלץ הייבט זיך אָן באַר־דרייען אין שרעקלעכן טויט־געווירבל. איר ווייסט שוין נישט ווו איז דער אָנפאַנג און ווו איז דער סוף. אַז כלל און יחיד בעטן אויף טויט — ווו איז דער זין פון לעבן און ווו איז דער זין פון ווייטערדיקן קיום פאַרן פאָלק?...

דאָס בילד איז צו שוידערלעך -- אָבער אַזוי דערשטוינענד מיטן גרויזאַמען פאַרגעפיל פון דאָס וואָס ס׳האָט אויף אונז געוואַרט. מיר זענען אַלע בלינד געווען. מיר האָבן נישט געגלויבט די ווערטער פון די מערדער. מיר, דאָס פאָלק פון ספר, גלויבט נישט אין וואָרט. דער ספר איז גערעכנט אָבער דאָס וואָרט איז פאַרבייגייענד. דער ספר איז די אייביקייט. אָבער דאָס וואָרט א צייטווייליקייט. דער ספר איז טיפער אמת און א וואָרט בליט אויף אין פאַרגייט באַלד ווי דער קקיון־דיונה.

אָבער דאָס שרעקלעכסטע איז געשען. דאָס וואָרט איז געוואָרן טאַט.

אזוי שוידערלער האט די יצירה איבערגעגעבן איינע פון אירע ווארצלדיקסטע און יסודותדיקסטע אטריבוטן דעם אומקום־און־אומגליקן־קעניגרייך. און מיר זענען אריינגעוזונקען מיט אונזער פולן „איך", מיט יעדן גליד און יעדן אטעם, אין דעם טויער פון וועלכן קיינער איז נאכנישט צוריקגעקומען.

און מיר האבן נישט געוואוסט, טראגיש נישט געוואוסט, אז מיר גייען צו יענעם אימהדיקן טויער.

* * *

ווען ס'געפיל צעבליט זיך אין דער נשמה פון דיכטער ווערן פארקניפט און פארקייטלט געשעענישן און ווירקלעכקייטן וואס האבן ערשט דערנאך אראפגענומען דעם רויך־שאל פון אונזערע אויגן און זיך באוויזן אין דער פייניקנדער אטמאספער פון כלו כל הקצין. מיט איינמאל דערזעען מיר, אז די אלע ווידערשטאנדן צו וועלכע מיר זענען געווינט געווען, זענען נישט הל געווען אויף דער נייער אימה'דיקער ווירקלעכקייט אין וועלכער יידן זענען אריינגעשליידערט געווארן. אלע נארמעס פון קאמף, פארמעסט, אויס־דויער און צארן זענען בלייך געווארן אנטקעגן די נייע אומקום־מעטאדן פון שרעקלעכסטן שונא פון יידישן פאלק. און אזוי ווי מיר האבן נישט געוואוסט און נית געאנט וועגן דער גרויס פון אומגליק וואס נעמט זיך אויף אונז אנ־רוקן, אזוי האבן מיר אויך נישט געטראכט וועגן די פארמען פון שוץ און ווערן־זיך, וועלכע מיר וועלן דארפן באנוצן.

עס זאגט זיך אזוי, „טראכטן וועגן פארמען פון שוץ און ווערן־זיך", ווי עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן אן אונטערנעמונג וואס מיר באטראכטן איר באצייטנס אונטער אלע אירע אספעקטן. דער אומגליק איז אבער אויף אונז געקומען אזוי פלוצים, אזוי אומדערווארט מיט זיינע מיליאנען־קדושים, אז מיר זענען צעטומלט געווארן ביזן מארך פון אונזערע ביינער. ווער האט געקענט דענקען וועגן יידישן ווידערשטאנד, וועגן יידישן בונט אנטקעגן דעם שרעקלעכן פארטיליקער?

און דאך איז דאס וואונדערלעכסטע געשען. דער דיכטער האט אפגע־פילט מיט זיין געוואלדיקער אינטואיציע אז עס איז דא א וואפן וואס די יידן וועלן באנוצן אקעגן זייער שונא. א שרעקלעכע וואפן פאר דעם הא־

זיגטן, א נישטיקע וואָפן אקעגן דעם באַזיגער. אָבער דאָך א וואָפן: דאָס אריינשווייגן דעם פייניקער אין די אייגן!...

„א צעיוכעטער זיגער
שטייסטו אינמיטן מארק.

— — — — — — — — — — — — — —

וואַרטסט און וואַרטסט און האָפסט
אויף מיינס אן איינציק וואָרט.
אָבער איך לאָך דיר אין פּנים
מיט א טויט געמיט.

— — — — — — — — — — — — — —

איך פייניק דיך מיט שווייגן.״

עס גייט נישט דאָ אין דער פולער „רעאַליטעט״ פון דער שילדערונג. ס׳איז אין אמתן גאָר קיין שילדערונג. ס׳איז אן אנטפּלעקונג פון א געוואַלדיקן פאַרגעפּיל פאר א מאָרגנדיקן יידן וואָס וועט שטיין איבן שוועל פון אומקום, און דאָך נישט פאַרברעכן די הענט, נאָר „עפּעס״ טאָן. געווים איז דער „עפּעס״ ווייניק אין די אויגן פון יעדן מענטש, אָבער ווען דאָס שווייגן איז געוואָרן דאָס איינציקע וואָס איז נאָך פאַרבליבן פריי דערמיט זיך צו באַנוצן, איז עס אויך א טאַט, איז עס אויך א ווידערשטאַנד, איז עס אויך א סימן פאר א פאָלק וואָס וויל נאָך לעבן, וואָס טראָגט די שווידערלעכסטע באַדינגונגען רעאַגירט ער נאָך מיט א טאַט וואָס זאָגט צום פייניקער: — נאָכגישט אַלץ אין מיר האָסטו געטויט! נאָכנישט אַלץ אין מיר טויטסטו, ווען דו שיקסט מיר די לעצטע קויל!

געווים זענען דאָס נישט שורות וואָס שרייבן זיך אַן אזוי לייכט. ס׳איז נישט קיין גליק צו זיצן ביים ליכטיקן שרייב־טיש און רעדן אזוי לייכט וועגן

געפילן־רעאקציעס פון אומגעקומענע אין אזעלכע מערדערלעכע באדינגונגען. אבער ווען מיר ווילן ווייטער טראגן דעם יאך פון לעבן מיט א קאפעטשקע שמחה און גלויבן אין מארגן פון יחד און כלל, מוזן מיר דאך, א ביסל קאלט טאקע, זיך אפגעבן א דין־וחשבון וועגן יענע לעבנס, יענע טויטן. יענע רע־אקציעס — ווייל אויב מיר וועלן אננעמען אז קיין געפילן זענען נישט גע־ווען, אז קיין רעאקציעס זענען נישט געווען, אז קיין ווידערשטאנד איז נישט געקומען צום טאג־טעגלעכן אויסדרוק — אזוי ביים פרט ווי ביים כלל פון פאלק, טא ווי וועלן מיר אהינטאן די קללה פון „אכן חציר העם"?!

אבער ווען א ייד האט געטראכט ביי זיך אזוי מערוויניקער:

„ס'שטיקט דיר דער רויך
פון מיין פארברענטער וועלט.
וויינסט, דו טרויעריקער מערדער,
רעוועסט אויף א קול.
זוכסט ביי דיין קרבן
א שותף צו דיין עול"

ווען א ייד האט אזוי געפילט אין דער צייט ווען דער שונא איז געשטאנען אנטקעגן אים מיטן לעצטן אנזאג אויף טויט, ווען נאר איין ייד פון טויזנט, איין ייד פון צען טויזנט האט אזוי געפילט — איז שוין גרינגער אויף דער נשמה פון די לעבן פארבליבענע.

„...איך בין שוין געגעזן
פון דיין לעצטן קלאפ.
איך בין שוין אפגעוועזן
און דו ביסט אלץ נאך דא.

אין מיינע פארגליווטע אויגן

איז פארשפיגלט דיין לעצטע שעה.

— — — — — — — — —

איך פייניק דיך מיט שטילקייט".

אָבער דערדאַזיקער טיפער צדק־רעוואָלט וואָס בליט אויף אין הארצן פון קרבן איז נישט קיין טרייסט וואָס העלפט אָפשליסן א קאפיטל און ווי־דער גיין אויף זאטע גרודעם און אונטער בלויע הימלען. ווייל מיט וואסערע ליטערע ווערטער עס זאָל נישט דערציילט ווערן וועגן א קאמף און וועגן א רעוואָלט — פארבלייבט דאָך דער ביטערער אמת. דער שרעקלעכער רע־זולטאט: גרויסער, אימה'דיקער אומבאשרייבלעכער אומקום פון מיליאָנען!

„אויף דעם העכסטן מויער

גיי ארויף און פארשעלט

א לאַכנדיק פנים

א רואיק געצעלט.

— — — — — — — — —

אין פריידיקן כאָר,

הערסטו די גסיסה

פון א לעצטן דור".

אט דער פאַרגעפיל, אז מיר שטייען פארן לעצטן דור וואָס ווערט גע־פירט אויפן טמא'דיקסטן מזבח וואָס די מענטשהייט האָט ווען עס איז גע־קענט, איז די שרעקלעכסטע אנטפלעקונג וואָס מיר מאכן היינט־צו־טאָג. און אזוי וועט מען אמאָל דערציילן: געווען איז א מאַן. און ער האָט גע־וויסט דעם שרעקלעכן אמת. האָט ער דעם אמת דערציילט. אָבער די אויער'ן זענען געווען צו שווער פון פעטס און די אויגן זענען געווען פארגאָסן פון

שמאליע. האט דער מענטש גערעדט און זיין שטים איז געווען ווי א קול אין מדבר. און געקומען איז א צייט ווען אלע האבן פלוציים דערזען, אז געווען איז איינער, וואס האט געוווסט, שוידערלעך געוווסט, דעם אמת. און ווען אלע האבן זיך פלוצים אויפגעוועקט — איז שוין געווען צו שפעט.

* * *

דער דיכטער שטייט מיט אפענע און פארטרויערטע אויגן אנטקעגן דער אנרוקנדער־זיך נאכט. א צאנקנדיקע אומעטיקייט גליווערט אין די אדערן. עס שטייט א מענטש אויפן ברעג, און הילפלאז קוקט ער צו פונ־דערווייטנס צום אונטערגאנג פון א וועלט. און די וועלט איז געווען די טייערסטע וואס דער כאן האט פארמאגט, דאס איז געווען די וועלט פון די אמאל'ן, די אטמאספער מיט וועלכע מען האט דאס גליק אין זיך ארייננגע־אטעמט. די ארעמס הענגען מיט אנמאכט און דער פנים איז שטיל־אפן אנטקעגן דעם אומגליק.

„האסט חרוב געמאכט די ניסים'דיקע וועלט,

די קינדערשע, די געזאנגיקע

ס'וויקלט זיך א פינצטערניש א שלאנגיקע,

מיטן פארגיין בלוטיקן אלע שויבן".

ווען ס'אויג איז געפאלן אויף דאס לעבן ארום, האט עס געזען ווי אז אנדער וועלט שטייט אין איר בליאונג, און אין די שויבן האט זיך צערויטלט א זונען־אונטערגאנג־שיין. די אויגן קוקן טעמפ־צעפראלט אויף דאס ווינ־דער פון פראכט, און דאס רויטלדיקע צעפלאקערט זיך, אין דער פלאקער ווערט אין בלוט צעגאסן. עס קומט ווי פון זיך אליין. אויף יענעם האריזאנט, וואס צעבאלעוועטע וואלקנדלעך האלדזן אים און באקליידן אים מיט־שענסטן פורפור וואס אקסלען פון א געקרוינטער קאפ האבן ווען עס איז אויף זיך געטראגן, אויף דעם זעלבן האריזאנט שווארצט זיך א מוראדיקע און שווערע סילועטע פון א טייער לעבן, א ווייט־נאנט לעבן, וואס זינקט

צום אַפּגרונט. פאַרוואָס זאָלן די שויבן אונטער אים זיך רויזן מיט זונען־צערטלעכקייט? פאַר אים איז נאָר איין בילד פאַרבליבן, דאָס בילד וואָס דערציילט אַז,

„מיט פאַרגיין בלוטיקן אַלע שויבן".

דער פאַרגעפיל, דער אימהדיקער פאַרגעפיל, איז געווען אַנוועזנד לאַנגע טעג און נעכט. די נשמה האָט געדורשט נאָך א העכערן באַפעל וואָס זאָל אָפּשטעלן דעם מוראדיקן גאַנג צום אַפּגרונט. דער געבעט איז אַוועק צו חזיונות פון קדמוניות'דיקע וואונדער — און דאָס נסימ'דיקע וואָרט איז נישט געקומען.

„כ'האָב שוין געטנה'ט צום שטיין מיט גלויבן,
געהאַקט דעם שטיין מיט אומטרוי פון א שמייכל,
און אַלץ קיין טראָפּן וואַסער נישט צו קריגן".

די אַמאָליקע האַנט האָט פאַר די גרויסע מדבר־מאַכן געהאַקט אין שטיין מיט צאָרן — די הייַנטיקע האַנט האַקט „מיט אומטרוי פון א שמייכל". איז דען טאַקע אין דער צאָרנדיקער אמונה געלעגן דער סוד פון דערגרייכונג? איז דען דורך דאָס איינ'טענה'ען מיטן שטיין אומעגלעך גע־ווען עפּעס צו דערגרייכן? און איז עס דען טאַקע דער אכזריותדיקער באַ־פעל פון שר־האומה, אַז ווען ישראל שטייט אויפן ברעג פון תהומות, זאָל עס גאָר דער שטיין אויפנעמען די תפילה פאַר רעטונג און ער זאָל גאָר זיין דער טרעגער פון ישועה'דיקן טאָג? נאָר ווער האָט עכ די וואַגשאָל אויף צו וויגן די מעשים פון אונזער שר־האומה? מיר אָטעמען נאָר מיטן נאַ־קעטן פאַקט: ישראל שטייט אין מדבר און האָפט אַז דער שטיין זאָל געבן דאָס קאַפּעטשקע וואַסער. און אַמאָל איז געווען די וועלט פּשוטער. א שטיין איז געווען א שטיין און א מענטש איז געווען א מענטש. ביים שטיין האָט נאָך געקענט אַמאָל זיך דערבעטן א טראָפּן וואַסער, טראָצדעם וואָס דאָס איז לפנים משורת הדין. אָבער זייט דאַן זענען אַוועק טויזנטער יאָרן און דער

שטיין איז ציוויליזירט געוואָרן, פאַרמענטשט געוואָרן — שטומט ער אייך היינט, ווען די לעצטע תפילה דערגייט צו זיין אינגעווייד. דו בעטסט מיטן לעצטן אמונה־אָטעם.

„און אַלץ קיין טראָפּן וואַסער נישט צו קריגן".

איז זיך דען צו וווּנדערן אַז דער דיכטער גייט אַריין אין זיין געראַ־טעוועטער וועלט מיט גאַל אין דער נשמה? דער זון־אונטערגאַנג בלוטיקט, די נִיסים׳דיקע וועלט איז שוין נישטאָ. קיין וווּנדער איז געשעען אין דער לעצטער מינוט — אַלץ איז פאַרלוירן, — טאָ פאַרוואָס זאָל ער גלייבן אין עפּעס וואָס איז נאָך פאַרבליבן פאַר אים, פאַרן ייִד, אויף די ברייטע שליאַכן פון אַנקומענדן מאָרגן? אַלץ איז פאַרטונקלט, אַלץ איז פאַרחושכט אין אַ משונה׳דיקע נאַכטיקייט. נישטאָ קיין הימל, נישטאָ קיין גלויבן, נישטאָ קיין ליבע מער.

„די מיידלעך גיפטיקן מיט די אַפּצאַכן".

דער שמחהדיקער אויפּצימטער בעת עס שוועבט דורך אויפן טראָטואַר דאָס דורכגייענדע מיידל, איז פאַרשווּנדן פון דיכטערס האַרץ. דאָס איז דער שווערסטער אַנזאָג אויף לעבנס־שקיעה. דער טיפסטער גלוסט און באַ־גער פון מענטש איז אַפּגעטייט און דעריבער זענען אַלע מאָרגנס פאַרריגלט אונטער זיבן פאַרזשאַווערטע שלעסער.

„טרויעריקע נאַכט, ס׳האָט דיך אַ פייל אין מיטע האַרץ געטראָפן.

ביסט טויט און קאַלט און פאַרשטיינערט.

— — — — — — — — —

„ס׳האָט זיך שעה אין שעה פאַרציינערט".

קרעכצט יעדע מינוט און יעדע שעה אין דעם שווערן געראַנגל פון די

פארצייכנטע גורל־רעדער מיט די טראָפּנס באַוועג וואָס נאָך פאַרבליבן זע־נען אָנצוהאַלטן דאָס ביסל לעבן. אַן אומקום־קעלט האָט זיך צעבלאָזן איי־בערן יקום. דער האָריזאָנט איז פאַרנעפּלט, נישט־דאָאיק. די „ניסימדיקע וועלט" איז אונטערגעגאַנגען אויף אייביק. קיינמאָל־מער וועט איר בילד שוין נישט אויפטייכן אין אונזער פאַריאָמערטן זכרון.

דער דיכטער שטייט אין דער נאַכט, און זיין פאַרגעפּיל צעשטערט יעדן טראָפּן פון אמונה אין הארצן. ער ווייס אַז קיין ישועה וועט שוין נישט קומען. דער גורל האָלט די ישועה אין קיימען. שוין איז מערן מיידנם ניינ־הונדערט נייןאון־דרייסיק, האָט דער דיכטער טראַגיש געוווּסט אַז הרוג גייט ווערן „די ניסימדיקע וועלט".

ווען דער פאַרגעפּיל פון דאָס אימה׳דיקע־בייזע האָט זיך אריינגעגעסן אינם מארך פון די ביינער, בלייבט די נשמה אָפּטמאָל אייבגעהילט פון איר אינערלעכע שלמות, און זי וואַרפט זיך אריין אין א זוכעניש וואָס צעטראָגט און צעשטויבט זייער פיל ציגל אין דער געביידע פון אייגענעם „איך". עס טרעפט אמאָל, אַז די נשמה דורשט נאָך אַן אויסערגעוויינלעכן אַקאָרד וואָס זאָל צערייסן די וואַטעדיקע פאַרוואָלקנטקייט וואָס רוקט זיך אָן אומאויס־ערלעך אויף אייער שטיקל הימל און „קליין ביסעלע היינט". זי וויל אויס־שאַלן אַנטקעגן דער וועלט, אַז דער בעכער וואָס מען האָט צוגעטראָגן דעם יידן צו טרינקען איז די אַלטע „כוס התרעלה", און דער יידישער קערפּער איז שוין מער נישט ביכולת אויסצוטראָגן דאָס גרויסע ביטערניש פון אַזאַ לעבן.

און אַז מען ווייס אַז די וועלט הערט דיך ווי דעם קאָטער, און ה׳, ווי אויף צו להכעיס האָט נישט ווי צו שרייען נאָר מאיהע צו דער זעלביקער וועלט, ווייל זי איז די איינציקע, די איינציק־עקזיסטירנדע און אייביק־זייענדע — ווערסטו צעריסן פון אינערלעכער אומבאַהאָלפנקייט כדי אַרויסצורייכן דיין געשריי איבער דער טעמפּער און עכאָ־לאָזער אַטמאָספער אַרום דיר, — און דאַן טוסטו אָפּטמאָל כלל נישט דאָס וואָס מען וואָלט געדאַרפט טאָן.

איז עס דען א פרייד פאַר אונז אָט „די פרייד פון זיין געטרעכט"? פאַר וועמען וויל דאָ גלאַטשטיין אַרויסברייגען אונזער „געטרעכט־זיין"? און וואָס פאַר א געטרעכט־זיין איז עס דען בכלל? — איר ווייסט אליין נישט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן כדי אָנהאַלטן דעם הוילן געווירבל פון „געטרעכט־זיין". אין וועמענס ביינער זינגט עס די פרייד, און די פון די פינה מיליאָן קדו־

שים? אדער וויל עס אונז דער דיכטער איינרעדן, אז אין אונזערע ביינער, די נאך באמארכטע און נאך באַדערטע, זינגט עס די פרייד פון זיין גערעכט? אָבער פאר וועמען זענען מיר עס גערעכט? פאר דער הוילער גערעכטיקייט? פאר דער אייביקייט? פארן עצם וועזן פון „זיין"?

מיר גייען אריין אין די הויכע ספערן נישט פאר וואנדער־וועגן. עס איז אזוי צעטראָגנד דער עצם געדאנק פון זיך פרייען מיט אלע ביינער, אז מיר זענען גערעכט, אז איר ווייסט אליין נישט ווו וועגדן אייערע אָרעמס כדי זיך אָנהאלטן אין עפּעס א געדאנק, א ספערע, כדי נישט אראפּקייקלען זיך אין אן אומפאַרויסגעזעענעם אָפּגרונט.

און דאָס ליד איז אויך אריינגעפאלן אין א רעטאָרישקייט, וואָס פאריאָגט פון די שורות דעם טיפן אָטעם פון נביאישן זאָג. דאָס וואָרט ווערט פארבלאסט, פארגליווערט אין א קאלטקייט פון זונענלאָזע געפילן — ווייל דאָס געדולד האָט געפּלאצט אין דער נשמה פון דיכטער אנטקעגן דעם אַנרוקנדן זיך אומגליק. ער האָט געוואלט רעוואלטירן, געוואלדיק רעוואָלטירן — און ער האָט זיך אליין געפענטעט די הענט ווען ער האָט זייער געוואָנט, אָבער אומנויטיק, באשלאָסן, זיך דראפּען אויף דער גליטשיקער וואנט פון מענטשלעכער גלייכגילטיקייט.

„נישט קיין טרערן און נישט געוויין.

מיר מאָנען, מיר די שוואכע,

אנטקעגן ביקס און שווערד.

מיר שטורעמען מיט פרייד,

מיר פארלאנגען זיכערע ערד.

איר האָט אונז געגעבן דעם שטארקסטן וואָפן,

מיר וועלן שטערן אייער שלאָפן,

מיר וועלן פארוויסטן אייערע הריט,

פארפינצטערן אייער וועלט.

מיט דעם כוח פון אומגליק,

מיט דעם פארגרויזאמטן ווונדער פון אונזער לעבן,

איר וועט געבן. איר וועט מוזן געבן!".

מיר האבן זיך דא אפגעשטעלט נישט בכיוון. מיר האבן געקענט ווייטער ציטירן, און עס וואלט געווען אינגאנצן דאסזעלבע: — קיין איין ציטער אין ווארט, קיין איין וווּנדער אין דער שורה, קיין איין נשמה־יתרה'דיקן דערהויב אין געשריי נאך פארמענטשן צוריק די וועלט ארום אונז.

דא זענען מיר אין יאדער פון פראבלעם. עס גייט דאך נישט איז אויפגעשריי וואס זאל אויסגיסן די סמ'יקע ביטערניש פון אונזער הארץ כדי מיר זאלן קענען דערנאך א ביסל פרייער אפאטעמען. מיר זוכן דאך נישט קיין הוילע בערג־שפיצן פאר אונזערע ליידן, אוו מיר זאלן זיי קענען אוועקשטעלן אין א לאזור־גלאנץ פאר דער וועלט. קיינער זוכט נישט אונזערע ליידן און קיינער דארף זיי נישט אנקוקן. די וועלט איז דאך מיד פון אונז. מיר שטערן דאך זייער רו נישט נאר אין פרידן, נאר אויך אין מלחמה. ווען נישט מיר, וואלטן זיי דאך נישט געהאט צו טאן מיט אזוי פיל אומגליקן און פיין, צו וועלכע עס איז שווער צו בלייבן גלייכגילטיק, און דאך האבן זיי די „קונץ" באוויזן. נישט דאס איז דאך וואס מיר זוכן. אין וואס מיר נויטיקן זיך איז טאקע דאס דאזיקע איינציקע: — צוריק פארמענטשן די וועלט ארום אונז.

ס'איז גענוג בלייבן מיט דעם ארויסגעזאגטן געדאנק, כדי צו זען, אז די אלע אויסגעשרייען אין די אויבן־ציטירטע שורות זענען א ביטערע, טראגיש־פארקרומטע אפשפיגלונג פון אינזערע געפילן מיט די ליידן־פראבלעמען אויף די ארעמס. וואס האבן מיר געוואלט און ווען האבן מיר געמאנט? גענווים האט יידישע פרעכע געיאמערט, געווים האבן יידישע אומגליקלעכע מנהיגים געקלאפט מיט ווייכע פינגער אין הארט פארריגלטע טירן — אבער דאס הייסט מאנען? און די ביליקייט פון פערז „מיר שטורעמען מיט פרייד" צענעמט אייך ביז די טיפסטע מקירות פון געפיל. רבונו דעלמא בולא! ווען איז גלאטשטיינען איינגעשוומען אויפן געדאנק אזא שווידערלעכע פאראדיע פון אונזער מעמד אנטקעגן דער וועלט? און וועלכער גוי, וועלכער

אינטעלעקטואל פון ענגלאנד, אמעריקע, שווייץ אדער מעקסיקע. וועלכער גויאישער פאליטיקער האט איבערגעריסן זיין שנארכן צוליב אונזער אומגליק? וואס פאר א „כוח" איז עס דען אנטקעגן דער וועלט? און ווער וועט געבן? וואס וועט מען געבן? ווען וועט מען געבן דאס עפעס וואס גלאמשטיין מיינט און קיינער קען זיך נישט אנשטויסן וואס דאס איז?

שיפן זענען טאקע אין יענע יארן געקראכן איבער ימים ווי גרויזע קרעציקע באשעפענישן פון פארצייטיקע. פאר'מבול'דיקע טעג — אבער קיינעמס אויער האט אונזער געשריי נישט דורכגעבויערט. אלע גויים האבן ווייטער געלעבט רואיק, און געשמאק געגעסן, געשלאפן און געליבט. האט זיך געמאכט א גוטער גוי, האט ער ביים פרישטיק, מיטן זאפטיקן ביס אין דער באפוטערטער בולקע, א קרעכץ געטאן ביי דער שוידערלעכער צייטונגס־ידיעה — און דאס איז געווען אלץ.

אין די לעצטע שורות זענען דער ערגסטער אקארד אין שלעבמין ליד פון דעם זייער גוטן בוך פאעמען פון יעקב גלאטשטיין:

„לאכט, לאכט, לאכט וויפל איר ווילט,

אבער די מאכט האבן מיר.

איר האט פארשפילט אנטקעגן אונז די שלאפע.

רויבט. מארדט. פארברענט.

אבער הילפלאז זענט איר

אנטקעגן אונזער גרויסער פרייד פון זיין געראכט".

איר זענט צעטומלט און פארצערט. אזוי פיל גארנישט זאגנדע זאגעכץ. אזוי פיל פוסטקייט אין אזוי וויניק שורות. עס טוט ווי וואס גלאטשטיין האט רחמנות געהאט אויף די פאלשע שורות פון זיין יצירה־ווארט, אין האט זיי אריינגעפלאכטן אין שניר־פערל פון די „געדענק לידער". ווייל מיר ווייסן נישט ווער פון די פעלקער האט געלאכט אנטקעגן אונז. און נישט ווען מיר האבן די מאכט געהאט, און געווים נישט ווען די פעלקער האבן. ווען עס

איז — דאָ נישט לאַנג — פֿאַרשפּילט אַנטקעגן אונז. נישט די פֿעלקער נאָר מיר, די לעזער, די פּשוטע ייִדן וואָס זוכן א טרייסט־וואָרט א יצירה־וואָרט. שטייען הילפֿלאָז און פֿאַרטרויערט אַנטקעגן דער משונה'דיקער פֿרייד־איינרע־דעניש פֿון א הימלישער גערעכטיקייט. און אַן אַבסטראַקטן גערעכטן זיין. וואָס גלאַטשטיין האָט אונז צוגעטראָגן אומנויטיק מיט פֿאַלשע יצירה־טע־נער און קלאַנגען.

דער אימה'דיקער פֿאַרגעפֿיל איז געווען צו שטאַרק. צו מעכטיק אַז אַפֿילו א גלאַטשטיין זאָל אים אויסטראָגן אין האַרצן. האָט זיך דאָס מעסטל איבערגעגאָסן און דאָס וואָרט האָט מטורף'דיק זיך צעגאָסן איבער דער וועלט.

און ס'איז א שאָד, א גרויסע שאָד. וואָס אזוי איז געשען.

אויף די וועגן פון אומקום.

אויפן שוועל פון דער לעצטער שעה קומט די הימלישע בארואיקונג. נאר זייער א שוואכער קערפער ברעכט צוזאמען אין אזא פייערלעכן מאמענט. ווי מערדערלעך עס זאל נישט קלינגען: דער מאמענט איז פייערלעך. מען שטייט ביים שוועל פון גרויסן סוד.

עס צעלייגט זיך א דורכזיכטיקער וואלקן אויף דער נשמה, און קען זיין אז עס באפאלט טאקע א הונגער אויך. עס מאנט זיך א ווארט, עס כאנט זיך א טיף געפיל. די לבנה ווערט מיט איינמאל עפעס קרובה'דיק און „קוקט ארונטער מיט זילבערנע שפאסילן". די וועלט אנטפלעקט זיך מיט אומדערוואַרטע עבאס. איר ווייסט נישט, צי איר זאלט זיך וואונדערן אדער גאר טרויערן. ווייל אינעווייניק איז דער גרויסער חשבון קלאר: מען גייט צום סוף.

„ניין, נישט דאס בעט האט א קרעכץ געטאן,
האסט דערהערט דאס קול פון אייגענע ביינער —
וואנדערביינער".

אין דער טיפער נאכט, די לעצטע נאכט פארן אנקום פון לעצטן פרימארגן, איז דער מענטש מיט זיך אליין, איינגעווארצלט און איינגעקלאַמערט אין גאנצן „איך" וועלכן ס'איז אוממעגלעך אין דער שעה צו באנעמען. די וועלט ארום איז שטיל, און דיר צערינט דאס לעבן פון אונטער די פינגער.

ישעיהו אוסטרי־דאן

„מען רעקוויזירט דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאַרטקייט,

די ציגל, די לופט, די ערד,

דאָס רעבט אויף געפּאַרטקייט..."

איר שטייט מיט איינמאָל אויף גרענעץ פון אַלע גרענעצן. אַ מוראַדיקער עכאָ ציט אַרויף פון פאַרבאָרגענע מקורות אין דער נשמה. דער טיפער ציטער לאָזט זיך אויס ביים פרימאָרגן מיט אַ טרוקענעם הילך:

„דאָס לעבן קרייעט קוקעריקו".

נאָר פון אַזאַ שווידער־רואיקייט קען אַרויסשווימען דער שרעקלעכער קאָשמאַר פון „יאַטקעקלאָץ". דער יידישער גאַנג איבער דעם גלות אין זיין לענג און ברייט, איז אפילו קיין מזבח פאַר אונז געווען. ווי שעפּסן צו דער שחיטה זענען מיר געגאַנגען און ווי זייטלעך פלייש אויפן יאַטקעקלאָץ זענען מיר געווען. אַלע אַרום, קליינע און גרויסע האָבן געשפּרודלט מיט גוטע עצות פאַר יידישער פאַרטיליקונג, פאַר מיתה בנשיקה און, בלית ברירה, בנשיכה, אַלץ לויט די לאַגע, די מענטשן און די מאָס פון יידישער עקשנות.

„ס'האָט זיך אַ שיין ביסל געטאָן אַרום מיר,

צווישן די יאַטקעס,

כ'בין געשטאַנען אין הוילן העמד און צעפּליקטע גאַטקעס,

און זיי האָבן מיר געטרייבערט די אָדערן

מיט פאַרטיידיגאַכץ.

פאַרענטפערט אַזוי ווייל אַלע מיינע נידעריקע אינסטינקטן,

אַזוי שיין געזונגען מיר אַ זכות

פון מיינע פרומע זיידעס וועגן,

אז דער יאטקעקלאץ האט אזש גענומען שפריצן מיט טרערן".

אלע שטייען ארום דעם יידישן צעביילטן און צע'מזיק'טן קערפער און ווילן אים העלפן מיטן בעסטן סם. זאל שוין נעמען א סוף צו זיינע ליידן, און מיר וועלן פטור ווערן פון זיינע צוויי־טויזנט־יאריקע קרעכצעגישן. שטייט מען אזוי ארום דעם לעצטן אטעם פון חולה און מען איז אויף אים מלמד זכות. וואס ארט זיי. ער וועט דאך סייווי באלד אוועקגיין פון דער וועלט. לאמיר זאגן זכות. לאמיר דערציילן גוטעס, אויב נישט פון אים, איז לכל הפחות פון זיינע זיידעס מיט זייער ספר־הספרים און אנדערע גוטע זאכן.

אין דער שטילער נאכט האט דער קאשמאר אויפגעפרעסן דאס לעצטע ביסל רואיקייט. ווען דער אויפוועק איז געקומען, און דער שטערן איז גע־ווען באדעקט מיט אייז־קאלטן שווייס, איז פלוצים דער קרבן וואך געווארן, מוראדיק וואך:

„האסט פארלאשן איין שטערן, צוויי, דריי,

דיין גאנצע צעליכטיקטע פראכט.

גאט, וואס טו איך דא איינער אליין,

אין דיין אייביקער נאכט".

דער קאשמאר איז טאקע אוועק, אבער אלע שטערן הייבן אן זיך לעשן, דעם פרימארגן אנטקעגן קומט אן... די אייביקע נאכט. אלץ ווערט פאר־לאשן, אלץ צערונט. אין דער טיפער איינזאמקייט קומט אן די טיפע מורא, עס רוקט זיך אן די אימה פארן אנקומענדן עבא. די וועלט צעלייגט זיך ווי א האריקע קדמוניות'דיקע חיה מיט איר גאנצער עקלדיקייט און שרעקעוו־דיקייט.

ווען דער טאג קומט אן, גייט ארום דער דיכטער־ייד, אין יוני טויזנט־ניין־הונדערט־ניין־און־דרייסיק אויף די וועגן פון אומקום.

איז דער פארגעפיל געווען בארעכטיקט אין זיין אימה'דיקער שרע־קעוודיקייט? איז נישט אמאל „לובלין 1941" א שוואכער אפקלאנג פון דער

צעשריענער ווירקלעכקייט אין יענע לובלינער גאסן וועלכע האבן אוועקגע־פירט קיין מאידאנעק? איז דען די קול־דממה'דיקע שילדערונג פון פיין און יסורים אין איינקלאנג מיט דאס שוידערלעך־געשעענע?

פון די טיף־אטעמדיקע שורות באקומט זיך אבער אזא לויטערער ווייטיק, אז איר ווערט דורכגענומען מיט אייער גאנצן „יש". גלאטשטיין שטייט שוין אויפן שוועל ווען „לובלין 1941" קלייבט זיך ארויסגיין פון דער וועלט. דער ערשטער גרויל־פאגראם האט שוין דורכגעטראסקעט מיט זיינע בלוטיקע שטיוול דורך דעם קערפער פון דאס יידישע לובלין. איצט איז אלץ אין דער אימה'דיקער רואיקייט פון דערווארטונג. מען ווארט — און מען ווייס אז מען ווארט אויף שלעכטס. נאר מען ווייס נישט ווען עס וועט אויסברעכן און ווען עס וועט אנקומען מיטן פלוצימדיקן טראט. שטייט א וועלט פארפרוירן.

„די נאכט בליט מיט א טרויעריקער שטילקייט.
אן אלול־קילקייט ווינטלט אין בית־מדרש
פון אן אויסגעהאקטער שויב".

שטייט אן אויפגעפראלט אויג פון א שויב און קוקט בלינדאוויגיק אויף דער וועלט. ווינטן גייען ארום אין בית־מדרש און א וויסטע ליידיקייט צעלייגט זיך אויף דאס ביסל פארבליבן לעבן.

אין דער שילדערונג איז דער קינדער־גורל נאקעט צעעפנט. גלאטשטיין האט דעם יתום אויסגעניכטערט מיט אן אלטקייט וואס טראכט דורך די קינדערשע ווערטער און ארטן דענקען. די יתומים זענען קיילעכיקע, ווייל טאטע־מאמעס זענען נישטא מער אין זייערע טעג און נעכט:

„ווייל פארשלעפט האט מען מיין טאטנס געביין
און די מאמע מיינע איז נעבעך אזוי יונג געשטארבן.
וואלט איך זיך אליין אין קבר אריינגעקלאגט,

נאָר פאַרן טויט האָט זי מיר פאַרזאָגט:

„דו, הערשל, לעב, וועסט דעם טויט ניט פאַרזאַמען.״

לעב איך. מען ברויך פאָלגן א מאמען.

האָב איך נאָך א לאַנג שטיקל וועג ביז דעם לעצטן פּאָר.

כ׳בין קוים אלט עלף יאָר״.

דער שרעקלעכער באַפעל פון „בדמיך חיי!״ דוכט זיך אוים צו קרוי־נען מיט בלוטיקע דערנער אויפן קאָפּ פון יידישן יתום איז לובלין פון 1941. אָבער דאָ איז פאַראַן דער פּערמאַנענטער גערענגל פאַרן לעבן. דאָס עסן איז קרעציק און דאָס לעבן איז שוואַך. קען שוין נישט אויסהאַלטן אויך שלמה׳לע זיין מאַמעס באַפעל, וואָס האָט אים אויך זיכער געזאָגט פאַר איר טויט: „דו שלמה׳לע, לעב!״ שטייען אַזוי קינדער מיט אַלטע געמיטן אנט־קעגן דער רעטעניש פון טויט און לעבן און ווייסן נישט ווי אַזוי ארויס־צוגיין אין די אַנדערע וועלטן אריין:

„מיין חבר שלמה׳לע, ער איז נעבעך זייער שלאַף.

ער זאָגט, ער וועט גאָר אינגיכן שטאַרבן.

ער וויל ביי מיר נעמען תקיעת־כּף,

איך זאָל מיטשטאַרבן ווי א געטרייער חבר.

אָבער מיר האָט דאָך די מאַמע

בפירוש פאַרן טויט פאַרזאָגט:

„דו, הערשל, לעב, וועסט דעם טויט נישט פאַרזאַמען.

לעב איך. מען ברויך פאָלגן א מאַמען״.

איז דאָס א בלינדער גלויבן אין לעבן ביים וואַלקן־קנויל פון יענע שוי־דערלעכע שייטערהויפנס פון שטיקנדע גאַזן? אָדער איז עס גאָר אפשר דער

טיפער גלויבן פון יידן, די געוואלדיקע בטחונ׳דיקייט אין נצח ישראל? אדער אפשר איז עס גאר דער טיפער ווילן פון יעדער מוטער צו ראטעווען איר אייגן בלוט־און־פלייש? אדער אפשר איז עס גאר דאס טיפסטע מענטשלע־כע אנטקעגן דאס שרעקלעכסטע און ברוטאלסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע?

ס׳איז זיכער דער גרויסער לעבן־פלאנטער וואס איז צונויפגעשטעלט צו־טראפנס פון יעדן איינעם פון די געפילן. דער מענטש איז דאך גוט, יא־דערדיק גוט. ווען נישט דאס, וואלטן מיר נישט געשטאנען אין דער וועלט און אין דער מענטשהייט אויף די מדרגות אווו מיר געפינען זיך היינט. אנט־קעגן די חיה וואס האט זיך אפגעריסן אין איר ווילדער משוגעת פון דער קייט, איז דאך געשטאנען דאס געפייניקטע פאלק אליין מיט זיינע גרויסע יהידים וועלכע האבן אפגעהיט דאס ביסל יידיש לעבן מיט אזא הייליקער עקשנות:

„ס׳האט יעדער איינער זיין בינטל צרות.

מ׳האט נאר וואס פארזייט א ביסל אייגנס

אויפן בית־הקברות.

ס׳איז יעדער איינער נישדאגעדאכט א יתום אדער א באקלאגער.

אין פונדעסטוועגן, ווי מאגער ס׳איז יעדערנס ביסן,

פארגעסט מען נישט אן שלמה׳לען און אן מיר.

מען טיילט אונז צו ס׳לעפל געקעכץ״.

אין דער וועלט פון לובלין 1941 גייען נאך ארום מענטשן מיט הער־צער, וואס געדענקען חובות און מצוות. אין דעם גרויסן טאל פון רשעות, אין שרעקלעכן גהינום־של־מטה, גייען ארום נישט קיין צדיקים, נאר פשוטע מענטשן, מענטשן־יידן, וועלכע טיילן געקעכץ די יידישע יתומים.

ווען מיר זוכן אין דער היינטיקער וועלט א טרייסט פאר אונזערע פאר־גיפטעטע הערצער, זאלן די לעפל געקעכץ שטענדיק פארען פאר אונזערע

אויך. ווייל נאָך נאָך אזא רחמים־אויסגוס האָט געקענט דער יתום אריינ־מארשירן אין הימל אריין מיט דעם פראכט־פּאראד וואָס ער האָט זיך אויס־געטרוימט ביים שטילן אָפּרו נאָך די פּאָר נסים׳דיקע לעפּל געקעכץ. דאָס איז אויך א גרויסע טרייסט געווען פאר דער קינדערשער פאנטאזיע. שטארבן איז מער קיין אומגליק ווען עס שווימען ארום אין די געדערים די דריי־פיר לעפל רחמים פון גוטע מענטשן, וואָס האָבן דאָס געקעכץ אליין נישט פאר־זוכט, נאָר עס צוגעטראָגן צו די פארברענטע ליפּן פון די הערשעלעך און שלמהלעך. ווען דער מענטש איז נאָענט צו דיר, ווען די ברידערלעכקייט שוועבט איבער דיר מיט אירע מעכטיקע פליגל — דאן איז שטארבן אויך א שטיק פונקציע פון לעבן.

„נאָר מיין חבר שלמה׳לע איז שטיל.

ס׳איז רואיק זיין געלע מראה.

ער האָט ניט קיין מורא צו שטארבן,

ער ווייס אז פאר א יתום מאכט מען אויבן

א גאנצע ווארע און גרויסן פּאראד.

דוד המלך שפּילט אויף זיין פידעלע,

טאטע־מאמע טאנצן אנטקעגן מיט געזאנג

און צדיקים אין די קרוינען

פּלעסקען צו מיט די הענט.

און ס׳האָפּקען מלאכים׳לעך, און ס׳טאנצן זיידע־באָבע,

און אז מ׳איז גאָר זוכה, איז גאָטעבעבי אליין

גיט אזא יתומ׳ל א ברוך־הבא".

דידאָזיקע קינדערשע וויזיע איז גאָרנישט ווייט פון דער משיח־דורשט פון אלטן רב זלמן. דאָס איז דערזועלבער גאנג צו אנדערע וועלטן, ווייל פון

עמק־הבכא איז מען אויסגעשפיגן געוואָרן. טרוימט דאָס קינד פון מלאכים׳לעך און רב זלמן פון משיח׳ן — און ביידע וואַרטן מיטן לעצטן רעשט לעבן אויף גרויסע געשעענישן אַרום זיי.

אין לובלין, אין יאָר 1941, זענען נישט פאַרשלאָסן געוואָרן אַלע וועגן פאַרן לעבן. פון די אומקום־וועגן האָבן נאָך אָוועקגעפירט סטעזשקעס צום לויטערן לעבנס־טרויס. אָבער דאָס לעצטע ביסל קווענקלעניש האָט זיך אָנגעזעצט אויף די וואַרטער, ווען די מאַמעס האָבן פאַרזאָגט צו לעבן. אין צעטומלטן וואַנדער זענען אַרומגעגאַנגען יידישע יתומים איבער די גאַסן פון לובלין און זיך כסדר געחזרט: „מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען... מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען...״ — און קיינער פון זיי האָט נישט געקלערט וועגן טויט וואָס איז שוין פון לאַנג געלעגן זייערע צוקאָפּנס.

דער אומקום און דאָס לעבן האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט. און די יידישע אָפּהענטיקייט איז נישט געווען ביכולת דעם פּלאָנטער אויפצופּלעכטן. דער טויט האָט געלויערט איבער די קעפּ און דאָס לעבן האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער די פאַלדן פון אומקום.

גלאַטשטיין האָט דערגרייכט געוואַלדיקע הויכן אין ליד „לובלין 1941״. אומעטיקע לאַזורן פון יידישע שטיקער גוטס און נשמה׳דיקייט קוקן אַרויס פון יעדער שילדערונג. אָט אַזוי האָט געמוזט זיין דער גאַנג פון טאָג צו דער נאַכט, און פון דער נאַכט צום טאָג אין די שרעקלעכע צוויי־און־פופציק וואָכן פון 1941 אין לובלין. דאָס לעבן האָט געבליט דעם אומקום אַנטקעגן — און ביידע האָבן גאַרנישט געלעזט און גאַרנישט דערגרייכט. דער דייטש האָט ס׳פאָלק נישט פאַרטיליקט — און דער ייד האָט די נקמה נישט דער־לעבט. די וועלט איז געבליבן נאַקעט, זייער נאַקעט — ווייל בלאָס, פשוט און ברויטיק איז זי געבליבן מיט דער שרעקלעכער טראַגעדיע ביי זיך אין עס־צימער.

* * *

יעדער אומקום שטאַרבט אַריין אין דער אייביקייט. עס איז אָבער דאָ אַן אומקום וואָס שוועבט אַריין אין דער אייביקייט און לאָזט איבער נאָך

זיך מעכטיקע עכאָס אין דער וועלט. פון דאנען נעמען זיך די וואָרצלען פון המשכ׳דיקן קיום. דער אומקום איז נישט קיין טאָטאלער. ער איז א קער־פּערלעכער פונאנדערפאל, אָבער דער גייסט לאָזט איבער שטארקע עכאָס אין דער אטמאָספער. דער אומקום לאָזט איבער עכאָס פאר די אויערן פון אויפקום.

ווען א יידישער טאטע און א יידישע מאמע האָבן א זון געבערענגט אויף דער וועלט, האָבן אלע עכאָס פון זיידעס־גוטע־יידן און עלטער־זיידעס צדי־קים, געשוועבט איבערן קינדס קאָפּ. א יונג קינד פלעגט איינגעשפּאנט ווערן אין די אָליאָבלעס פון יידישן קיום־וואָגן און עס האָט אים געשלעפּט מיט אלע כוחות. ווען טאטע־מאמע האָבן פארטונקען זייער קינד אין בראשית׳־דיקן סוד פון ישראל׳ס יצירה־אימפּעריע, איז געווען אין דעם אן אָפּשטראל פון א גרויס גליק וואָס זיי האָבן געוואָרט אויף זיין אנטפלעקונג מיט א ציי־טערדיק הארץ. דער זון איז אוועק אין די גרויסע קעניגלעכע וועגן פון ווייי־טער ציען יענע צעהילכטע עכאָס פון ווייטע יידישע אומקום־ספערן און אראָפּנידערן זיי אויף דער ערד. דער יידישער זון איז שטענדיק געווען פּאַרזאָטלט אויפן קיום־האומה געשפּאן, באַאָכט מיט דער גייסטיקער ירושה, און באצוואונגען פון א המשך־באפעל וואָס איז געווען שטארקער ווי יעדער ווידערשטאנד, און קלוגער ווי יעדער קעגנארגומענט.

טאטע־מאמע האָבן שטענדיק געזען אין זון דאָס באהויכטע־ווייטערדי־קע — אָבער דער זון האָט עס שטענדיק אויפגענומען ווי א יאָך, און זייער אָפּט ווי אן אומזיסטער, אומנויטיקער יאָך. עס איז טאקע אין גאנג פון דער מענטשן־נאטור אז קינדער זאָלן זיין מאָמענטאל־פילבארע באשעפענישן און נישט זעען די גרויסע מאָרגנס און די גיגאנטישע נעכטנס, אָבער די צו־גרייטונג צום גרויסן געשיכטלעכן עול ווערט ארויפגעלייגט אויפן קינד אָן קיין נאָכפראגע נאָך זיין קוק אויפן לעבן; און דאָס איז אויך אין דער נאַ־טור פון די זאכן.

ווען יעקב גלאטשטיין רעדט צו זיין טאטן, איז ער שוין אין דער הוי־כער רייפקייט פון א דיכטער, און ער זעט זיין טאטן אין דער געוואלדיקער שיינען־ראָם פון אויסגעטרוימטע און שוין פארשוואונדענע זוהר־וויזיעס פון לויטערע נעכטנס. און ער ווייס, אז דער גורל איז אזוי אומגערעכט מיט יידישע טאטע־מאמעס. די ליידן און זאָרגן פון קינדער מאכן זיי שטענדיק

מיט, אבער דעם נחת פון זיי, אדער זיי זעען עס נישט, אדער זיי ווערן גע־שטראפט עס נישט זוכה צו זיין.

אבער אונזערע טאטעס און מאמעס זענען געווען אין אן אנדער וועלט — אין א וועלט פון לובלינ׳ס און ביאליסטאק׳ס אין 1941 און 1942 פון די שרעקלעכע טעג און נעכט וואס נישט זיי האבן געהאט פון דער ליכטיקייט פון א טאג און נישט פון דער רואיקייט פון א נאכט. און קינדער זענען אוועק ווייט. דאס איז דאך געווען דער גורל פון אונזערע טאטע־מאמע. אויסגעהאדעוועט די קינדער און דערנאך זיי צעשיקט איבער זיבן ימים. און ווען דער גרויסער אומגליק איז געקומען, זענען די קינדער געווען אין זיכערע לענדער, אונטער רואיקע אוונט־הימלען און שטיל־רוישנדע שאטן־בוימער — נאר טאטע־מאמע זענען אין געווירבל פארבליבן.

יעקב גלאטשטיין קען נישט איבערשיקן זיין טאטן דעם גרויסן נחת פון אויפגעשטראלטן נאמען אויף די ליפן פון יידישע עדה׳ס און קהל׳ס. מיט אים זענען דא טויזנטער, און צענער און הונדערטער טויזנטער פשוטע, געוויינלעכע יידן, וואס קענען זייער נחת פון רואיקער שטוב, אפטן ברויט, באפוטערטן היינט און ווארעמער בעט נישט שענקען זייערע טאטע־מאמעס. וויינען מיר אלע צוזאמען מיט אים:

„אין יאר אזוי און אזוי,
ווען ס׳האט יידישלעך אויפגעלויכטן מיין נאמען —
א ביסל ליכטיק, א ביסל טריפיק,
פון אטלאנטיק ביז פאסיפיק,
ווען איך בין געווארן א שרייבער ביי יידן
האט מיין הארץ געצויגן צו שטויבן זיך אין דיין שטויב.
צו קושן דיר די מידע טריט,
צו גיין א נישט־דערשטאכענער קרבן,
מיט פארבלוטיקטע און געשוואלענע פיס,

„בלויע האריזאנטן"

צו דיר אויף יענער זייט טויער,

אהין צום פינצטערן לובלין".

מיר אלע האבן דעם שוידערלעכן געפיל פון שולד, וואס טאטע־מאמע, אלטע, שוין מיט צעלאזענע מוסקלען אונטער זייער פארקנייטשטער הויט, זענען אליין געבליבן, און מיר זענען ווייטע געווען פון זיי. זיי האבן אונז דעם גרויסן עול פון יידישן המשך געלערנט, און וויפל פון אונז האבן די תורה פארגעסן אויף וואנדער־וועגן און זי פארלאזט אין רוישיקע פארטן. זיי האבן אונז איינגעשפאנט אין יידישן יצירה־וואגן, און מיר זענען פון אים דאן אנטלאפן, און היינט שטייען מיר מיט אזוי פיל ארעמס און אזוי וויי־ניק באגאזש אויף זיי. נישט מיר זענען גערעכט געווען מיט טאטע־מאמע נעכטן און נישט מיר זענען באהילפיק געווען טאטע־מאמע היינט. אייביק האבן מיר זיך פאראיינזאמט פון זיי, ביז מיר זענען געשטראפט געווארן מיט דער שרעקלעכסטער און אימה'דיקסטער פאראיינזאמונג מיט וועלכער עס איז ווען עס איז געשטראפט געווארן א דור.

זיי זענען אוועק אויף די וועגן פון אומקום און מיר האבן פונדערווייטנס געקוקט און געווארט. איין גאט אין הימל ווייס אויף וואס און נאכוואס. פארוואס האבן מיר נישט געראטעוועט ווען מיר האבן געקענט? פארוואס האבן מיר נישט געוואלט לעבן נעבן זייערע פולע און רחמים'דיקע קערפער און האבן אויף זיך דעם ליכטיקן און רואיקן שיין פון זייערע גוטע, זייער גוטע, אויגן? היינט ווילן מיר זיך אין זייער שטויב שטויבן — ווייל מיר זענען אזוי שרעקלעך אפהענטיק, אזוי מוראדיק איינזאם, אזוי שרעקלעך פארמשפט צו א יתמות'דיקייט, וואס וועט פרעסן אין אונזערע ביינער ביזן לעצטן אטעם פון אונזערע טעג.

און ווער האט געקענט וויסן אז אזא אומגליק, אזא אומקום, אזא שויי־דערלעכע שחיטה פון א גאנצן קאנטינענט רוקט זיך אן אויף אונז? ווער האט געקענט אפילו אין דער שרעק פון א גיהנום־חלום אין א פחדים־נאכט זיך פארשטעלן אן אומקום פון א גאנצער יבשה? ווער האט געקענט וואגן א טראכט־טאן אז מיר שטייען אויפן שוועל פון דער בלוטיקסטער שחיטה אין אונזער געשיכטע, אויפן שוועל פון שחיטת־אייראפע?

קיינער איז נישט שולדיק, — אלע זענען גערעכט, — קיינער האָט נישט געוווסט, — אָבער טאַטע־מאַמע האָבן געצאָלט. און קיינער, קיינער קען נישט זאָגן פאַרוואָס. ווייל בלינד זענען מיר געווען אלע, און בלינדע זענען מיר נאָך ביז היינט פאַרבליבן.

ווען איך וואָלט א גלויביקער געווען וואָלט איך געזאָגט: גאָט, שטראָף אונז נישט פאַר אונזער בלינדקייט!

און ווען איך וואָלט א גלויביקער געווען וואָלט איך נאָך געזאָגט: גאָט־ פאַרשטעל זיך נישט ס׳פנים ווען דו ווייסט אונזערע טאַטעס און מאַמעס זען ארויפקומען צו דיר! האַלט אויס די חרפה פון דיין אָפּהענטיקייט! ס׳איז דיין וועלט, דיין מענטש, און דיין קלוגע יצירה!

ווייל איז דעם וואָס גלויבט, ווייל אפילו רעוואָלט־רן האָט ער אויך קעגן וועמען. אָבער מיר זענען איינזאַמע, פאַרשאָטן מיט פראַגע־צייכנס אָן א סוף, און קיינער, קיינער פון אונז האָט נישט קיין ענטפער. עס בלייבט נאָר דער גרויסער, אומענדלעכער און אומבאַשרייבלעכער טרויער נאָך טאַ־ טע־מאַמע וואָס זענען אין דער אייביקייט אוועק.

מיר וואַרטן אויף די גרויסע עכאָס פון דער אייביקייט ארויס. ווייל מיר ווייסן: זיי זענען נישט ארייגעשטאָרבן אין דער אייביקייט נאָר אריינ־ געשוועבט אין איר. זיי לעבן אין אונז און אין יעדן אָטעם אונזערן. זיי האָבן איבערגעלאָזט מעכטיקע עכאָס נאָך זיך אין דער וועלט.

* * *

אויף די וועגן פון אומקום בליען נישט קיין אויסוועגן. אויב איינער, א ייד, האָט אינמיטן פון דער אומגליקן־זאַווערוכע זיך פּלוצים אוועקגעזעצט וואַרטן מיט צעפּראַלטע אויגן אויף א הימלישער טרייסט, — איז ער שוין ארויס פון אומקום און איז אריין מיט איין פוס אויף יענער זייט, פון וועל־ כער אלע גלויבן צו וויסן, אז ליכטער קנוילן זיך דאָרט אין אייביקן וווּנדער.

קען זיין אז דאָס איז א טרייסט. מיט איינמאָל טוסטו זיך אויס פון דאָס אומגליקלעכע־אַרומיקע און פאַרקלאַמערסט דיין נשמה אין א טרוים וואָס

„דאס איז די געשמידטע האפענונג
וואס האט מעת־לעת נאך מעת־לעת,
געווארט אויף א צייכן,
געגלויבט אין א נס".

עס איז שוין מער נישטא קיין ווירקלעכקייט אין דער פויסט. דאס לעבן איז צו מעכטיק מיט איר רשעות — און נאר א נס איז דער איינציקער „אויסוועג". און ווען יידישע הערצער און מוחות האבן זיך אנגעקלאמערט אין דער „מעגלעכקייט", איז שוין קלאר, אז אלץ איז פארלוירן. דאן איז די טרייסט קיין טרייסט ניט, די נאכטיקע פראכט קיין היילונג נישט, און דער טוי אויף די גראזן קיינע וואנדער־דימענטן אקעגן דער לבנה־שיין פון דער טויט־רואיקער נאכט.

„איבער אלע פייערן
לעשט זיך די ליבע נאכט.
באשיץ מיך נישט, מיין טייערע,
פון דער לעצטער שלאכט".

אינמיטן טרוים — טרוימט מען זיך אויס. ביים שוועל פון אנטלויף — דערזאגט די טויזנט־אויגיקע שרעקלעכע ווירקלעכקייט. די נאכט איז ליב, דער גלויבן איז זיס, דאס ווארטן אויפן נס באפליגלט און באגליקט. אבער די לעצטע שלאכט, ווי א זינדיקע נויטווענדיקייט ליגט זי צעגראשעט אונטער דער טיר און רעוועט, און באצווינגט, און לאזט נישט אפ. ניטא קיין אויסוועג. ניטא קיין אומוועג. ניטא נאך וואס צו באשיצן זיך פון דער לעצטער שלאכט. דער פויסטיקער מוז לאזט נישט צורו. מען מוז ארויסגיין אין לעצטער שלאכט כדי ראטעווען די לעצטע אילוזיע פון יידישן „איך". ווייל וואלט די אילוזיע אויך פארלוירן געגאנגען אין גרויסן אומ־

גליק — ווו וואָלט מען אהינגעטאָן די חרפה פון די אָפּגעלעבטע טעג און יאָרן?

אָבער באַלד בלייבט שטיין דער מענטש אַן אויסגעניכטערטער. פאַרן אַרויסגיין צו דער לעצטער שלאַכט גיט אַ בלאָז דער שווידערלעכער צפון־ווינט און דאָס אויג אַנטבלויזט זיך מיט איר גאַנצער צעעפנטקייט דעם גרויל אַנטקעגן. ווו איז דען דאָ נסים? ווען האָבן יידן געלעבט נסים'דיק? ס'הייסט, נסים זענען געווען, אָבער יעדער ייד האָט זיי געטראָגן אין זיינע מאַזאַליע־הענט. מ'האָט געשטופּט דעם וואָגן פון לעבן פאַר זיך. דער וואָגן איז געגאַנגען, געקראַכן, געקרעכצט — אָבער ער איז פאַרויסגעגאַנגען. אָבער יענע גרויסע נסים — וואָס אַמאָל, דערציילן אַזוי די הייליקע ספרים, האָבן זונען און לבנות אָפּגעשטעלט אויף גאַנצע טעג, — יענע גרויסע נסים זענען פּלוצים צערונען געוואָרן פון אונטער די פינגער.

און ווען ס'האָט יאָ אַ נס יידישלעך אַראָפּגעניידערט, דאָ נישט לאַנג, איז עס אַ גולם־נס געווען. דעם גורל האָט אָבער געטראָגן דער מעכטיקער באַפעל — און פון זיינע רעלסן קען קיין לעבנס־באַן זיך נישט אַראָפּקייקלען. זי מוז דערגיין ביז איר לעצטן סוף. די נויט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עטישן פּרינציפּ וואָס קיינער האָט אים נישט געקענט באַגרייפן און נישט פאַרטייטשן. גאָט אַליין איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און אַן אומ־באַהאָלפענער אַקעגן זיינע פאַר'גולמ'טע יצירות און די וווּנדער זיינע זענען איז נעפּלען און אין חורבות־רויכן ערגעץ־ווו פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

„גאָט איז אַ טרויעריקער מהר'ל.

— — — — — — — — — — — — — —

ער זיצט ביים קוואַל פון זיין וווּנדער
און וואַרפט אַריין שווערע שטיינער.
הער, ער איז אומגליקלעך איינער.
די פאַר'גולמ'טע שטראָף איז שוין מער נישט זיינע —
זי האָט אים איבערגעמעכטיקט.



„בלויע האריזאנטן"

— — — — — — — — — —

יעדער געשריי צעבליצט די פאראייניזאמטע הימלען.

די אייביקייט דערלויפט צום משוגע'נסטן פינאַל.

גאָט איז א טרויעריקער מהר'ל".

די וועלט איז ארויסגעקומען פון אונטער גאָטס יצירה־האַנט ווי יענער גולם פון אונטער די הייליקע הענט פון יענעם גרויסן פּראַגער רב. די יצירה איז אריבער די גרענעצן פון זיין הייליקן ווילן, און ער איז געבליבן אַפּהענגיק פון אזוי פיל הייליקן רצון. דער נס איז פארזונקען אין אָנמאכט. דער נס איז פאריתום'ט. דער נס איז געקומען א טויט־לעבעדיק נפל'ע אויף דער וועלט.

„גאָט איז א טרויעריקער מהר'ל".

ער איז אליין צעריסן און צעקריגט מיט דער אייגענער יצירה־קראַפט. ער איז ארויס א צעטומלטער אנטקעגן זיינע מעשי־ידים. נישט זינדיקע, בלוטדורשטיקע עגיפּטער, נישט נאָר אויף איין וועלט־ווינקעלע האָבן אנגעפאנגען די „מעשי־ידיו טובעים בים". א גאַנצע וועלט איז אין אַפּגרונט אראָפּ און ניטאָ ווער זאָל קלאָגן מער, ווייל קיינער, קיינער וויים נישט וואוהין די אויגן אויפצוהייבן כדי דערזעען צוריק א ברעקל ליכטיקן שיין פאר א עבאָ פון א מאָרגן.

נישטאָ מער קיין נסים, ווייל די ווירקלעכקייט האָט זיי קיין אָנשפּאַר מער נישט געגעבן. נישטאָ מער קיין ווונדער, ווייל דער מאָגן איז מער נישט געוועזן אויסגעפּענעצט מיט ברויט. ווען דאָס לעבן צערונט, צערונען אויך די האַפענונגען, און ס'איז נישטאָ קיין ווונדער אין ליידיקע נשמות.

*   *
*

די וועלט פארנעפּלט זיך אין צעשראָקן־צעטומלטן אויג; אָט פארלירן

זיך פאמעלעך אירע צאפלדיקע פארמען און עס צעלייגט זיך איין גרויסע צעגאסענע און צעטראטענע מאסע פון אן אפגעלעבט לעבן פון א וועלט. ווי איז צו די וואס ווילן קרעכצן אין אזא שוידערלעכער טעמפקייט פון פאר־גליווערטע ווירקלעכקייטן. דער געוויין בלייבט שטעקן אין די גדערים ווי א פארפוילטער פארקאן ארום א בית־הקברות. די ערד איז שוין אן אויס־געקלאגטע. די ערד איז שוין איבערגעפרעסן מיט איינגעשלונגענע לעבנס. אבער ס׳בלוט שרייט נישט פון דער ערד אין צארניקער מאנונג. דער אומ־קום האלט די וועלט ביים האלדז שטייף־נאנט, און עס פארבלייבט נישט מער קיין רווח צווישן טויט און לעבן.

„נאר די לעצטע שטיקלעך יארן־צוויטן,

מיט די אויסגעטראכטע טויטן,

זענען מיינע אייגענע טעג און נעכט.

דאס איז מיין אנגעהויקערטע באשערטקייט,

דאס האב איך אליין אנגעלעבט.

די פארגליווערטע פארקלערטקייט,

פארברענטע פעלדער,

די מאפעס מיט בית־עלמינס,

פארשראקענע שטילקייט,

די צייכנס פון פריידיקער רשעות —

כ׳האב עס קיינמאל נישט געזען,

כ׳בין דא קיינמאל נישט געווען״.

שפרייזט א ייד איבער די וועגן פון די דארניקע געשיכטע־הימלען — און עפעס אזוינס האט ער נאכנישט געזען; אין אזא שממה׳דיקייט איז ער נאך קיינמאל נישט געווען; אזא „משוגענעם פינאל״ האבן נאך יידישע

געטא־נעכטנס נישט געזען און נישט געהערט. אונטער די יידישע פיס האט די ערד זיך פונאנדערגעשאטן — און ס'איז מער קיין טראט נישט צו מאכן פארויס. און ווער רעדט דא וועגן א מארגן? ווער דענקט דען וועגן א היינט? דער „איצט", דער „באלד", דער מאמענטאלער אטעם וואס גייט אויס אין פארלאשענעם ברוסט־קאסטן — אט דאס ביסעלע „איצט" ווילט זיך נאך אנטפלעקן — און אומזיסט. איר שטייט אין אזא אימה'דיקער ליידיקייט אנטקעגן יידישער היינטיקייט. און עס ווילט זיך אויסשרייען: גאט! ווי איז דא דער זין פון זוכן אן אויסוועג פון דאס אלץ ארום?!..."

„בלייב שטיל טויטע וועלט.

שוויג איין אין זיך דיין פארוויסטקייט.

— — — — — — — — — — —

נאר די טויטע וועלן וויינען אין די חצות'ן,

יעדער מת — א טריפנדיק קול.

ווי א קליין ליכטל איבער יעדן קבר,

וועט פלעמלען א געבעט.

יעדער פאר זיך.

איך בין איך —

וועלן טויזנטער געשאכטענע איכן

וויינען אין דער נאכט."

דער אומקום־גרויל האלט אייך ביים גארגל און לאזט נישט אפ. א משוגענער הונט שטשירעט זיינע ציינער אויף דאס לעצט ביסל שכל'דיקייט אין אייער לעבן. און איר ווילט נישט פארלוירן־גיין אין נעפל פון וואנזין, און איר זוכט אנשפארן, ווענט, הימלען, באדן — אבער אלץ וואס קומט אייך אנטקעגן איז נאר ברייטע אומקום־שוידערלעכקייט וואס איז ביטער־בלאטיק צעלייגט ארום אייך און אין אייך.

„אזא עשירות פון מצבות
האָב איך קיינמאָל נישט געזען.
טאָג און נאַכט וועל איך יאָמערן די נעמען.
דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען”.

און ווען איר וואַכט אויף א ווייל, און איר גיט זיך א דערמאָן אין די מינוטן פון פארן סוף, אין די טעג פון פארן אומקום, אין די נעכט ווען עס זענען נאָך געשטאַנען וועגט צוקאָפּנס פון יידישע צעפּאַגראַמירטע בעטן, פארשטייט איר איצט ווי אזוי דאָס האָט געקענט געשען. ווי אזוי עס האָט זיך געקענט אזוי ווילד צעריטשען א וועלט און אויסזויגן פון זיך אליין דאָס לעצטע ביסל רעכט אויף מענטשלעכקייט. אלץ ווערט פּלוצים א שווידערלעכער קאַראַהאַד, וואָס איר ווייסט אליין נישט פונוואַנען ער האָט זיך אָנגעהויבן און לשם וואָס, צו אלדי רוחות, לשם וואָס ער האָט אָנגעפאנגען?

„באַלד וועט ער זיך אויפכאַפּן
און מען וועט אויף אים נעמען וואַרפן
שטיין נאָך שטיין.
יידישע שטיינער, פאַר יידישע ביינער,
פון בערלין, וויך, וואַרשע, אָרשע, קאָוונע, ראָוונע, מינסק, פּינסק.
ס׳פאַרהאַקן זיך געטאָ־טויערן.
ס׳הילכן אים הילכערס אין די אויערן,
פאַרגיפטן, פאַרניכטן,
פאַרטיליקן, פאַרהונגערן, אומברענגען,
קוילן, שעכטן, אויסמאָרדן,
אויסראָטן, אויסוואָרצלען,

פייניקן, פארגאזן.

א לאכמע ברויט, א שטיקל ברויט, א פעניץ ברויט,

א קרישקע ברויט.

איינשפריצן דעם טויט.

טויט־ברויט, ברויט־טויט, ברויטויט.

ס'הילכן אים הילכערס אין די אויערן,

ס'בויערן אים הילכערס אין די אויערן..

וואס־זשע דרייסטו זיך ארום מיין פאסקודנע לעבן,

וואס־זשע ווילסטו פון מיר מיין שטראף?"

אט אזוי איז געווען יענער טאג! אט אזוי האבן געקלונגען די גלעקער פון יענע מינוטן! אט אזוי האט זיך געקלאמערט דער בים ברויטויט אין מויל פון יידישע מענטשן אין דעם שרעקלעכן, טויזנט־מאל שרעקלעכן, אומקום־טאל פון אייראפע! נישט מער קיין „שחיטה־שטאט" נאר א „שחיטה־קאנטינענט"! איר באגרייפט עס? איר האט כוח עס צו פארשטיין? איר האט מוט עס צו פארבילדן אין אייער וויזיע? איר קענט נישט. איר זענט אנמעכטיק איר זענט איבערמעכטיקט. איר זענט פארלוירן. איר בלייבט צערונען אין אייערע אימה'דיקע מינוטן און אלץ ווערט צעגאסן אין איין שוידערלעכן יאמער פון וואנזין:

„וועלט און וועלט און וועלט און וועלט.

ס'איז דער זין פאר מיר פארשטעלט.

פון הימל פאלט ווי מן געבאט.

איך בין א קרייענדיקער אידיאט.

בלוט און בלוט און בלוט און בלוט.

טייכן שלעבין און קבריש גוט.
יאָמער פון קינד און שקלאפן־טראָט.
איך בין א קרייענדיקער אידיאָט.

הונגער־מויל און מענטשן־קויט.
קעפ דאָס לעבן. לעב דעם טויט.
גראָב דיין קבר ווי א קראָט.
כ׳בין א טרויעריקער אידיאָט.

לער און וויסט און וויסט און לער.
אויסגעטריקנט די לעצטע טרער.
שאנד — פארשטאנד, און שכל — שפאָט.
איך בין א קרייענדיקער אידיאָט״.

ווען א מענטש עפנט אויף די אויגן אויף דעם סך־הכל פון די יאָרן ניינ־צען ניין און דרייסיק, ביז ניינצן פינף און פערציק, מוז א ריר זיך טון אין מוח דער גאנצער נערוון געוועב — און איר בלייבט אין שוידערלעכן ציטער. זאָל נאָר דער משוגענער הונט וואָס שטשירעט זיינע וויים־ווילדע ציינער נישט אויפפרעסן דאָס לעצט ביסל שכלדיקייט אין אונזער לעבן.

*

*   *

וואָס קענען מיר טאָן כדי אריינטורעמען דידאַזיקע שרעקלעכע צייט מיט אירע חורבות אין אונזער גייענדן טאָג? וועלן מיר געפונען א יריעה כדי אויף איר פונאנדערשפרייטן אונזער וויגעשריי פאר זיך און פאר קו־מענדע דורות?

קער

דער טאָג גייט, און מיר מיט אים. יעדן טאָג דערווייטערן מיר זיך פון דאָס געשעענע. וועלן מיר זיין ביכולת מיטטראָגן א פינצטערע טרער ביזן סוף פון אונזערע טעג, כדי זי זאָל פארשאָטענען די מינוט ווען מיר וועלן זיך פארגעסן און עס וועט א שיין טאָן די צעהעלטקייט פון אונזערע חדוות? אווו די זיכערקייט, אז די פינצטערע טרער וועט נישט אויסוועפן פון צופיל זונענשטראַליקייט וואָס מיר וועלן יעדן טאָג, — ווייל מענטשן, פשוטע מענטשן, — אויסצויבערן פון די ליכטער וואָס מיר טראָגן אין אונזערע הערצער? אויך דאָס לעצט ביסל טרערן־זאַלץ וועט דאָך אוועק אין די בלויע הויכקייטן פון יעדן אונזערן אויפשיינענדן פרימאָרגן. דאָס לעבן איז דאָך אזוי מעכטיק. יעדער בלומען־דופט איז דאָך אזוי באַצויבערנד. און — נישט געשטראָפט זאָל איך זיין פאר מיינע רייד — יעדעס שטיקל ברויט, יעדעס שטיקל פלייש, יעדעס ביסל ווארעמע זופ, יעדע גלאָז טיי, און קאווע, און מילך פארנעפלען דאָך די וועלט פאר אונז. מיר קוויקן זיך מיטן מבול פון ערדישע מזון־ריחות אזוי פיל, אז אלץ ארום, מענטש און וועלט, קאמף און פיין, ווערן אין שאָטן פארוקט. דאָס לעבן האָט דאָך אזא געוואלדיקן קוואַל פון נישטיקייטן מיט וועלכע עס בינדט אונז און פענטעט ביז דעם חרפה־דיקסטן שכחון — טאָ פארוואָס, פארוואָס רעדט זיך גלאטשטיין איין — אז מיר וועלן געדענקען?...

„אָבער דו נעם א פנקס און פארשרייב

דאָס לעגענדארישע אומגליק.

שטילערהייט פארשרייב מיט שטילע רייד:

אזוי האָט מענטש געטאָן צו מענטש קילערהייט.

דאָס האָט אונז געבראַכט דאָס יאָר תש״ג,

ווען זייער מערדערלעכער טאָג

איז געוואָרן אונזער נאכט פון אלע נאכטן".

און ווייטער:

„פארצייכן טרוקן, שפּארעוודיק, טרויעריק —
פה נטמן, געשטאָרבן.
אָבער פארהייליק יעדן באזונדערן קרבן,
און פארטרייסט נישט דעם קאָפּ,
אז לעבן וועט דאָס פאָלק.
ניין, אייביק וועט אונזער לעבעדיק פאָלק
זיין טויט מיט מיליאָנען טויטן.
פארשאָלטן, אויב מיר וועלן זייער טויט צעשמעלצן
אין דעם דויער פון אויפגעלויכטענער פרייד.
פארשענד און דערצערן נישט דעם אָנדענק
פון דעם מינדסטן פלוני.
אויסגעשטערנד וועט אייביק זיין אונזער ליכטיקער הימל,
מיט קרוינען פון טויט".

דארף דאָס זיין א נייער אויפלאג פון א „יזכור"? און אויב יאָ, אווו איז די הייליקע ראם וואָס וועט אויפהאלטן דעם צאפלדיקן „יזכור"־אָטעם? אָן דעם בית־המדרש, אָן דעם אומענדלעכן גלויבן אין אן אומבאגרייפבאַרער אלמעכטיקייט וואָס גערענקט און צאָלט, גערענקט און שטראָפט, איז אומענדלעכן גוט, און אומענדלעך צאָרניק — אָן דעם, וועט „יזכור" נישט לעבן.

ניין, טייערער גלאטשטיין, מיר וועלן נישט גערענקען! ס'איז שרעקלעך, שווידערלעך, אָבער וואָר! דאָס לעבן וועט צע'דורס'ן אונזערע טייערסטע „יזכור"־אָנשטעלן און וועט זיי צעשמייסן און צעיאָגן איבער אלע זיבן ימים און רוחות העולם. געווים ווייסן מיר, אז

„אוודאי וועלן מיר אקערן און זייען,
פלאנצן און בויען,
אוודאי וועלן מיר ציילן טעג און יאָרן״

אָבער באלד גיט גלאטשטיין צו:

„פארשאַלט אויב מיר וועלן ווען פארלירן פון זכרון,
יעדן איינציקן קדוש.
פארצייכן — נישט זיי זענען געשטאָרבן פאר אונז,
נאָר פארמשפּט זענען מיר צו לעבן פאר זיי,
אז ס׳זאָל פליסן זייער טויט אין אונזערע אָדערן,
כדי מיר זאָלן די וועלט פארשווידערן.

צו וואָס ארויפשליידערן די קללה אויף אונזערע קעפּ ווען קיינער ווערט דערפון נישט גע׳ניזוק׳ט? ווי וועלן מיר געדענקען, אז מיר זענען דאָך פּאָרט נישט „פארמשפּט צו לעבן פאר זיי...״ ס׳איז פיל פּראָזאאישער, טייערער גלאטשטיין. מיר לעבן פשוט, פאר זיך, משונהדיק פאר זיך, זייער פאר זיך, אויסגעשפּראָכן פאר זיך.

געדענקען, דערמאָנען? — ווי מאכט מען עס. ווען דער גלות גרינצלט אין די אָדערן — איז אלץ ליגן, אָדער אָנשטעל. כ׳בין אליין אין בית־המדרש געווען אנומלט, דעם יאָרטאָג פון קדושי אייראָפּע מיט הונדערטער מנינים יידן דערמאָנט, און דער עולם האָט גערעדט, געגענעצט, און זיך גענודיעט, ארוים אינמיטן צען מאָל און ווידער אריין אין מקום־קדוש... מ׳האָט גע„יזכור״ט אויף וואָס די וועלט שטייט.

הערצער זענען לײדיק געוואָרן פון ברידערלעכקייט, ווייל מיר האָבן זיך איבערגעפרעסן, איבערגעזויפט מיט גלות. און ווער וועט דאָ געדענקען אינם טאָל פון טרערן און פיין, און בלוט, און שחיטה בציבור? ווער? ווער?!...
מיר טראָגן זיך אויף פליגלען פון נייע צייטן און „יזכור״ וועט אָנמעב־

טיק אַפּפאַלן ביי די ערשטע פּאַרמעסטן פונם גאַנג צו די מאָרגנס. מיר דאַכט זיך, אַז אַנדערע וועגן זענען אָנגעצייכנט פאַר דאָס לעבן פון אונזערע מי־ליאָנען קדושים אין אונזערע טעג און נעכט. דאָס וועט נישט זיין קיין „יזכור" פאַר אומגעקומענע, נאָר אַ ביישטראָג פון געפאַלענע וואָס מאָנען פון אונז איין זאַך, וואָס ווילן אַז מיר זאָלן זאָגן וועגן זיי איין גרויס וואָרט: „לא בכדי"! — נישט אומזיסט! נישט אומזיסט זענען זיי געשטאָרבן! זיי האָבן געלעבט וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט לעבן אַלס יידן. זיי האָבן געקעמפט, וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט קעמפן אַלס יידן! זיי זענען אומגעקומען, וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט אומקומען אַלס יידן. זענען זיי דעריבער נישט אומ־זיסט געשטאָרבן! זיי האָבן אַ פונקציע געהאַט! מיר מוזן זיי צוטיילן אַ פונק־ציע אין אונזער פאָלקס־לעבן, אין אונזער מאָרגנדיקער פאָלקס־ווירקלעכקייט. זיי זענען נישט געווען הוילער אומקום־רוי־שטאָף־מאַטעריאַל! ניין, און ניין! טויזנט מאָל ניין! אויב מיר וועלן קענען אויסטראָגן אונזערע טעג ביז זייער סוף, און אויב די דורות וועלן קענען אויסטראָגן זייערע לעגענדעס עד סוף כל הימים, וועט עס זיין נאָר דאַן, ווען מיר וועלן וויסן, אַז געווען זענען מיליאָנען מענטשן וועלכע זענען אומגעקומען אַלס יידן, פאַר דער „זינד" פון זיין יידן, פאַר דעמזעלבן חטא וואָס אונזערע אָבות זענען אומגע־קומען אין די טויזנטער און טויזנטער עדות און קהלות איבער אַלע דאָרני־קע סטעזשקעס פון אונזער בלוטיקער געשיכטע.

ווען מיר וועלן דאָס געדענקען — וועט דאַן זיין אַ שטיקל תיקון פאַר אונזער היינט צוליב זייער פאַרלאָשענעם נעכטן...

— — — — — — —

און אַריבערגעגאַנגען דעם שוועל — און שווין. פאַרמאַכט דאָס ביכל — און אויס געזאַנג. עכאָס נאָר זענען פאַרבליבן — און זיי וויגן די נשמה אין אַ גרויסער בלויער שטילקייט. אויך גלאַטשטיין האָט אין זיך פאַרטונ־קען אַ שטיק פון „לא בכדי"איקייט. זיינע לידער זענען נישט קיין טרייסט און נישט קיין באַלזאַם. דאָס זענען שטיקער „איך", שטיקער „דו", שטיקער „מיר". דאָס איז וועזן. דאָס איז פּערמאַנענטער, שטאַלענער „זיין".

ווערט בלוי אין די אויגן. דער הימל קוקט צו דיר. וועלטן זענען אונ־טערגעגאַנגען, אָבער דו טראָגסט דעם סוד פון אייביקייט אין דיינע אָדערן. דו טראָגסט מיט דעם סוד אַרומגע'קהל'ט פון מיליאָנען ברידער און שוועס־

טער. עס איז דאָ א העלע הויכקייט אין אונזער נשמה־אָטעם. פארהייליקט זע־נען די מיליאָנען און מיט שטראליקן ווי אין הארצן נעמען מיר זיי מיט אין וועג אריין. קיינער האָט נאָך דערוויילֿ נישט געוואגט צו פארמאכן דעם בלאט געשיכטע. נאָך וועלן מיר טרעפן לאנגע יאָרן יענע אויגן, יענע פּנימער, יענע איינגעפאלענע לעבנס וואָס וועלן נאָגן און מאָנען. אָבער מיר וועלן נישט זיין אליין. מיר וועלן טראָגן מאָרגנס אין הארצן. און אין די יידישע מאָרגנס וועלן מיטגיין מיט אונז פינף מיליאָן קדושים. עס וועט זיין שווער צו לאכן, קען זיין! אָבער עס וועט זיין גרינג צו בויען, גרינג אויפצושטעלן היימען, גרינג צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט — ווייל ווידעראמאָל וועט קומען א טאָג, ווען אלע טויטע לעבנס וועלן ווערן זויבערע געשטאלטן אין אונזערע הערצער, און דאַן וועלן מיר וויסן, אז אויף יענע פעלדער פון ציון, אויף די בערג פון גליל, אויף די זאמדן פון נגב און זומפּן פון חולה, האָבן מיר אויסגעלייזט דאָס יידישע, דאָס אונזעריקע, און מיר האָבן פאר־זיכערט זיך, און די קומענדע דורות, יידישע „היינטיקייט" מיט שטאָלענע יידישע אָרעמס.

א ווייטיק טליעט אין הארצן — און ס'איז גוט אזוי וואָס ער פאר־בלייבט מיט אייך. דער בלויער האָריזאָנט אין פונדערווייטנס צעוויגט, אָבער גוט איז געשען וואָס דער ווייטיק איז נאָך דאָ, איז נאָך געוואלדיק דאָ.

געבענטשט זאָל זיין דער לייטערנדער ווייטיק וואָס גלאטשטיין האָט אונז געשאָנקען אין זיינע „געדענק לידער".

פון דא און דארט

דער משונה׳דיקער טאָג אין רעגנשפּורק.

דאָס גאַנצע בילד פון מיטלאַלטערלעכן ייִדנטום האָט זיך אוועקגע־שטעלט אין אַ קאַפּויער־שפּיגל פאַר די פאַרוווּנדערטע אויגן. אַפּאַטאָשו האָט אַראָפּגענומען זייער פּיל זשופּיצעס און אַטלאַסענע קליידער פון דייטשן ייִדנטום אין מיטלאַלטער און האָט עס אונז אַנטפּלעקט אין אַן אומגלויבלע־כער אָרימקייט וואָס גרענעצט מיט העסלעכער אַלטקייט־נאַקעטקייט.

פאַרוואָס גראָד די פּראַגער־ליצנים זענען עס געוואָרן דער צענטער פון דעם חתונה־טאָג אין רעגענשפּורק? פאַרוואָס ליגט אויסגעגאָסן דער דראַנג נאָך עפּעס נישט דערגרייכבאַרעס, נאָך מער אינהאַלטלעכעס גראָד ביים לץ? אַוווּ איז פאַרשוווּנדן דער תלמוד־ייִד, די תלמוד־פּסיכאָלאָגיע און די מיטאַלטערלעכע האַלב־טונקלקייט?

אַ ייִדישע וועלט איז אוועק אין תהום. אַפּאַטאָשו האָט אָנגעכאַפּט מיט די פּויסטן די פאַרשווּנדענע ווירקלעכקייט און אַ היפּשער ריס איז אים פאַרבליבן אין האַנט.

פון וואַנען איז דער ריס? איז ער נישט פון אַן אויסגעטאָענעם טאָג וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלע סימנים פון טאָג־טעגלעכקייט? איז דען דער חתונה־טאָג נישט געווען אַמאָל אַ קרומער שפּיגל פאַר דער ייִדי־שער ווירקלעכקייט אין יענעם מיסטעריעזן, טיף־אָפּגעזונדערטן און רעלי־גיעזן דייטשן מיטלאַלטער?

דער צויבער פון דאָס ווערק איז טיף. אַ זינגעוודיקייט נעמט אַרום דעם לעזער פאַר דעם צאַפּלדיקן מאָנומענט פון ייִדישער אויסגעטאָענער שמחה, אויסגעטאָענער פון סייגים, חומרות, עניוות, צניעות און חוצפּהדיקער באַ־נעמונג אפילו צום רב.

נאָר דער לעזער איז פאַרוווּנדערט פון דאָס פּערמאַנענטע אומגלויב־

לעבע. צוואָס האָט דאָ געדאַרפט דערשיינען דער ספרדישער רב ווי עפּעס כּעפּאַראַטעס פון דער סביבה, ווי א טאָן פון פרעמדקייט אין דעם דייטש־יידישן געטאָ? איז שוין נישט געווען מער קיין רבנים אין די לענדער פון אשכּנז, וואָס האָבן געדאַרפט דערשיינען אין דעם אויסערגעוויינלעכן טאָג? זיי וואָלטן צוגעגעבן מער ווירקלעכקייטס־קלאָריט דעם אומגלויבלעכן בילד פון דער צעווילדעוועטער און זנות־פאַרטונקענער בילדערישקייט פון די ישיבה־בחורים, ליצנים, און יידענעס וואָס זייער גאַנצער געדאַנק ווערט אוועקגעטראָגן צו דער מורא פאַרן מאַנס אומטרייהייט.

א משונה׳דיקע יידישע מיטלאַלטערוועלט פינקלט פאַר אונזערע אויגן, און מיר שטייען פאַרגאַפט גלויבנדיק, אז דאָס איז נאָר א בלאָנדזשנד, פאַר־פּירעריש פייערל, וואָס לאָקערט און רופט אונז צו א שרעקלעכער מכשפה־חורבה אין מיטן וואַלד פון דער געשילדערטער אומגלויבלעכקייט.

דער קאַמף אין די נשמות פון די פראַגער און רעגענשפּורקער ליצנים צווישן די ראָמאַנסן־פאָרשטעלונגען פון דער דייטשער טעמאַטיק, און צווישן די פאָרשטעלונגען פון א בת־שבע אָדער א בר־כּוכבא טעמאַטיק, איז ווילד־רעוואָלאַטאָריש. מיר שטייען פאַרוואונדערט, ווייל ס׳איז מער ווי זיכער, אז אַפּאַטאָשו האָט דאָס אַלץ פון פאַנטאַזיע־פינגער נישט אויסגעזויגן.

פאַרוואָס אָבער זענען מיר דערצויגן געוואָרן אויף גאָר אַנדערע פּיי־זאַזשן פון אונזערע גרויסע היסטאָרישע וואַנט־בילדער וועגן יידישן מיטל־אַלטער? פאַרוואָס האָבן מיר וועגן דאָס אַלץ נישט געוווסט ביז איצט? פאַר־וואָס איז אַזוי „גויִש" די יידישע וועלט פון אַפּאַטאָשו׳ס מיטלאַלטער?

א טעמפּע פרעמדקייט איז צעליגט אויף אַפּאַטאָשוס טאָג אין רע־גענשפּורק. דער יידישער טאָג איז אויפגעפּראַלט צו דער גויאישער וועלט, און נאָך מער ווי צעפּראַלט, — ממש אויפגעריסן. ביים טויער פון געטאָ איז שוין דאָ דער מאָדערנער קאַבאַרעט. מיט אַלע לייביקע איינצלהייטן פון היינטיקע „ליבע־נאַרעס", נאָר מיט די ווענט, וויין־קריגן און כראָפּעוואַטע־קייט פון יענע טישן און בענק.

צופיל אומגליק איז אויסגעוואַקסן אין דער פרייל עכקייט פון התונה־טאָג אין רעגענשפּורק. א נייע יידישע וועלט האָט אַפּאַטאָשו אַנדעקט פאַר

אונז, און ער האָט זיך גוט פאַרזיכערט, אַז אַלע קליידער זאָלן זיין, ביז דער לעצטער חרפּה, אַרונטערגעריסן.

און דאָס טוט ווי. דאַכט זיך — דער חורבן הנפש נאָכן חורבן פון גוף.

די וואָרצלדיקע יידישקייט פון שד״ל.

שמואל־דוד לוצאטו, טראָגט זיין געאָגראַפישער אָפּגעזונדערטקייט פון דער ערשטער עטאַפּע פון דער השכלה־באַוועגונג אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע, שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פיגורן פון דער אויפקלערונג־תקופה. אין לעבן פון יידישן פאָלק אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. ער איז אַנדעריש, אָריגינעלער ווי אַלע אַנ־דערע גייסט־מענער פון יענער תקופה. זיין פּערזענלעכקייט איז נאָך ביי זיין לעבן באַוווּנדערט געוואָרן פון די בעלי־ההשכלה, פאָרשער און קעמפער פאַר יידישער באַקענונג מיט דער וועלט און אירע וויסנשאַפטלעכע דער־גרייכונגען. לוצאַטאָ, דער פּריילעכער אָרעמאַן, דער „שמח בחלקו״, טראָגט די שווערע משפּחה־אומגליקן, דער זאַמלער און קאָרעקטאָר פון אַלטע טעקסטן און מקורות און דער פאַרטייטשער פון די זעלבע, מיט שווערע געל־דער דערוואָרבענע אַלטע טעקסטן, צו יעדן וויסנשאַפטס־מאַן אומזיסט, דער ערלעכער מענטש ביז גאָר — דערשיינט אין זיין גאַנצער שלמות׳דיקייט פאַר די אויגן פון די שפּעטערדיקע דורות.

שמואל־דוד לוצאַטאָ איז געווען א זעלטענע דערשיינונג גאָר ספּעציעל אין זיין אָפּשאַצונג פון די קעמפער פאַר דער „אויפקלערונג״, פון זייער וויסנשאַפט און אידעאָלאָגיע. לוצאַטאָ, דער יאָדערדיקער ייד, קען נישט צו־קוקן רואיק, ווי עס ווערט אויפגעהויבן צו דער העכסטער הייליקייט דער מאָמענט פון „נהיה בכל הגויים״, און ווי דער ייד ווערט דערנידעריקט לגבי דער אויסערלעכער וועלט, איר וויסנשאַפט און יצירה. ער טראָגט אין זיין נשמה דעם הייליקן פייער פון טיפן נאַציאָנאַלן שטאָלץ. ער איז נישט פיין בלינדער פאַרערער פון אַלץ וואָס איז יידיש און נישט מחמת אָריגינאַלי־טעט הויבט ער הייך אויף די פאָן פון יידישער יצירה־פעאיקייט און וויסנ־שאַפטלעכע לייסטונגען אקעגן די דערנידעריקער פון יידישן שאַפונגס־גענים

און פון דער ווערט פון יידישן לעבנס־שטייגער אקעגן דעם פון דער ארומי־קער וועלט.

לוצאטו האָט דערזען, מיט זיין טיפן היסטאָרישן חוש, אז די השכלה־קעמפער זענען צו ווייט אוועק. די יידישע וועלט, וועלכע איז פריער באַ־קעמפט געוואָרן אין איר חכמישער טראַנספאָרמאַציע פון שטייגער, תפילה און לימוד, ווערט דערנאָך דערנידעריקט און פאַראַכט און אָפּגעשפּאָט. די השכלה־קעמפער האָבן געשאַפן און דערצויגן אין זייער פוס־טראָט א טיפּ האַלב־אינטעליגענט, וועלכער האָט זיך שוין נישט גענימען די מי צו גע־פינען די טיפע סיבות פון דער השכלה און אָפּשפּירן די גרענעצן פון דער ווערטן־איבערשיכטונג פאר וועלכע מ׳האָט געקעמפט, כדי וויסן אווו עס ליגט דער רוביקאָן וועלכן מען טאָר נישט איבערטרעטן אויב מען וויל נישט אויפטרייסלען די עצם יסודות פון נאַציאָנאַלן יידישן קיום.

דעליטש, דער יונגער קריסטלעכער פאָרשער פון יענער צייט, האָט שוין אנטדעקט דער ערשטער די „עבדות בתוך הרות” פון די יידישע וויסנ־שאַפטס־לייט פון דער השכלה. לוצאטו, ווי א יידישער דענקער, האָט עס אָבער מיט טיפער נשמה־ווייטיק מער אָפּגעשפּירט און געזען ווי עס ווערט אויסגעטראָגן די גרויסע באַרלייקענונג קעגן דעם עצם וועזן פון אלץ וואָס איז אייגנאַרטיק יידיש. מ׳האָט אָנגעהויבן לייקענען אין דער גאַנצער יצירה פון יידישן געניוס, ווייל מ׳האָט זיך באַמיט מיט טויזנט וועגן און אומוועגן צו באַווייזן, אז אלץ וואָס מיר האָבן געשאַפן און אריינגעטראָגן אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור און חכמה אַלס אָריגינעל יידישעס, איז גאָר גענאַשט פון אנדערע פעלקער. דער ראַציאָנאַליזם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א מאַזאָכיסטישער צעשטערונגס־פרייד. און פון דאַנען איז מען אוועק צו פולער קאַפּירונג פון אומות־שטייגער, און מ׳האָט פאַרוואַנדלט דעם יהדות־לימוד, די מנהגים, די דערציאונג, די שולן און בתי־מדרשים — אין א קנעכטיש־טרייער קאָפּיע פון דער קריסטלעכער וועלט מיט אירע מנהגים און אינסטיטוציעס.

די העכסטע אידעאַלן פון יענער תקופה זענען געווען: עמאַנציפּאַציע און יידישע מיסיע. קעגן ביידע איז אַרויס דער שוואַכער־אין־געזונט און אָרעמער לוצאטו אין א ביטערן קאַמף. אין דעם פאַרמעסט קעגן דער „מי־סיאָן”־לערע פון לודוויג פיליפּסאָן און די עמאַנציפּאַציע־לייט דערשיינט

שד"ל אין זיין גאנצער נאציאָנאלער פּראכט ווען ער געפינט דעם גרויסן און טיפן אמת אין ציון. דאָס איז אן אונטערבאוווסטזיניקער, טיף־פאַרבאָרגענער היסטאָרישער אמת, וועלכער בליצט ארויס גאוניש פון שד"ל, ווען ער זאָגט: „זאָל פארלאָרן ווערן דער, וואָס שפּאָט איבער דער מוטערס־קנייטשן, דעם פּאָטערס עלטער טוט פאראכטן און מאכט פאר זיין אָפּגאָט די עמאנציפּאציע. זאָל מיין צונג צום גומען קלעפּן, מיין רעכט אויג דערבלינדן און מיין רעכטער אָרעם פאַרדאַרבן, אויב איך וועל דיר פאַרגעסן, ציון!"

שד"ל האָט אין זיין גאנצער השכלה־דראנג געזען א ווייטערדיקן שטאפּל אין דער יידישער אנטוויקלונג און דערמיט איז ער דער היסטאָרישער עמוד־הענין וואָס האָט איבערגעפירט דאָס יידישע לעבן פון איין ווירקלעכקייט, די פון קנעכטשאפט און מדבר'דיקייט, צו א צווייטער ווירקלעכקייט, פון גרויסן טרוים און מיפולן גאנג צו א ניי אויסדערוויילט לעבן אין אן אייגן לאנד און אין ספּעציפישן יידישן שטייגער און אנדערשקייט.

אהרן בערנשטיין און דאָס רעפאָרם-יידנטום.

אומדערוואַרט און פאַנטאַזיע־רייך זענען די וועגן פון יידישן געניוס. אין דער צייט ווען מיר זעען אַ געוויסן פעריאָד פון אונזער לעבן דורך די קאָנטורן פון אַ פעסטגעשטעלטן קוק־ווינקל, ווען מיר שאַפן זיך באַלד אַ בילד וועגן אויסזיי און כאַראַקטער פון אַ געוויסער היסטאָרישער תקופה, ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז מיר טרייבן איבער די ווירקלעכקייט מיט אונזער ניט־פּאָלקאָמער קענטעניש. מיר האָבן אָנגענומען די הויפּט־שטריכן פון לעבן אַלס די כאַראַקטעריסטישע און אומבאַשטרייטבאַרע אמת'ן וועלכע באַלייכטן דעם פּרצוף פון דער תקופה, און קוקן אַוועק פון די אַזוי־גערופענע צווייט־ראַנגיקע עלעמענטן, וועלכע זענען אפשר אין תוך נישט געווען פון קלע־נערן באַדייט און איינפלוס ווי די גרויסע הויפּט־שטריכן פון דער עפּאָכע.

עס איז באַוווּסט און אָנגענומען אין דער אַלגעמיינער געשיכטע און אין דער קולטור־געשיכטע פון יידנטום פון 19־טן יאָרהונדערט, אַז דער הויפּט־שטריך פון גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע איז געווען דער קאַמף פון דער השכלה קעגן דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום. אַלע געשיכטע־שרייבער האָבן געמאַכט פון דעם מאָמענט דעם צענטראַלן אַנאַליטישן פּונקט פון דער יידישער ווירקלעכקייט פון 19־טן יאָרהונדערט ביז דער ציון־תקופה וועלכע פאַנגט אָן אין די אַכציקער יאָרן. און טראָצדעם וואָס ביי אַלע איז אויך דאָ אַן אָפּשאַצונג פון די אַנדערע, ווייניקער וויכטיקערע, דערשיינונגען אין יידישן לעבן, ווערן זיי אָבער זייער גיך באַהאַנדלט און ווי יוצא־געווען נאָר לגבי אַ געשיכטלעכער דערמאָנונג.

אין יידישן לעבן איז געווען אין 19־טן יאָרהונדערט אַ גאַנצע פּלע־יאַדע פון יידישע קינסטלער, דיכטער, פאָרשער פון דיכטונג, שילדערער פון יידישן שטייגער־לעבן אין גרויסע ראָמאַנען. זיי האָבן אויפגעוועקט, אומ־

באמערקט אפשר פארן פאקטן־זיכנדיקן איג פון א געשיכטע־שרייבער, פאר־ בארגענע כוחות אין די הערצער פון גרויכע מאסן אינטעליגענטע ישיבה־ בחורים פון מזרח־איראפע און ווי אפגעהאקט די פליגל פארן צעשטערישן כאראקטער וואס די השכלה האט מיט זיך געטראגן פאר די נאאיווע זוכער פון איראפע און איר קולטור.

איינער פון די גרעסטע פארשטייער פון יענער פלעיאדע קינסטלער איז געווען אהרן בערנשטיין. געבוירן אין א שטעטל נעבן פויזן, דערצויגן לויטן אלטן שטייגער, ווערט ער ארויסגעריסן פון זיין סביבה צוליב וויסן־דורשט און קומט קיין בערלין. זיין ספעציאליטעט ווערן אלגעמיינע וויסנ־שאפטן. ער שטודירט ביבל־קריטיק, פאליטישע עקאנאמיע, אסטראנאמיע, נאטור־וויסנשאפט און כעמיע. אין זיין איינשטעלונג האט ער געהערט צו די ראדיקאלע רעפארם־מענער און איז געווען איינער פון די הויפט־אידעא־לאגן פון דער ראדיקאלער „רעפארמגעמאסענשאפט”. אין תוך האט ער זיך זייער פיל פארנומען מיט פרעסע, פאליטיק און דאס וויכטיקסטע, פאפו־לאריזירן די פארשידענע וויסנשאפט־צווייגן. זיינע „נאטור־וויסנשאפטלעכע פאלקסביכער” זענען איבערזעצט געווארן כמעט אין אלע איראפעאישע שפראכן. און פון גרויסן ווערט איז געווען דאס אריינדרינגען פון אהרן בערנשטיינס ווערק אויך אין דער יידישער געזעלשאפט פון מזרח־איראפע דורך די איבערזעצונגען, וועלכע זענען פון אים געמאכט געווארן פריער אין העברעאיש (1862 און 1881) און דערנאך אין יידיש (1908).

עס איז נישט גענוג אפצושאצן דעם ווערט פון אהרן בערנשטיין אלס א מאן וואס האט געשפילט נאר „א געוויסע ראלע אויף דער יידישער גאס” ווי עס כאראקטעריזירט עס ד״ר י. צינבערג. ווען מיר נעמען אין באטראכט, אז דער ערשטער איבערזעצער פון בערנשטיין (1862) איז געווען נישט קיין אנדערער ווי שלום־יעקב אבראמאוויטש (מענדעלי מוכר־ספרים), וועל־כער האט אפגעדרוקט אין דער דאמאלדיקער „הצפירה” די העברעאישע איבערזעצונג פון כעמישן טייל פון בערנשטיינס ווערק, קענען מיר זיך שוין פארשטעלן וואס פאר א טיפן איינדרוק עס האט געהאט די איבערזעצונג אויף די טויזנטער און צענער טויזנטער וויסן־גיריקע ישיבה־בחורים. מענ־דעלי האט זיכער אפגעשפירט אינסטינקטיוו, אז ער טוט א גרויסע און

געוואָגטע זאַך דערמיט, וואָס ער שפּאַרט איין אַ סך נאַאיווע ישיבה־בחו־רים דעם דערנער־וועג קיין בערלין כדי דאָרט געפינען אייראָפּע און איר קולטור. מענדעלי האָט אויסגעקליגלט אַן אַנדער וועג. ער האָט פאַרקירצ־וועט אייראָפּע צו די ישיבה־בחורים. דער רייץ פון דער גרויסער וועלט איז נישט געוואָרן געמינערט, אָבער דער העברעאישער לבוש פון דער וויסנ־שאַפט האָט געחידושט, פאַרווונדערט, אויפגעוועקט פאַרערונג צו דער שיינ־קייט פון דער אייגענער שפּראַך, וועלכע „טויג" אויך צו וויסנשאַפט, און די רייזע־לוסט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אַ פולע איבערזעצונג פון בערנשטיינס ווערק אונטערן טיטל „ידיעות הטבע" האָבן געגעבן רודערמאַן און פרישמאַן. דאָס ווערק איז אַרויס אין 21 העפטן אין די יאָרן (1881־1885) און האָט געהאַט עטלעכע אויפלאַ־געס. אין יידיש זענען זיי דערשינען אין דער איבערזעצונג פון אַ. פרומ־קין און נ. שאַפּיראָ (1908־1909).

די דאַמאָלסדיקע יידישע גאַס איז זייער באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דאָס ווערק. בערנשטיין איז נישט געוואָרן באַקאַנט אַלס רעפאָרם־קעמפער נאָר אַלס דער וויסנשאַפטלער. ער האָט דערפילט זיין קולטור־ראָל אין לעבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום דורך זיינע ווערק. יעדער אַרטיקל פון בעמיע אין „הצפירה", אין דער פּרעכטיקער העברעאישער איבערזעצונג פון מענדעלי, וועלכער איז געווען אַ פּיאָנער אין פעלד פון די־העברעאישע וויסנשאַפט־פילאָלאָגיע, איז געווען אַן אויפגעפּראַלטער פענצטער צו דער גרויסער וועלט און איר חכמה־חיצונית דער נשמה־ציטער פון יעדן ישיבה־אינטעליגענט איז געווען דער ערשטער אָנזאָג אויף אַ נאָרמאַלן וועריטן־טויש אין דער פסיכיק און גייסטיקע איינשטעלונג פון דער יידישער אינ־טעליגענץ אין איר איבערגאַנג פון געטאָ־שטייגער צום אייראָפּעאישן לעבן

אָבער נאָך גרעסער איז געווען די ראָל פון אהרן בערנשטיין אין זיין דירעקטן איינפלוס אויף דער יידישער גאַס דורך זיינע באַרימטע ראָמאַנען. זיין אַרויסטריט איז אויבנאויפיק כמעט אַ ניט־פאַרשטענדלעכער אין ליכט פון דער תקופה און פון זיינע אייגענע איבערצייגונגען וועגן יידישן לעבן און די אויפגאַבן פון דער רעליגיע אין דערווירקלעכקייט פון יידישן פאָלק. דער בערנשטיין, וואָס האָט הויך געטראָגן די פאָן פון ראַדיקאַלע

רעפארמען אין דער יידישער רעליגיע, אין דאווגען און אין גאנצן תפלה־רימואל, איז גאר געווארן דער גרויסער באזונגער פון יידיש־פאטריארכאלן לעבנס־שטייגער אין מזרח־אייראפעאישן שטעטל.

קולטור פארבלייבט תמיד א היסטארישע רעטעניש, ווען מען וויל א קולטור־געשיכטע באהאנדלען שטרענג־וויסנשאפטלעך. עס איז אבער דא אין קולטור שטריכן, וועלכע זענען דא אויך אין ליבע. אמאל, דערוועקט זיך א שלל מיט פארבן פון אמאליקע יוגנט־יארן דורך א דערמאנונג פון א פערפום, וועלכער איז זייער צופעליק און אין גאנץ פראזאאישע באדינגונגען דערגאנגען צו אייערע אלפאקטיווע ארגאנען. אמאל איז גענוג א פרעמדע געשטאלט פון א מיידל און א קאליר פון איר קליידל. עס זאלן אנטשטיין, ווי דורך א שטורם, א גאנצער שלל פון דערינערונגען פון אייערע קינדער־יארן.

ווער ווייס פון וואנען ס'האט זיך אנגעפאנגען דער גרויסער שטורם אין דער נשמה פון דעם פארמשבילישטן, איינגעטונקענעם אין פאליטיק, פובליציסטיק, וויסנשאפט, ראדיקאלער רעפארם־זוכעריי און פארפרעמדעטן אהרן בערנשטיין. אפשר איז ער געווען אין קליין שטעטל, צוריקקומענדיק דארט א מידער פון דער רווישיקער בערלין, מיט אירע אייזן־קאלטע „טעמפלען" וואס מ'האט אויפגעשטעלט לכבוד אלהים. אפ'שר איז ער אריין אין א חסידים־שטיבל צו קבלת־שבת און מיט איינמאל האט זיך אויפגעוועקט אין אים דער טיפער געפיל פון דער גייסטרייכער וועלט וואס ער האט פארלאזן מיטן אנטלויפן קיין בערלין, פון וואנען, אין תוך, ער איז צוריקגעקומען מיט א לייזיקער נשמה. נישט די כעמיע און נישט די אבטראנאמיע האבן אים געמוזט שטארקן ווען ער איז געזעסן אין די פרייסישע טורמעס פאר צופיל קריטיקירן די רעגירונג און איר פאליטיק. אפשר איז גאר דארט אויפגעשווומען אין זיין נשמה דער אור־אלטער ווי פון דאס יידישע הארץ?

קען מען דען, אפילו אויף איין מינוט צולאזן דעם געדאנק, אז אין יענע „טעמפלען" איז אנטשטאנען אין אים דער געוואלדיקער דראנג צום יידנטום? עס איז דאך געווען א „טעמפל" און נישט קיין בית־כנסת. מ'האט דאך נישט געדאוונט דארט לויטן יידישן שטייגער נאר מיט אנטבלויזטע

קעפּ. מ'האָט דאָך געשפּילט אָרגל אין די הייליקסטע ימים־טובים. און
יידישע און אפילו קריסטלעכע פרויען האָבן געזונגען אין כאָר. און נישט
שבת נאָר זונטיק איז געווען דער רו־טאָג. נישט אומזיסט האָט משה מענ־
דעלסאָן פון האמבורג, דער פאַרפאַסער פון פּאַמפלעט „פּני תבל", גע־
שאַפן א פּאַראָדיע אויפן באוווסטן פּיוט פון אלקבּצעס „לכה דודי" אין איס
אזוי געזונגען: „לכה דודי לקראת כלה, פּני זאָנטאָג נקבלה"!

דער פּראָצעס איז געווען גראָד א פּאַרקערטער. יענע רעפאָרם־שולן,
יענע נייע ריטואלן, יענע מנהגים און אויסבעסערונגען, האָבן אָפּגעטויט
דאָס זאַפטיקסטע, דאָס לעבעדיקסטע און וויטאַלסטע אין יידישן מנהג
און לעבנס־שטייגער. עס איז געוואָרן א גרויסע ליידיקייט ארום און ארום.
דאָס היים־פילנדע יידיש הארץ פון אהרן בערנשטיין האָט נישט געקענט
פאַרטראָגן די פאַרלוימדונג פון יידישן אינהאַלט פון הונדערטער יאָרן און
דאָס אָפּקערן זיך פון די לעבעדיקע קוואלן פון יידישן קיום. ער האָט גע־
מוזט רעוואָלטירן. און ער איז אוועק צוריק צום יידישן שטייגער־לעבן און
געשאַפן זיינע בארימטע ראָמאַנען וואָס האָבן אין זיין צייט געהאַט זייער
א גרויסע השפּעה אויף דער ניט־יידישער ווי אויך יידישער געזעלשאַפט.

אהרן בערנשטיין איז אריינגעטונקען אין דער יידישער ווירקלעכקייט
פון שטעטל און שילדערט עס מיט דער גרעסטער ליבע און פאַרערונג. ער
האָט גלייך געזען נישט די אויסערלעכע אומריינִיקייט, און אויך נישט די
א ביסל פאַרפעטסטע קאַפּאָטע, נאָר האָט גלייך פאַרשטאַנען זיך צו פאַר־
טיפן און דערגיין צו די קוואלן פון וואַנען דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד־
צייט זיין יניקה. גראָד דער שבת ווערט ביי אים געשילדערט אין זיין פולער
פּראַכט און מיט טיפן, הייליקן ציטער, ווי זיין גרויסער מיטצייטלער היינ־
ריך היינע, וואָס האָט אויך געזען אין מזרח־אייראָפּעאישן יידן מערער
שטאָלץ און מענטשלעך־נאַציאָנאַלן מוט, ווי אין דעם פּחדנישן רעפאָרם־ייד
פון מערב־אייראָפּע. איבער זיינע העלדן וועבט זיך א וווּנדערבאַרע אידי־
ליע פון רו און נשמה־יתרה'דיקייט. הימלען בויגן זיך איבער זייערע קעפּ
און די מלאכי השרת האָבן טאַקע אראָפּגענידערט אויף די קעפּ פון „נוה
בראַל און זיין געליבטער פרוי טויבעלע".

בערנשטיין, ווען ער שילדערט די טראַגעדיע אין שטעטל, מאַכט ער

עס אזוי יידישלעד־טרויעריק, אַז דער שרייעוודיקער צערעמאָנישקייט פון וועלכער אפילו די גרויסע דראמאטורגן האָבן זיך נישט געקענט באַפרייען. אין ראָמאן „מענדל גבור", האָט הענעלע ליב דעם פשוטן מענדל. איר יחסנישע פאמיליע לאָזט איר אָבער נישט חתונה האָבן פאַרן פּראָסטן יונג. זי ווייס אָבער אז ער איז אן ערלעכער. געפינט הענעלע איר הילף אין דער בלינדער באָבען מלכה'לען, וועלכע בענטשט איר „זי זאָל געהערן צו די מיידלעך מיט די שטאַרקע הערצער". ווי יידישלעך צוריקגעהאַלטן און פול מיט רייצנדיקער אָבער גלייכצייטיק עניוות'דיקער אָפנהערציקייט הענעלע לייגט פאַר מענדל גבור ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. „זי געברויכט דעם באַקאַנטן תּלמודישן שפּרוך" ווען זי זאָגט צו אים: „טרעט אראָפּ נידעריקער און נעם דיר א פרוי". ווי שיין איז די שטעל אין זיין ראָמאן און ווי טיף פּסיכאָלאָגיש אויסגעהאַלטן. הענעלע ווייס, אז ער האָט איר ליב, אָבער ער גלויבט נישט אז זי וועט אים וועלן פאַר א מאַן. מוז זי, הייסט עס, נעמען די „איניציאַטיוו". און זי טוט עס מיט א טיפער פאַרשטענדעניש פאַרן מענערשן שטאָלץ, אויסנוצנדיק דעם תּלמוד־שפּרוך: „טרעט אראָפּ נידעריקער און נעם דיר א פרוי".

אהרן בערנשטיין האָט טיפער פאַרשטאַנען דעם זין פון דער הסכּמה פון דער פרייסישער רעגירונג אויף געוויסע פּלענער פון איבערגאַנג פון די יידן צו לאַנדווירטשאַפט און פון דער צווייטער זייט דאָס פאַרוועדן יינגע יידישע מענער גיין פּעדלען אין די דערפער.

„עס האָט טאַקע געשטעקט א גרויסע געפאַר אין דעם — שרייבט בערנשטיין — וואָס יידן פלעגן ברענגען אויף זייערע פּלייצעס אין דאָרף צו פאַרקויפן פאַטשיילעס, סיטץ, בענדער, שפּילקעס, קאָרקנציער, מעסערלעך, קנעפּלעך, הויזן־טרעגער, שפּיגעלעך, קליידער־בערשטלעך... און דערמיט צונעמען ביי די פּויערים די מעגלעכקייט פון מאַכן די ציווילריזירנדיקע רייזע אין שטאָט אריין און דאָרט קויפן די זעלבע חפצים ביי די שטאָטישע מייסטערס... לויט דער פעסטער איבערצייגונג פון די חכמים־געזעצגעבער, איז טאַקע זייער טרויעריק און שעדלעך, וואָס די פּויערים דאַרפן נישט אוועקוואַרפן זייער אַרבעט און בעל־בית'ישקייט און זיך שלעפּן אין שטאָט־אריין... דערויף האָבן זיך שטאַרק פאַריבל די סוחרים פון די גרויסע

שטעט. זיי געפינען אייך, אז די סאָציאַלע צושטאַנדן וואָלטן זיך באדייטנדיק געבעסערט, ווען מען זאָל צווינגען דעם פויער, ער זאָל קויפן אַלע וואָס ער האָט נויטיק, און פארקויפן זיינע פּראָדוקטן אויסשליסלעך אין זייערע קראָמען און ווארשטאַטן". (ציטירט לויט ד"ר י. צינבערג.)

זייער כאראקטעריסטיש פאר בערנשטיינס באַנעמען די יידישע ווירקלעכקייט איז אויך געווען די איראָניזירנדע קריטיק אקעגן די יידישע גבירים, וועלכע האָבן געזען זייער הזות־הכל אין דער עמאנציפאַציע. ער האָט שוין אָפּגעשפּירט מיט זיין טיפער יידישער נשמה, אז דאָ עפנט זיך גאָר א טויער וואָס פירט אַרויס צום תהום פון אומקום.

דער בערנשטיין, וועלכער האָט געשאפן און אויפגעשטעלט טאָגצייטונגען און גרויסע זשורנאַלן אין דייטשלאַנד, איז געווען דער איינציקער וואָס האָט שוין אין זיין צייט אָפּגעשאַצט פּאָזיטיוו די ראָל פון דער יידישער שפּראַך אין לעבן פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע. ער איז אין דעם פאַל אן איניקום צווישן אַלע יידישע וויסנשאַפטלעכע־לייט פון מערב־אייראָפּע פון דעם רעפאָרם־חדר. ער זעט א גרויסע קולטור־ראָל אין דער „צאינה וראינה", אין „בנות־ירושלים", „חכמת־נשים" און אַנדערע ביכער, וועלכע זענען געווען די גרונט־שאפונגען אין דער האַלב נאָך דייטשמערישער, אָבער שוין מיט אייגענע קלאָרע כאַראַקטער־שטריכן, פון דער יידישער שפּראַך.

די אַלע עלעמענטן ווייזן אונז קלאָר אָן, אז פארגרייזט איז דער צוגאַנג, וואָס זעט אין יידישן לעבן פון 19־טן יאָרהונדערט נאָר דעם קאַמף צווישן השכלה־רעפאָרם פון איין זייט און חסידישן און מתנגדישן שטייגער פון דער צווייטער זייט. עס זענען געווען נאָך פיל עלעמענטן, שרייבער און שאפונגען, וואָס האָבן נישט געהאַט אזא רוישיק־היסטאָרישן אָפּקלאַנג, אָבער זיי זענען געווען צאַפּלדיקע קוואַלן, וועלכע זענען געווען זייער גאַנץ דער יידישער נשמה און נאַציאָנאַלן אינהאַלט, און האָבן פאַמעלעך באַווירקט די אַנטוויקלונג פון געטאָ־אַרויס און פון אן אָפּגעשטאַנענער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט, צו א מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און דער באַנייאונג פון די אַלטע ווערטן פון יידישקייט און יידיש;

ישעיהו אוסטרי־דן

אינהאלט אין די מאָדערנע כלים פון דער העברעאיש־יידישער קולטור און פון דער נאַציאָנאַלער באפרייאונגס־באַוועגונג פון ציוניזם.

אהרן בערנשטיין דארף פאררעכנט ווערן צווישן די קוואל־טרעגער פון ריינער יידישקייט אין דער ארומיקער פארפרעמדונג פון דער השכלה־העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.